STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00045

YAAKOV GORDIN'S EYN-AKTERS

Jacob Gordin

Permanent preservation of this book was made possible by
Thomas Goldman, Danny Tobias, Jonathan Goldman & Jim Tobias
in memory of
Fannie Singer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גאָרדינ׳ס איינאַקטערס

ארויסגעגעבען פון

„ט אָ ג“

183 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

Copyright 1917—by

JACOB M. GORDIN ESTATE

אינהאַלט:

ערשטער טהייל

1. דער גייסט פון דער גהעטאָ.
2. די וואָהלטעטער פון דער איסט סייד.
3 דער רוסיש אַמעריקאַנישער פעראיין מיט בריטע אידעאַלען.
4. אַ טענה צווישען מאַן און פרוי.

צווייטער טהייל

1. ער און זי.
2. איז ער שולדיג?
3. חצקאל דראַבמע׳ס מאָנאָלאָג.
4. די וואַהנזיניגע אַקטריסע.
5. דער אָבגעשטאָרבענער קינסטלער.

דריטער טהייל

1. זי וויל ניט דעם שידוך.
2. אַ טראַגעדיע דורך שפאַס.
3. פאַרוואָס מענער ליעבען.
4. קאַפיטאַן דרייפוס.
5. יאָקעל דער אָפער׳ן מאַכער.
6. נאָך דער שחיטה.
7. די טיפען גאַלעריע.
8. דער קריזיס.

די אויפגאַבע און דער צוועק פון איין־אַקטערס

(אנשטאַט אַ פאָרוואָרט צו יעקב גאָרדינ׳ס „איינאַקטערס.)

פון אלכסנדר גאָרדין.

פאַרלעגענדיג פאַר די אידישע לעזער אַט די קליינע, אָבער וויכטיגע, אויסגאַבע פון „יעקב גאָרדינ׳ס איינאַקטערס" קענען מיר מיט זיכערהייט פאָראויסזאָגען, אַז די זאמלונג וועט אַרויסרופען דעמזעלבען אינטערעס, אויפמערקזאַמקייט און וואַרעמע אויפנאַהמע, וואָס יעדע שאַפונג פון גאָרדין׳ס פרוכטבאַרער פען האָט אַרויסגערופען. דער דאָזיגער נייעסטער צוגאָב צו זיינע געדרוקטע ווערק וועט צוזאַמען מיט די צוויי בענדער פון זיינע צעהן בעסטע דראַמען און די פיער בענדער פון זיינע קורצע ערצעהלונגען און אַבהאַנדלונגען, בעדייטענד דערנעהנטערן די אונטערנעהמונג אַרויסצוגעבען אַ פאָלשטענדיגע אויסגאַבע פון זיינע אַלע שריפטען. צוזאַמען מיט זיינע אַנדערע גוטבעקאַנטע, ערפאָלגרייכע דראַמען איז נאָך פאַראַן אַ גאַנצע מאַסע אונפערעפענטליכע קליינע ערצעהלונגען, אַרטיקלען און אַנדערע שריפטען. די העכסטע אַמביציע און האָפנונג פון דעם שרייבער פון אַט די שורות איז צו זעהן ביי זיין לעבען אַ פאָלקאָמענע אויסגאַבע פון יעקב גאָרדינ׳ס שריפטען.

אין דער ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער בעמערקען מיר, אַז אפילו זייערע וועניגער בעדייטענדע שרייבער בעקומען פולע אַנערקענונג ביים פאָלק, וועמענס לעבען, אידעאַלען, פריידען און ליידען זיי האָבען טריי געמאָהלען. זייערע שאַפונגען ווערען געזאַמעלט און פערשפרייט צווישען פאָלק אין מעהרערע אויסגאַבען. יעדע שורה, יעדער אות אפילו פון דעם אונבעדייטענדסטען פראַגמענט אָדער בריעף ווערט אויפמערקזאַם צונויפגעקליבען, אָבגעהיט און איבערגעשריבען אויף

פארמעט כדי דאָס צו האַלטען אין ביבליאָטעקען און מוזעאומס פאַר'ן געברויך פון געלעהרטע און אַלגעמיינע לעזער. אין דער הינזיכט זיינען די אידישע שרייבער אַ טרויעריגער אויסנאַהם. זיי ווערען אויף אַ בעדויערענסווערטסטען אופן פערנאַכלעסיגט. נעהמען מיר, למשל, אַזאַ שרייבער מיט אַ פעסטגעשטעלטער רעפּוטאַציע ווי יעקב גאָרדין, וועלכען מען קען, ניט איבערטרעטענדיג די מאָס פון בעשיידענהייט, בעצייכענען אַלס דעם וויכטיגסטען אידישען דראַמאַטורג און אַלס איינעם פון די בעדייטענדסטע אידישע שריפטשטעלער. און דאָך קומט אָן יעדער פערזוך אַרויסצוגעבען זיינע ווערק מיט גרויס מיה און אונגעהויערע שוועריגקייטען. בעת אין רוסלאַנד זיינען שוין כמעט אַלע זיינע דראַמען ערשינען און ווייט פערשפּרייט אין פערשיידענע אויסגאַבען, אין אידיש און אין רוסיש, איז אין אַמעריקאַ, וואו ער האָט אַזוי טריי און געוויסענהאַפט געווידמעט זיין גאַנץ לעבען צו שטודירען און שילדערן די שרייענדע נויטען, די וויכטיגסטע פּראָבּלעמען, נסיונות, שטרעבונגען און קאַמפען פונ'ם אידישען פאָלק, בלויז אַ קליינער טייל פון זיינע שריפטען פערעפענטליכט געוואָרען און יעדער פערזוך אָט אין דער בעציהונג ווערט בעגעגענט מיט קאַלטער גלייכגילטיגקייט.

נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט אָט דעם טרויעריגען פאַקט, גלויב איך, אַז די צייטונג „דער טאָג“ האָט פערדיענט אַ בעזונדערען יישר כח פאַר דער געלעגענהייט אַרויסצוגעבען דעם באַנד „יעקב גאָרדינ'ס איינאַקטערס“. מיט דעם אָנפאַנג פונ'ם יאָהר 1915 האָט „דער טאָג“ אָנגעהויבען דרוקען כסדר וועכענטליך (מיט דער אויסנאַהמע פון איין לענגערען אָבשטעל) די דראַמאַטישע סצענען, מאָנאָלאָגען, דיאַלאָגען און קאָמעדיען פון יעקב גאָרדין, ביז זיי זיינען אַלע אָבגעדרוקט גע־וואָרען אין דער צייטונג. אַלס נעקסטען שריט האָט „דער טאָג“ זיך אונטערנומען צו פעראייניגען אָט די איינאַקטערס און געבען זיי אַ פעסטגעשטעלטע, דויערהאַפטע פאָרם, אַרויסגעבענדיג אַ באַנד פון „יעקב גאָרדינ'ס איינאַקטערס“. וואָס די מעלות אָדער חסרונות פון אָט דעם באַנד זאָלען ניט זיין, וועט ער פערנעהמען אַ פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור אַלס עטוואָס אין וואָס יעקב גאָרדין האָט אַריינ־געהויכט אַ טייל פון זיין גייסט, שטרעבונגען און ציעלען. דער באַנד וועט איצט פאָרשטעלען אַ טייל פון גאָרדינ'ס אַרבייט אויפ'ן פעלד פון דער אידישער דראַמאַ.

דער צוועק פון אָט דער פאָררעדע איז ניט צו פערענטפערען,

קריטיזירען, אבשעצען אדער אורטיילען דעם ווערטה פון גארדין'ס איינאקטערס. זיי וועלען רעדען פאר זיך אליין און וועלען אליין אריינטראגען זייערע מעכטיגע געדאנקען און געפיהלען אין די הערצער פון די אידישע לעזער. מיין אבזיכט איז בלויז צו געבען געוויסע בעמערקונגען און אנדייטונגען, וואס זאלען דיענען אלס וועג־ווייזער פאר די לעזער, צו קענען בעסער פערשטעהן את די איינאקטערס, זייער ציעל און די אומשטענדען אונטער וועלכע זיי זיינען געשריבען געווארען.

ווען דער פערפאסער וואלט איצט געלעבט און וואלט אליין אכטונג געגעבען אויף דער אויסגאבע פון זיינע איינאקטערס, וואלטען זיי געווים ארויסגעקומען אין אנאנדער פארם. ער וואלט אפשר איינינע פון די איינאקטערס פערבעסערט, געענדערט אדער פערפאלקאמט, אזוי ווי אבער זיי ווערען פערעפענטליכט נאך זיין טויט, פעהלט די איינאקטערס יענע אויסבעסערונג און אויסשלייפונג, אהן וועלכער קיין שום פערפאסער גיט ניט ארויס זיינע ווערק. צום בעדויערען האבען מיר פון מאנכע איינאקטערס געהאט בלויז די ערשטע, ניט בעארבייטע מאנוסקריפטען אדער שלעכטע קאפיע פון זיי, ווייל די בעסערע מאנוסקריפטען זיינען פערלארען געגאנגען. פון דער אנדערער זייט אבער, האבען מיר דאס גליק געהאט ארויסצוגעבען אין „טאג" אכט פון די איינאקטערס אונטער דער אויפזיכט און רעדאקציע פון יואל ענטין, וועמעס טיעפער בעגריף און ברייטע אבשאצונג פון יעקב גארדין, האבען פיעל בייגעטראגען צו דער פאלקאמענהייט פון דער אויסגאבע. מיר האבען אין את דער אויסגאבע איינגעשלאסען אלע ענטין'ס בעמערקונגען און ערקלעהרונגען צו די איינאקטערס אלס א וויכטיגער טייל פון זיי, בעצייכענט אונטער דער אויפשריפט „י. ע.". מיר זיינען אויך פערפליכטעט צו י. ענטין פאר זיין איבערזעצונג פונ'ם איינאקטער „די וואהלטהעטער פון דער איסט סייד", וועלכער איז אריגינעל געשריבען געווארען אין רוסיש.

יעקב גארדין האט געשריבען זיינע איינאקטערס אין צווישען־צייט פון זיין גרעסערער און שווערער ארבייט, וואס ער האט געמוזט אבגעבען פאר זיינע גרויסע און ערנסטע פראבלעם־דראמען. את די קליינע דראמאטישע סקיצען וואס ער האט אויפגעשריבען ביי געוויסע געלעגענהייטען פאר א מאמענטאלען צוועק, האבען איהם א ספעציעלען פערגעניגען פערשאפט, ווייל דאס האט איהם מעגליך געמאכט אויפ־צוכאפען אן אויגענבליקליכען געדאנק, א מערקווירדיגע פאסירונג, א

קאַמישען צופאַל אַדער אפילו א וויכטיגע פראַגע פון טאָג, וואָס וואָלט אָבער פערלאָרען די בעדייטונג, ווען ער זאָל עס געווען פערציהען דורך א לענגערער בעאַרבייטונג.

דער איינאַקטער אַדער דראַמאַטישער „סקעטש" שטעלט מיט זיך פאַר א ספּאָנטאַנע שאַפונג, וואו די אידעע פונ'ם פערפאַסער ווערט אונמיטעלבאַר פערקערפּערט אין א קורצען סוזשעט מיט לעבעדיגע כאַראַקטערען און געשילדערט מיט לעבהאַפטע אויסדרוקען. די „קליי־נע דראַמאַ" איז ביי איהם געווען א שנעלער, שאַרפער און ווירקזאַמער אויסדרוק פון זיין צופעליגען, פערבייפליהענדען געדאַנק און דערפאַר איז דאָס ביי איהם געווען אזוי בעליעבט. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיג צו האַלטען פאַר אונבעדייטענד דעם ווערטה פון די איינ־אַקטערס צוליעב זייער קליינקייט אַדער שנעלער, רויהער בעאַרביי־טונג. ווען א קונסט־ליעבהאָבער קומט אין א מוזעאום, שטודירט ער די גרויסע פיין־בעאַרבייטע בראָנז אַדער מאַרמאָר סטאַטוען פון ראָדין מיט ניט מעהר אינטערעס ווי ער שטודירט זיינע קליינע ליי־מענע פיגורען, ווייל אַט די, כאָטש ניט קיין דערענדיגטע, אָנגעוואָר־פענע שטיקלעך סקולפּטור, זיינען פונקט אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר ראָדען'ס טאַלאַנט, ווי זיינע גרויסע און בעסער־פערענדיגטע ווערק.

אויף דעמזעלבען אופן וועלען יעקב גאָרדינ'ס איינאַקטערס פאַר'ן פאָרשער אַדער פאַר'ן לעזער פון זיינע דראַמען אָהן א ספק זיין זעהר אינטערעסאַנט און ניצליך. דורך זיי וועט ער זיך לייכטער און גע־נויער בעקענען מיט גאָרדינ'ס מעטאָדען פון אויפבויען, ענטוויקלען און אויסאַרבייטען א דראַמאַטיש ווערק. אין א בילדער־גאַלעריע קען מען אַמאָל זעהן א גרויס בילד פון די גראַנדיעזע אַלפּענבערג און דערנעבען א בילדעל פון א לאַנדשאַפט וואָס שטעלט פאַר א בוימעלע וואַקסענדיג אויף א קליין בערגעל. פונדעסטוועגען קען דאָס קליין בילד, צוליעב זיין אָריגינאַליטעט און צויבער, זיין פונקט אַזאַ גרויסע קונסטווערק ווי דאָס גרויסע בילד. אמת'ע קונסטווערק ווערט ניט געמאָסטען נאָך דער מאַטעריעלער גרויס, נאָר נאָך דער בעגאַבטקייט פונ'ם אַרטיסט אריינצודרינגען אין דער טיעפעניש פון דער נאַטור'ס „נשמה". דאָס איז בעזונדערס ריכטיג בנוגע דער דראַמאַ, וועלכע בעהאַנדעלט די געפיהלען, די נשמה און די אידעאַלען פון מענשען; וועלכע שילדערט דאָס מענשליכע לעבען — יענעם ריעזיגען שמעלץ־אויווען, וואו עס זידען און מישען זיך אָהן אויפהער די פערשיעדענע פאָרמען פון ליידען און פריידען, פון שרעק און האָפנונג.

אין קונסט איז בלויז דאָס שעהן, וואָס האָט אין זיך כאַראַקטער. און אין יעקב גאָרדינ'ס איינאַקטערס זעהען זיך דייטליך אַרויס די כאַראַקטער־שטריכען פון זיין קונסט. כמעט אין יעדער שורה פיהלט זיך דעם פערפאַסער'ס אייגענטימליכקייט, די אָבשפּיגלונג פון זיין האַרץ מערקט זיך אין יעדען טיפּ און אין יעדער סיטואַציע, וואָס ער האָט געשאַפען; דער שמייכעל פון זיין ברייטער נשמה שטראַהלט אַראָב אויפ'ן הויז, אויפ'ן מעבעל און אויף די פּערזאָנען פון דער האַנדלונג. יעדע איינציגע פון אָט די קליינע שפּיעלען ענטהאַלט אין זיך אַ געדאַנק, אַ שטימונג, אַ לעקציע לויט די ציעלען פונ'ם פער־פאַסער אַלס אַ דראַמאַטורג — ניצליך צו זיין דעם אידישען פאָלק אָדער דער מענשהייט, צו אַנטפּלעקען אַ געוויסען אמת, אויפצודעקען אַ סאָציאַלען איבעל, אויסצואוואָרצלען אַ פערדערבליכען מנהג, גע־וואָהנהייט אָדער טראַדיציע, וועלכע ער בעטראַכט פאַר שעדליך אָדער אָבגעלעבט, צו פערלאַכען מיט זיין שאַרפער סאַטירע אַ נאַרישע קאָנ־ווענציאָנאַליטעט אָדער אייגענטימליכקייט פון אַ ראַסע אָדער איינ־צעלנער פּערזאָן; אויסצוראַמען פון דער וועלט אַבערגלויבען און פאַ־נאַטיזם, לערנענדיג די ברייטערע און טיעפערע פּרינציפּען און אידעאַ־לען פונ'ם לעבען. אָט די מעלות פון יעקב גאָרדינ'ס איינאַקטערס וועלען, גלויבען מיר, בעדייטענד איבערשטייגען די קליינע חסרונות אין דער טעכניק אָדער קונסט אָדער דעם ניט־פּאָלירטען סטיל וואָס מאַנכע פון אונזערע ליטעראַטור־קריטיקער קענען אפשר געפינען אין איינינע פון אָט די איינאַקטערס. אין אַלגעמיין קענען זיך גאָרדינ'ס איינאַקטערס פערגלייכען מיט זיינע בעסטע שאַפונגען.

אין יאַהר 1890, ווען יעקב גאָרדין האָט בעשלאָסען זיך ערנסט איבערצוגעבען צו דער אידישער דראַמאַ, האָט זיך דאָס אידישע טעאַ־טער אין אַמעריקאַ נאָך געפונען אין אַ זעהר טרויעריגער, מאוס'ער לאַגע. בלויז די בילינגסטע שונד־שטיק און מעלאָדראַמען זיינען אויפ־געפיהרט געוואָרען, די אַזוי גערופענע „היסטאָרישע אָפּערעטען" מיט זייערע קופּלעטען, ליעדלעך און טענץ, מיט די רייכע קאָסטיומען און פּראַכטפאָלע דעקאָראַציעס זיינען געווען די בעסטע צוציהונגס־מיטלען פאַר'ן עולם. די אידישע אַקטיאָרען זיינען געווען ניט מעהר ווי ליאַל־קעס און פּאַיאַצען און די אידישע ביהנע איז געווען פערזונקען אין אַ טיעפען זומפּ פון וואולגאַריטעט, וואו יעדער פּרינציפּ פון קונסט איז שענדליך פערשוועכט און בעליידיגט געוואָרען. צו ברייננגען אָרד־נונג און אַנשטענדיגקייט אינ'ם אידישען טעאַטער האָט דעמאָלט אויס־

געזעהען צו זיין א ריעזיגע אויפגאבע, אויפצופיהרען א ריינע ליטעראַרישע דראַמא אויף דער אידישער ביהנע איז בעטראַכט געוואָרען כמעט פאַר אַן אונמעגליכקייט. אָט אין יענער צייט פון שווערען קאַמף געגען די פינסטערע כחות פון אונוויסענהייט און קונסט־פערשווערונג האָט יעקב גאָרדין געפאַסט דעם בעשלוס צו פּראַזענטירען דאָס אידישע פאָלק אין זיין קאַמף פאַר א ריינער און קונסטטרייער דראַמא. ער האָט דאַן אָרגאַניזירט א געזעלשאַפט אונטער'ן נאָמען „די פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע" מיט'ן צוועק צו פּאָפּולאַריזירען און דעמאָקראַטיזירען די דראַמא און ער האָט דירעקט אַפּעלירט צום פאָלק די בעוועגונג צו אונטערשטיצען.

אַן עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרען אין א קליינעם טעאַטער אין 104 באוערי, וואו די דאָזיגע געזעלשאַפט האָט אין ווינטער פון 6—1895 פּרובירט אויפפיהרען גוטע, ערנסטע דראַמען. דער פּערזוך איז אָבער געווען א דורכפאַל, ווייל דאָס אידישע פּובליקום איז נאָך ניט געווען צוגעגרייט פאַר אזא סאָרט בעוועגונג. יעקב גאָרדין האָט אָבער פאָרט ניט אויפגעגעבען זיין בעשלוס צו מאַכען די בעסערע דראַמא צוגענגליך פאַר'ן אידישען פאָלק, און כדי צו דערגרייכען אָט דעם ציעל, האָט ער אָנגעהויבען שרייבען זיינע איין־אַקטערס, וועלכע האָבען אויך צוליעב דעם א בעזונדערע היסטאָרישע שייכות צו דער אידישער דראַמא און טעאַטער.

.2

יעקב גאָרדין האָט בעטראַכט דאָס טעאַטער פאַר א געזעלשאַפטליכער אינסטיטוציע און ניט פאַר א פּריוואַט־אונטערנעהמונג פאַר געשעפט און פּראָפּיט. ער האָט געגלויבט, אז וואָס שנעלער דאָס טעאַטער וועט סאָציאַליזירט ווערען, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַר דער פרייהייט פון קונסט. דער איינאַקטער האָט אָבער געקענט דיענען פאַר אָט דעם צוועק פיעל בעסער און ווירקזאַמער איידער די לעגיטימע דראַמא. דער איינאַקטער ווערט געבאָרען אין גייסט פון רעוואָלט געגען די אָנגענומענע רעגלען און אייזערנע געזעצען פון צייט, אָרט און איינינקייט, וואָס בעהערשען די טעכניק פון דער דראַמא, און געגען דעם הערשענדען קאָמערציאַליזם פונ'ם טעאַטער. ער רעבעלירט געגען די שטרענגע פאָדערונגען פון עטליכע אַקטען, פון א צאָהלרייכען פּערזאָנאַל און פון גענויער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליזע אין דער בע־

האַנדלונג און ענטוויקלונג פון דער דראַמע, פאַר'ן איינאַקטער, וועלכער פאָדערט דעם איינפאַכסטען און קורצסטען דראַמאַטישען אויסדרוק, איז אָפט געגוג ניט מעהר ווי צוויי אָדער דריי האַנדעלנדע פערזאָנען.
דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דעם איינאַקטער צייגט זיך אויך אַרויס דערמיט, וואָס ער זוכט שטענדיג אויסצומיידען דעם אַלטען אויסגעטראָטענעם וועג און זוכט אַלץ נייע מעטאָדען און פאָרשטעלונגס-פאָרמען. דאָ ליעגט דער סוד פון מעטערלינק'ס וואונדערבאַרען ערפאָלג מיט זיינע בעריהמטע „מאַריאָנעטען-שפּיעלען", וועלכע האָבען דעם רעוואָלט נאָך ווייטער געבראַכט, דורך זייער פאָלשטענדיגער בעזייטיגונג פונ'ם פּראָפעסיאָנעלען שוישפּיעלער. דער אַלטער גלויבען, אַז בלויז איינשטודירטע און אויסגעלערנטע אַקטיאָרען קענען מיט זייער שפּיעלען ריכטיג אויסטייטשען אַ דראַמאַ, האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר פאַלש, ווייל מעטערלינק האָט אָנפערטרויט זיינע קורצע דראַמען צו ליאַלקעס, צו הילצערנע אויטאָמאַטען. אַזוי זוכט אַלץ דער רעבעלישער איינאַקטער פערשיעדענע וועגען זיך צו בעפרייען פון אַלע אַלטע געזעצען און בעשרענקונגען, בעת די לעגיטימע דראַמאַ מוז האָבען אַ טעאַטער-געביידע, אַן אוידיטאָריום, אַ ביהנע מיט אונצעהליגע מאַשינאַציעס, אויסשטאַטונגען, קאַלציום, עלעקטרישע ליכט און עפעקטען, פאָרהאַנגען, קאָסטיומען, דעקאָראַציעס און אַנדערע נויטיגקייטען, בעגעהט זיך דער איינאַקטער אָהן אָט די אַלע מכשירים. ער בענויטיגט ניט קיין „הויז", קיין אייגענטום און קיין ביהנע. ער קען געשפּיעלט ווערען אין אַ זאַל, אין אַ שול-צימער, אויף אירגענד וועלכער פּלאַטפאָרם און אויף דער פרייער לופט. נאָך מעהר; אַזוי ווי דער איינאַקטער פאָדערט ניט קיין גרויסע הוצאה, איז ניט אָבהענגיג פון „רייכער אויסשטאַטונג" און פערשפּרעכט ניט קיין גרויסע פּראָפיטען פאַר ספּעקולאַנטען און געלד-זוכענדע טעאַטער-דירעקטאָרען, בלייבט ער דערפאַר ריין און אונבעפלעקט פון די געלד-אינטערעסען און קאָמערציאַליזם וואָס בעהערשען דאָס טהעאַטער. דער איינאַקטער ווערט ניט פערקויפט אין קנעכטשאַפט צו די „טעאַטער-פּאַטראָנען", וועמענס געשמאַק און קאַפּריזען מען שטרעבט צו בעפרידיגען; ער דאַרף ניט אַמוזירען דעם „מיעדען געשעפטסמאַן", וועלכער האָט אַם בעסטען ליעב אַ „לייכטע, נאַרישע שפּיעל"; ער מוז זיך ניט בויגען פאַר דיספּעפּטיקער, וועלכע דאַרפען אַ שפּיעל כדי צו העלפען זייער פערדייאונג; ער האָט ניט די אויפגאַבע צופרידענצושטעלען די לעבע-יונגען, וועלכע זוכען אויפרעגענדע אונטערהאַלטונגען; ער

דאַרף, אין קורצען, ניט רעכענען זיך מיט טויזענד און איינע פאָדערונ־
גען און בעדינגונגען וואָס האַלטען אין צום די גרויסע דראַמאַ. דער
איינאַקטער איז רעוואָלוציאָנער אין זיין ניט אַכטען די דראַמאַטישע
טראַדיציעס און די געלד־קאַסע. ער בעזייטיגט די איבערפליסיגע
דעקאָראַציעס. די אַלטע פאַרשטעלונגס מעטאָדען, די רייכע קאָסטיו־
מען, די „שעהנע מיידלעך", די שפּאַס־מאַכער און פּאַיאַצען און די
אַלע בעפוצונגען, וואָס ווערען אָנגעווענדעט כדי צו מאַכען אַ גרויסען
„היט". ער איז אַן ערלייזונג פון די שווערע „טעאַטער־פּראָדוקטען"
און פון די פּוסטע, אויבערפלעכליכע און אינהאַלטסלאָזע טעאַטער־
מאַכערייען.

יעקב גאָרדין האָט אויסגעפונען, אַז דער איינאַקטער איז ניצליך
און מעהר ווי איין וועג. די ערשיינונג פון'ם איינאַקטער איז געווען
אַ גרויסע נייעס און איבעראַשונג, ווייל די אידישע ביהנע האָט נאָך
ביז דעמאָלט פון אַזאַ זאַך ניט געוואוסט. די סאָרטען איינאַקטערס,
וואָס מען האָט יע ביז דאַן אויפגעפיהרט, זיינען געווען אָדער ביליגע
פאַרס־קאָמעדיעס אָדער לעכערליכע פּאַיאַצען־שטיק וואָס זיינען איבער־
געניצעוועט געוואָרען פון די אַמעריקאַנער וואָדעווילען. גאָרדין'ס
איינאַקטערס זיינען געשריבען געוואָרען מיט'ן צוועק פאַר ערציהונג
און מיט דער אַבזיכט זיי זאָלען אויפגעפיהרט ווערען פון ליעבהאָבער
פון דער דראַמאַ, אַנשטאַט פון פּראָפעסיאָנעלע שוישפּיעלער. ער האָט
געזוכט צו בעזייטיגען די גרענעץ צווישען דעם אַקטיאָר און צושויער,
צווישען פּערפאָרמער און פּובליקום און צו ענטוויקלען ביי דער מאַסע
אַן עכטע ליעבע און הויכשעצונג צו דער קונסט.

דער איינאַקטער האָט געגעבען די בעסטע געלעגענהייט פאַר קונסט־
ליעבהאָבער צו קומען אין דירעקטער בעריהרונג מיט דער דראַמאַ און
איהרע מעטאָדען און זיי אויסלערנען דורך פּערזענליכער ערפאַהרונג
ביים שטודירען, ביי דער פּראָבע און ביים אויפפיהרען זי אויף דער
אַמאַטיור־ביהנע. אויף דעם אופן האָט ער געמאַכט אַ פּערזוך צו
מאַכען דאָס טעאַטער עקאָנאָמיש און סאָציאַל, דערגרייכבאַר פאַר'ן
פאָלק, אַנשטאַט, אויף אַ פּערקעהרטען אופן, צו ציהען דאָס פאָלק צום
טעאַטער דורך געלד־פּערשווענדערישע אַנאָנסען און קאָסטבאַרע אויפ־
פיהרונגען. דאָס פאָלק מוז ניט פּערנאַרט און געשלעפּט ווערען אין
טעאַטער דורך שרייענדע אַפישען, עלעקטרישע שילדען און אַנאָנס־
וואַגענס. די מעהרסטע פון אונז האָבען ליעב די דראַמאַ צוליעב איהר

אליין און ליעבען צו בעזוכען דאָס טעאַטער אזוי אָפט ווי מעגליך. די מעהרסטע פון אונז וואָלטען געפונען גרויס פערגעניגען אין אַמאַטיור־פאָרשטעלונגען און וואָלטען זיך מיט פרייד געוואָלט אליין בעטייליגען אין אזעלכע פאָרשטעלונגען. אָט דער אַלגעמיינער אינטערעס און נאַטירליכער דראַנג פאַר׳ן דראַמאַטישען אויסדרוק איז דער הויפּט־שטיץ־פּונקט פון דעם איינאַקטער. זיין ערציהערישע זייט איז דער עיקר; זיין פּראָפעסיאָנעלע זייט — א נעבען־זאַך. שפּיעלען טעאַטער איז איינע פון די אַמוזירענדסטע פאָרמען פון זעלבסט־אויסדרוק און ס׳איז ניטאָ קיין אורזאַך פארוואָס דאָס זאָל בלייבען די מאָנאָפּאָל פון די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרען, אַנשטאָט וואָס דער גרעסטער טייל פון הויזליכע און אויסער־הויזליכע ספּאָרטס, אַטלעטישע איבונגען, שפּילען און צייט־פערטרייבונגען זיינען בעגרינדעט אויף פערזענליכען ענגאַזשמענט, נאַרישען שטאָלץ אָדער פיזישער בעפרידיגונג, קומט דאָס שפּיעלען אויף דער ביהנע פון אַן ערנסטען פערלאַנג צו אַמוזירען און געבען אַן עסטעטישען פערגעניגען צו אַנדערע און צו דערזעלבער צייט זיך אליין אויך צו אַמוזירען.

3.

דער איינאַקטער איז אַבהענגיג פון אַמאַטיורען און קונסט־ליעבהאָבער, און האַלט זיך פאָלשטענדיג אויף זיי. ער שטיצט זיך אויף די אַמביציעזע אונאָבהענגיגע גרופּען יונגע לייט, וועלכע דאַרפען האָבען אַן אויסוועג פאַר זייערע אַרטיסטישע נייגונגען. זייער צאָהל איז גרויס און זיי האַלטען שטענדיג אין פערמעהרען זיך. צאָהלרייכע פעראיינען און אָרגאַניזאַציעס וואַקסען אויס טעגליך מיט דעם צוועק צו דערהויבען און צו פּאָפּולאַריזירען די דראַמאַ. מיט אָט דער בעוועגונג פאַר׳ן איינאַקטער זיינען ענג פערבונדען די „קליינע טעאַטערע“, וועלכע ווערען ספּעציעל געבויט און אויסגעשטאַטעט אזוי, אז די איינאַקטערס זאָלען קענען אויפגעפיהרט ווערען אויפ׳ן בעסטען אופן.

דער בעגעהר נאָך אָט די „קליינע טעאַטערע“ לאָזט זיך איצט פיהלען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. ווען יעקב גאָרדין האָט געגרינדעט זיין „פרייע אידישע פאָלקס־ביהנע“ און האָט ערנסט, אָבער אָהן ערפאָלג, געשטרעבט אויפצוּוועקען אין די אידישע מאַסען אַן אינטערעס אין דער גוטער ערנסטער דראַמאַ, האָט ער ניט גע׳חלומ׳ט אַז זיין

ערפאָלגלאָזער עקספערימענט וועט זיין דער פאָרלויפער פון א גרויסער עדעלער בעוועגונג פאַר דער דערהויבונג און עמאַנציפירונג פונ'ם טעאַטער. היינט זעהען מיר ווי די קליינע „קאָמיוניטי טעאַטער", וואָס זיינען ענהליך צו דעם וואָס ער האָט געגרינדעט נאָך אין די נייינציגער יאָהרען, געפינען זיך אין די „קאָמיוניטי" צענטערס איבער'ן גאַנצען לאַנד פון איין ים־ברעג צום אַנדערען. עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע אַמאַטיור־גרופען ווי די „וואַשינגטאָן סקוועיר פּלעיערס", די „נייבאָרהוד פּלעיערס" אין ניו יאָרק אָדער די שיקאַגאָ'ער „הול האוז פּלעיערס", די „פּראָווינשעל פּלעיערס", דעם „פּאָרטמאַנטאָ טעאַטער" און פיעל אַנדערע אום צו מאַכען זיך א בעגריף וועגען דער גרויסקייט און וויכטיגקייט פון אָט דער בעוועגונג. כאָטש פערשיעדען אין זייערע נעמען און כאַראַקטערען זיינען זייערע ציעלען און אויפגאַבען דיזעלבע צו ברענגען די דראַמא און דאָס טעאַטער צום פאָלק. דער ערפאָלג און די פּאָפּולאַריטעט פון די קליינע „קאָמיוניטי" טעאַטערען איז א בעווייז ווי נויטיג און ניצליך זיי זיינען. אָנפאַנגענדיג מיט קליינע שוי־שפּיעלען פון לאָקאַלען און צופעליגען אינטערעס, ווערען זיי אַלע מאָל ברייטער און נעהמען אין זיך אריין דאָס לעבען פון דער וועלט; זיי דערוועקען אַן אמת'ן געשמאַק פאַר דער גוטער דראַמא, ערמוטיגען צו לעזען און שטודירען ערנסטע דראַמען, ערציהען די יוגענד צו אַן ערנסטען פערהאַלטען זיך צו דער דראַמא, אַלס אַ גרויסער, לעבען־ערקלעהרענדער, פּראָבלעם־לייזענדער, גייסט־ער־נעהרענדער, האַרץ־בעוועגענדער, נשמה־זעטיגענדער ליטעראַרישער פּראָדוקט. זיי העלפען אויפהויבען די מדרגה פון טעאַטער־שטיק, פון נאַרישע, זינלאָזע, „קאָמעדיאַנטסקע" אַמוזירונגען צו ווערטפולע, אַר־טיסטישע שאַפונגען. זיי וואַקסען אויס פון דער געזונטער, שאַרפער אונצופרידענהייט מיט דעם איצטיגען קאָמערציאַליזירטען טעאַטער וואָס ווערט אויפגעהאַלטען פון א קאַפּיטאַליסט מיט'ן איינציגען צוועק צו מאַכען גרויסע פּראָפיטען אָהן אירגענד וועלכער אַכטונג פאַר דער קונסט. זיי רופען אַרויס דעם געזונטען מיטווירקונגס־ און פעראייני־גונגס־גייסט פון דער גאַנצער געמיינדע; שפּיעלער, אונטערנעהמער, סצענע־מאָהלער, גאַרדעראָבער, אַקטיאָרען און דאָס פּובליקום — צו אַרבייטען האַרמאָניש צוזאַמען פאַר געגענזייטיגען אינטערעס. אויף דעם אופן זיינען די קליינע „קאָמיוניטי טעאַטערס" ניט בלויז די צענ־טערען פאַר דער ענטוויקלונג און אויפקלעהרונג פונ'ם פאָלק, נאָר זיי זיינען אויך די איינפלוסרייכע כחות פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג און

סאָציאַליזירונג פונ׳ם טעאַטער. מיר זעהען, אַלזאָ, אַז כאָטש די „פרייע אידישע ביהנע“ האָט געהאַט אַ פריהצייטיגען טויט, איז עס איהר נאָכפאָלגער, דעם קליינעם „קאָמיוניטי טעאַטער“, בעשערט צו לעבען און צו בליהען מיט שטענדיגען ערפאָלג.

די איינאַקטערס פון יעקב גאָרדין זיינען געשריבען געוואָרען פאַר בעלעהרענדע צוועקען און מיט דער אַבזיכט צו דיענען אַלס ערש־טע לעקציע פאַר אַמאַטאָרען און קונסט־ליעבהאָבער. די מעהרסטע פון זיי זיינען געשפיעלט געוואָרען פון ניט קיין פראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרען און דער פערפאַסער האָט דערפאַר אויסגעוועהלט דערצו אַן איינפאַכע, עלעמענטאַרע בעהאַנדלונג, אויסמיידענדיג קאָמפּליצירטע טעמאַס, סוזשעטען אָדער פערפּלאָנטערטע סצענעס, וואָס וואָלטען דעם איינאַק־טער אַרויסגעשטויסען פון דעם קרייז פון סטודענטען און ליעבהאָבער פון דער דראַמאַ און וואָלטען דערפאַר פערלאָרען דעם ציעל, פאַר וועל־כען ער איז געשריבען געוואָרען.

אין די דאָזיגע איינאַקטערס איז ניטאָ קיין אויפגעבלאָזענקייט און קיין פּרעטענציעס. זיי זיינען ניט מעהר, ווי איינפאַכע „סקעטש־שעס“ און שטודיען, דראַמאַטישע מאָנאָלאָגען, דיאַלאָגען און סצענעס, ענטשטאַנען און אויפגעשריבען אונטער׳ן דרוק פון אַ מאָמענטאַלער ערשיינונג אָדער פאַסירונג. ווען אַ גרויסע געשעהעניש האָט פעראינ־טערעסירט די וועלט, צום ביישפּיעל די דרייפוס אפער אָדער די וועלט־אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ אין צוזאַמענהאַנג מיט פינאַנציעלע פּאַ־ניקס און ארבייטס־אונרוהען, האָט יעקב גאָרדין אָט די פאַסירונגען פערקערפּערט אין אַזעלכע איינאַקטערס ווי „קאַפּיטאַן דרייפוס“ און „דער קריזיס“ — ווען עס איז אין דעם פּיעלזייטיגען, אינטענסיווען לעבען פון דער איסט־סייד אַרויפגעשוואומען אַן ערנסטע פראַגע אָדער פּראָבלעמע וואָס האָט געצויגען די אויגענבליקליכע אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיי בעהאַנדעלט אין אַזעלכע איינאַקטיגע דראַמען, ווי „די וואָהלטהעטער פון דער איסט סייד“, „דער גייסט פון דער גהעטאָ“ און אַנדערע.

מאַנכע פון די איינאַקטערס זיינען געשריבען געוואָרען צו העל־פען די ערציהערישע אָדער סאָציאַלע אַרבייט פון וויכטיגע אָרגאַני־זאַציעס און צו פערגרעסערען זייערע פאָנדען, ווי פאַר׳ן „אָבענד בלאַט“, פאַר דער „עדיוקיישאָנאַל ליעג“, די „רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע סטודענטען־סאָסייעטי“ א. א. וו., אַנדערע זיינען געשריבען געוואָרען אויפ׳ן ערנסטען פערלאַנג פון אַ שוישפּיעלער אָדער שוישפּיעלערין

פאַרצושטעלען עטוואָס נייעס פון יעקב גאָרדין צו זיין, אָדער איהר, עהרענ־אבענד, ווידער אנדערע זיינען פונ׳ם פערפאַסער אַליין געוויד־מעט געוואָרען צו אַ קינסטלער אָדער קינסטלערין פאַר אנערקענטע פערדינסטען.

זיין קליינער שפּיעל „די טיפּען־גאַלערעע“, וועלכען ער האָט פער־פאַסט צום צעהן־יעהריגען יובילעאום פון זיין טעטיגקייט אַלס דראַ־מאַטורג, האָט ער געשריבען אַלס שטאַרקען ענטפער צו זיינע קריטי־קער און אַנגרייפער, די זעלבסט־געקרוינטע היטער פון דער אידישער מאָראַל און רעליגיאָן.

אין אַנדערע פון אָט די קליינע דראַמען, ווי צום ביישפּיעל אין „יאָקעל דער אָפּערען־מאַכער“ אָדער דער „אָבגעשטאָרבענער קינסט־לער“ זעהען מיר יעקב גאָרדין אַלס רעפאָרמער און אויפבויער פונ׳ם אידישען טעאַטער, וועלכער שטרעבט ערנסט צו רייניגען און בעפרייען די אידישע ביהנע פון איהר שמוץ און וואולגאַריטעט. מיט איין וואָרט, די דאָזיגע קליינע טעאַטער־שטיק האָבען ניט בלויז אין זיך פערקערפּערט אַ געוויסען צוועק אָדער שליחות צום פאָלק, נאָר יעדע פון זיי איז געשריבען געוואָרען פאַר אַ בעשטימטען ציעל.

דאָך אָבער, כאָטש אָט די שטיק זיינען געשריבען געוואָרען אונ־טערן דרוק פון אַ מאָמענט כדי צוצופּאַסען זיך צו אַ געוויסער גע־לעגענהייט אָדער צופאַל, איז זייער אינטערעס פונדעסטוועגען ניט קיין צופעליגער אָדער פערבייגעהענדער, נאָר אדרבא — אַ שטענדיגער און אַן אַלמענשליכער. יעדע דראַמעלע איז אַן אָבשפּיעגלונג פונ׳ם לעבען, וואָס דער פערפאַסער האָט אַזוי גוט געקענט; אַ ווענדונג צום פערשטאַנד אָדער געפיהל; אַ כאַראַקטער־שילדערונג; אַן אויסדרוק פאַר הומאָר אָדער ליידען און איז אַ לעבהאַפטע פאָרשטעלונג פון אַ דראַמאַטישער טעמאַ וואָס בערעכטיגט זי צו אַ חשוב׳ען פּלאַץ אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. נאָכדעם ווי דער ערשטער עקספּע־רימענט איז נאָר געמאַכט געוואָרען, האָט דער פערפאַסער יעדען נייעם איינאַקטער אַלץ מעהר ערנסטע אויפמערקזאַמקייט געשענקט, ווי מיר קענען דאָס בעמערקען אין דער אימער־וואַקסענדער טעכנישער און קינסטלערישער בעאַרבייטונג מיט יעדען נאָכפאָלגענדען איינאַקטער. עס איז קיין ספק ניט, אַז ווען ער זאָל געווען פאַר׳ן איינאַקטער אָב־געבען אַזוי פיעל ענערגיע און אויסדויערענדען אייפער ווי פאַר דער גרויסער דראַמאַ, וואָלט עס איהם ענטוויקעלט פּונקט צו אַזאַ הויכער מדרגה פון דראַמאַטישער קונסט, ווי זיינע גרעסערע ווערק.

ארטהור שניצלער האט יאהרען לאנג געארבייט ביז ער האט ענט־וויקעלט אזא קרעפטיגע פארם פאר זיינע איינאקטערס. יעקב גארדין וואלט אפשר געווען דערגרייכט אן עהנליכען גראד פאלקאמענהייט, ווען ער זאל זיך געווען אבגעבען בלויז מיט דער איינער ארבייט. אבער זיינע איינאקטערס זיינען נאר געווען צייטווייליגע, אפט אונטערברא־כענע שאפונגען אין די עטליכע יאהר פון 1891 ביז 1900. צוליעב פיעל אורזאכען האט ער ניט פארטגעזעצט זיינע איינאקטערס נאך 1900, אבער הויפטזעכליך דערפאר, ווייל זיינע אונטערנעהמונגען אי־בערצובויען און פערבעסערען די אידישע ביהנע האבען איהם געשטעלט פנים־אל־פנים מיט שווערע פראבלעמען. די רעגעלמעסיגע דראמא צייט איז דאס אידישע טעאטער אלץ מעהר קאמערציאליזירט געווא־רען, צום גרויסען טייל דורך דעם שעדליכען איינפלוס וואס געוויסע ער־שיינונגען פון דער אמעריקאנער ביהנע, ווי איהרע קאמערציעלע מע־טאדען, איהר אויבערפלעכליכקייט און איהר פראפיטען־זוכעריי, הא־בען געהאט אויף די אידישע טעאטער־דירעקטארען און „סטארס". דאס אידישע טעאטער איז שנעל געזונקען און איז געווארען ניט מעהר ווי א געלד־מאכער געשעפט און די אידישע דראמא איז געווארען א מיטעל צו „כאפען דאלארס".

כדי אנטקעגענצו ווירקען אט דער שטרעמונג און כדי צוצושמי־דען די אויפמערקזאמקייט פונ׳ם פאלק צו דער עכטער ערנסטער דרא־מא, האט זיך יעקב גארדין געמוזט אריינווארפען מיט׳ן גאנצען כח און לעבען אין דעם קאמפף געגען דעם פערדערבליכען איינפלוס וואס האט געדראהעט די סאמע עקזיסטענץ פון דער ערנסטער דראמא — מיט בלויז דורך שרייבען און אויפפיהרען גרויסע, שטארקע, בעווענ־ליכע, איבערוועלטיגענדע, אינטערעסאנטע דראמען, נאר אויך דורך שרייבען ארטיקלען אין דער פרעס, דורך האלטען לעקציעס און דורך אונאויפהערליכער אויפקלעהרענדער פראפאגאנדא. אט צוליעב דעם איז דער איינאקטער בעזייטיגט געווארען, אונטער׳ן דרוק פון דער מעהר וויכטיגער און מעהר נויטיגער ארבייט, און איז שוין דערנאך קיינמאל מעהר ניט צוריק אויפגענומען געווארען.

אויף דער אמעריקאנער ביהנע ערפילט דער איינאקטער מיט שטאנדהאפטיגקייט זיין שליחות. טויזענדער יונגע לייט, אינטעלי־גענטע מענער און פרויען, קונסט־ליעבהאבער זיינען מיטהעלפער אין זיין רעוואלוציאנערער אויפגאבע צו בעקעמפען אונזער קאמערציא־

ליזירטען, געלט־בעאיינפלוסטען טעאטער. פאָלקס־שולען און קאָלעד־זשעס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער בעוועגונג און די דראַמאַ ווערט און זיי שטודירט דורך דער דירעקטער מעטאָדע פון פאָרשטעלען איינאַקטערס אין די שול אוידיטאָריומס. די „קאָמיוניטי" טעאַטערס ערציהען דאָס פאָלק צו דער גרויסער אויפגאַבע פון אויפהויבען און בעפרייען די דראַמאַ פון דעם זומפּ פון קאָמערציאַליזם. איז עס דען מעגליך, אַז די אידישע יוגענד וועט בלייבען טויב און גלייכגילטיג צו דעם ערנסטען רוף פונ'ם איינאַקטער? קען דען זיין, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט זיך ניט אָברופען אויף דעם גליהענדען אויפרוף? די אידען האָבען שנעל ענטוויקעלט אַ טיעפע ליעבע צום טעאַטער און אַ טרייע אָבשאַצונג פון דעם איינפלוס און וויכטיגקייט פון דער עכטער דראַמאַ פאַר די אויפפיהרונגען, זיטען און מאָראַלישען לעבען פונ'ם פאָלק. אָט דערפאַר גלויבען מיר, אַז אָט דער קליינער באַנד פון יעקב גאָרדינ'ס איינאַקטערס וועט אָהן ספק אויפגענומען ווערען מיט גרויס אינטערעס און מיט דער אויפמערקזאַמקייט, וועלכע ער פערדיענט.

ערשטער טייל

דער גייסט פון דער גהעטאָ

איין־אַקטער

פון יעקב גאָרדין

דיעזער איין־אַקטער איז פערפאַסט געוואָרען אין 1904 פאַר דער עדיוקיישאָנאַל ליעג. יעקב גאָרדין איז דאַמאָלט געוועז דער פרעזידענט פון יענער בילדונג אָרגאַניזאַציאָן.. „דער גייסט פון דער גהעטאָ“ איז געשפּיעלט געוואָרען אין מאַנהעטען ליסעאום פון מיטגליעדער און שילער פון דער ליעג.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

מ ש ה ר אַ ט מ אַ ן, אַ קאָסטאָם פעדלער, 45 יאָהר.

פ ר י י ד ע, זיין פרוי, דיזעלבע יאָהרען.

ד ז ש ע נ י, זייער טאָכטער, ארבייט ביי גלאָזוס, 18 יאָהר

מ אָ ר ר י ס, זייער זוהן, אַ קלוירק אין אַ לאָיערס אָפיס, 20 יאָהר.

ד א ו ו י ד פ י נ ק ע ל ש ט י י ן, פריידע'ס פלימעניק, אַ בונדיסט, 22-23 יאָהר.

מ י י ק ג ע ר ש ו נ י, 22 יאָהר.

ס אַ ב י נ ע א י י כ ע נ ה אָ ל ץ, אַ לידערין אין אַ פרויען יוניאָן, 25 יאָהר.

פ י י ו ו ע ל ב ע ל ק י ן, ראטמאן'ס לאַנדסמאן, אַ בוכבינדער, רעדט שטיל און שטענדיג מיט אַ שמייכעלע, אַ גרויע באָרד און גרויע לאַנגע האָר, 65 יאָהר אַלט.

יונגע לייט און יונגע מיידלאך.

(אַן אָרימעס צימער ביי ראַטמאַן אין הויז. ביים טיש, אויף וועלכען עס ברענט אַ לאָמפּ, זיצט ראַטמאַן און לעזט אַ אידישע צייטונג מיט גרויס אינטערעס. פריידע רוימט אויף אין שטוב. מאָריס זיצט ביי אַן׳אַנדער טישעל און שרייבט עטוואָס איבער פון אַ קליין ביכעל אין אַ גרויסען קאָנטע בוך).

ר אַ ט מ אַ ן: אזוי! אזוי! פיין! (לעזט ענטציקט). פריידע, ווילסט עפּעס הערען? אונזערע... דאָס הייסט, מיר, די יאַפּאַנעזער... מיר זיינען אָל־רייט.

פ ר י י ד ע: ביזט שוין אַ יאַפּאַנעזער געוואָרען אויף דער עלטער? נו, נו, זיי אַ יאַפּאַנעזער, אבי מאַך גוטע ביזנעס...

ר אַ ט מ אַ ן: מיר מאַכען שוין גוטע ביזנעס, נעוועך מיינד, דו הערסט? מיר האָבען ווידער דריי רוסישע שיפען צוקנאַקט אין טשע־מול־פּאָ...

פ ר י י ד ע: וואו? אין טשע־מול־פּאָ גאָר? אַ שעהנע מדינה... (רוימט).

ר אָ ט מ אַ ן: וואָס דען, אַ קאַצאַפּאַשי וולאַדי — וולאַדיוואָס־טאָק איז אַ שעהנע מדינה? מילאָ, הכלל, הקיצור המעשה, מע שלאָגט. דריי שיפען צוקנאַקט, אַכט שיפען געכאַפּט... דער צאַר שטעהט אויף די קניע און בעט דעם הייליגען פּאַנטעלימאַן, די צאַרינע שלאָגט זיך קאַפּ אָן וואַנט, דעם צאַר'ס מאַמע וויינט... אַהאַ! גאָט בעצאָהלט זיי פאַר די אידישע טרעהרען. פאַר יעדען טראָפּען אומשולדיג בלוט, וואָס זיי האָבען פערגאָסען אין קישינעוו, וועלען זיי בעצאָהלען דעם קרן מיט דעם פּראָצענט. גאָט איז דער עזוז וגבור, ער איז דער גבור מלחמה.

מ אָ ר ר י ס (שרייבט און לעזט הויך): יעס, צוויי הערינג, איין סאַפּאָליאָ...

פ ר י י ד ע: אַ שעהנער גבור מלחמה איז ער, זאָל ער מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד!... ער זאָלווירקליך זיין אזא גבור מלחמה, וואָלט ער ניט דערלאָזט, מע זאָל פריהער שלאָגען אידען און נאָכדעם שלאָגען פאַר זיי די גוים... אַמעהר שלאָג ניט אהין און שלאָג ניט צוריק... אַ גבור מלחמה!...

מ אָ ר ר י ס (שרייבט און לעזט): יעס, און אַ קעבעדזש מיט צוויי קוואָרט פּאָטייטעס...

ר אָ ט מ אַ ן: מילאָ, הכלל, הקיצור המעשה. וואָס זשע, ביזט ניט צופריעדען מיט'ן רבונו של עולם? אז ער זאָגט: מלחמה, דאַרף מסתמא זיין מלחמה; און אז ער זאָגט: שלאָג! שלאָגט מען...

מ אָ ר ר י ס (לעזט און שרייבט): און פּיקעלס מיט אָניאָנס... ע...

פ ר י י ד ע: מלחמה! אַ נויטיגע זאַך! עס זאָל ניט זיין קיין מלחמה, וואָלט דייוויד ניט געפאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד און אונזער דזשעני נעבאַך וואָלט ניט געוויינט אין דער שטיל.

ר אָ ט מ אַ ן: גנעה, טענה מיט אַ אידענע... וואָס פערשטעהען זיי אין פּאָליטיקע?

פ ר י י ד ע: פּאָליטיקע, שמאָליטיקע... (מען קלאַפּט אין טהיר). שאַ, ווער איז דאָס דאַרטען? קאַם אין... (פּיוועל בעלקין קומט אריין מיט אַ בוך אין האַנד). אָה, מר. בעלקין, העללאָו! סקאָצעל קומט.

ב ע ל ק י ן: אַ גוד איוונינג איך אַלע...

ר אָ ט מ אַ ן: אַ גוד איװונינג... װי נעהט עס, לאַנדסמאַן? טײק אַ סיט...

ב ע ל ק י ן: װי נעהט עס? עס געהט װי עס קען געהן אין אַ װעלטעל, װאָס װערט געפיהרט פון גנבים, בײטעלשנײדער און היפּאָקריטען... אונזער לאַנדסמאַן דײװױד פאַהרט טאַקע? בין איך איהם געקומען זאָגען מײן גוטען גוד בײ און האָב דערװײלע געבראַכט אײער דזשעני'ן איהר בוך (זעצט זיך). אַי, הלואי װאָלט איך בעסער געװען אַ העמדעל־מאַכער און ניט קײן אײנבינדער. אַז מען ברײנגט מיר אַ בוך אײנבינדען, ציהט עס מיך, ניט פאַר קײן אידען געדאַכט, פריהער אַרײנקוקען, װאָס שטעהט דאָרט... אײנבינדען אַ בוך קען מען אין אײן טאָג, איבערלעזען אָבער נעהמט דרײ װאָכען... און עסען דאַרף מען יעדען טאָג — דאָס איז אַ מאוס'ע מעשה!

ר אָ ט מ אַ ן: און װאָס זאָגט איהר, לאַנדסמאַן, צו דער מלחמה? מע שלאָגט, האַ? מײן אידענע איז ניט צופריעדען, זי בלאָזט זיך אױף אױפ'ן צאַר, אױ אױפ'ן — סעי, מאַררים, װי רופט מען דעם יאַפּאַנישען צאַר?

מ אָ ר ר י ס: מיקאַדאָ (שרײבט): צװײ פּאַמפּקינס מיט אַ רעטאַך...

ר אָ ט מ אַ ן: יאַ, טאַקע מיקאַדאָ. די בײדע קיסרים זאָלען זײ אַזױ קענען װי איך, װאָלטען זײ בײדע אָפּגעשניטען אַ פּאָלע און אַנטלאָפען... מלחמה! װער עס פערשטעהט פּאָליטיקע, אַ קלײנינקײט?

ב ע ל ק י ן: יאַ, מלחמה, עװאָלוציאָן, רעװאָלוציאָן, אימפּולסיאָן, עקספּלאָזיאָן, דער פּראָצעס פון ענטװיקלונג און דער קאַמפּף פאַר דעם דאַזײן...

מ אָ ר ר י ס (שרײבט און לעזט): פּעפּער מיט דזשינדזשערבוש...

פ ר י י ד ע: נו, יאַ, די מאַנזבילען זײנען זיך מחיה מיט אַ מלחמה!... זײ געהען זיך שלאָגען, געהען גע'הרג'עט װערען, צוקאַלעטשעט װערען, און װאָס מיר, װײבער, בלײבען דאָ זיצען אין דערהײם אלײן, אַרט זײ װי דער נעכטיגער טאָג.

ר אָ ט מ אַ ן: נו, מילאָ, הכלל, הקיצור המעשה, װײסטו װאָס איך װעל דיר זאָגען? געהט איהר גע'הרג'עט װערען, װעלען מיר זיצען אין דער הײם!

פ ר י י ד ע: ער חכמה'ט זיך! אוי, מר. בעלקין, איהר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ חתונה דער פּאָניע מיט'ן יאַפּאַנעזער האָבען מיר דאָ אָפּגעשפּיעלט... אונזער דייוויד פאָהרט דאָך אַוועק...

ר אָ ט מ אַ ן: אז דייוויד האָט געדאַרפט קומען אהער, האָסטו געקלאָגט נאָך וואָס קומט ער. איצט פאָהרט ער אַוועק, קלאָגסטו נאָך וואָס פאָהרט ער אַוועק. מיט די ווייבער איז ניט אהין און ניט אהער...

ב ע ל ק י ן: סעי, ראָטמאַן, מיט די ווייבער איז שוין אַי אהין, אַי אהער. זעהסטו, אָהן די ווייבער איז טאַקע מחילה, ניט אהין און ניט אהער.

פ ר י י ד ע: דערפאַר האָב איך ליעב די אַנאַרכיסטען. זיי נעהמען זיך שטענדיג אָן פאַר די ווייבער... יאַ, אמת. ווען מיין שוועסטער האָט מיר געשריעבען פון בריסק, אַז איהר זוהן דייוויד איז אַנטלאָפען פון רוסלאַנד און פאָהרט אהער, איז מיר טאַקע פינס־טער געוואָרען אין די אויגען. איך האָב געטראַכט, אַ גרינער, וואָס וועט ער דאָ טהאָן?... און מיר ארבייטען דאָ אַזוי שווער צו מאַכען אַ לעבען... דזשעני, קיין עין הרע, פערדיענט טאַקי גוט ביי די גלאָווס. זי איז דאָך אָבער אַ מאַמזעל: זי דאַרף זיך אַנטהאָן מעשה מענש און דאַרף אַביסעל סייווען. מען קען דען חתונה האָבען, אז מען האָט גאָרנישט?

ר אָ ט מ אַ ן (ענטציקט): סעי, בעלקין, אונזער דזשעני האָט 240 דאָלאַר ווי איין סענט! יעס, סער!

פ ר י י ד ע: נו, יאַ, איז ער געקומען. אַ כוואַטסקער יונגאַטש, האָט באַלד געקראָגען אַ סטעדי דזשאָב, און האָט געבראַכט דערצו, אַז ער פערדיענט שוין יעצט 12 דאָלאַר אַ וואָך... איהר הערט, ווי אַ מענש האָט זיך ארויפגעארבייט אין אמעריקע! אין איין יאָהר האָט ער דאָ אָנגעסייווט אַ פּאָרטשון, ניט ווי דער שלימזלניק מיינער, דער בריה'דיגער קאָסטאָם פעדלער מיינער! שוין ניין יאָהר אין לאַנד, און ווייס נאָך ניט, ווי אַ סייווינגס־בוך זעהט אויס! דייוויד האָט אין איין יאָהר געמאַכט אַ פאָרטשון.

מ אָ ר ר י ס (רעכענט): די טאָטעל סומע איז 9 דאָלאַר מיט 40 סענט.

ר אָ ט מ אַ ן: יאַ, אמת, ער איז אַ סמאַרט פעללאָו! אַ פייער־דיגער יונג! און מיר וועלען טאַקע אַלע נאָך איהם בענקען... אַ גנב!

אַ טייוועל! אַ פיין פעללער, אַ בראַנד זאָל איהם אַריין אין די בייי־נער. איך האָב איהם אמת פשוט ליעב...

פ ר י י ד ע: וואָס ווייסט איהר! מיר האָבען גערעכענט אַן אייגענער, אַן עהרליכער יונגערמאַן, ניט קיין שלימזלניק... און ווי איך פערשטעה די ביזנעס, איז איהם אונזער דזשעני אויך גאַנץ גוט געפעלען... פלוצלונג, אַ חאָלעריע אויף זיי, דאַרף זיך דער פּאַניע צובוצקען מיט'ן יאַפּאַן און דייוויד פאָהרט צוריק קיין רוסלאַנד... דזשע־ני וויינט געבאָך... פון דער מיידעל איז אפילו קיין האַלב ניט געבליבען... אַי, וועה איז דער מאַמען!

ב ע ל ק י ן: עס לעבט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט... וואָס קימערט דעם רעוואָלוציאָנער מאַמע, פריינד, געליעבטע, טרעהרען, צרות, מכות? רעוואָלוציאָן! רעוואָלוציאָן! אַזוי זיינען מיר אַלע רעוואָלוציאָנערען! אַ, אַ! (סטראַשעט מיט'ן האַנד).

מ אָ ר ר י ם (שרייבט): אינסעקט פוידער מיט נודעלס...

ב ע ל ק י ן: וואָס טהוט ער עם דאָרטען? זשינזשער, מיט נודעלס, מיט אינסעקט פוידער...

ר אָ ט מ אַ ן: ער פיהרט דעם גראָסער'ס ביכער... דער גראָסער שרייבט ביי טאָג מיט אידישע קאָטשערעס, מיט לאָפּעטעס און בייי־נאַכט שרייבט מאָררים איבער אין גרויסען בוך אַריין. איהר האָט געזעהן ווי מאָררים שרייבט? מילא, הכלל, הקיצור המעשה, ער איז אַ ספרא רבה.

פ ר י י ד ע: ער נעהמט דערפאַר אַ דאָלאַר מיט אַ קוואָדער אַ וואָך? געפונענע געלד, עס קומט צוניץ אויף געז, אויף קויהלען...

ר אָ ט מ אַ ן: און בייטאָג אַרבייט ער אין לאָיער'ס אָפּים און לערענט צום עקזאַמען אויף אַ לאָיער... ער האָט שוין 18 פון... ע... מאָרים, ווי רופט זי דאָס

מ אָ ר ר י ם: קאָונטס... איך האָב 18 קאָונטס פון מיין ריד־זשענטס עקזאַמינעישאָן. (שרייבט) טאָמייטאָ סאָוס און סטאָוו בלעק...

ב ע ל ק י ן: נאָך אַ לאָיער! קאַרג האָבען מיר זיי? ע! מען דערצעהלט שוין אַזוי אויך, אַז די לאָיערס דאַון־טאַון געהען אום פון איין קאַפע סאַלון צום אַנדערען, און וואו זיי דערזעהען נאָר צוויי מענ־שען צוזאַמען, געהען זיי צו און זאָגען: „גיט מיר איבער די קייס“. „וואָסער קייס? מיר האָבען גאָרניט איינער צום אַנדערען“. „אויב

אזוי, זאָגט דער לאָיער, וועל איך אייך אויסמאַכען אַ פּאַפּיער און איהר צושרייבט זיך, אז איהר האָט גאָרנים איינער צום אַנדערען"... (אלע לאַכען). הענגען דאַרף מען זיי, אַט די לאָיערס! אויסראָטען דאַרף מען זיי! אין ים דאַרף מען זיי אריינוואַרפען! פּרעה'ס מכות זאָלען אויף זיי קומען! יעס! זיי זיינען אַ קרעץ אויפ'ן קערפּער פון אונזער געזעלשאַפט!... אין דער צוקונפטיגער סאָציאַלער וועלט וועלען זיי ניט האָבען קיין פּלאַץ.

מ אַ ר ד י ם (בייז): אַנאַרכיסטישע טעאָריען! אַזאַ אַלד מען זאָל זיך ניט שעהמען צו זיין אַן אַנאַרכיסט! (קעהרט זיך אָפּ און שרייבט): האָרם רעדיש און פּאַמפּקין...

ב ע ל ק י ן: וואָס? איך זאָל זיך שעהמען צו זיין דאָס, וואָס מיינע פּרינציפּען, מיין איבערצייגונג און מיין פערשטאַנד לערענט מיך צו זיין? הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען...

פ ר י י ד ע: שאַ, אימיצער קומט.

(מען קלאַפּט אין טהיר, דזשעני קומט אריין, גאַנץ היבש געקליי־דעט, מיט איהר אַ פּאָר מיידלעך. זי איז בלאַס און טרויעריג. ברענגט פיעל פּעקלעך. אַלע גריסען זיך פריינדליך).

ד ז ש ע נ י: מאַמע... ער... קיינער נאָך ניטאָ?... וואָס מאַכט מיסטער בעלקין? (דערזעהט דאָס בוך) אהאַ! איהר האָט מיר איינ־געבונדען מיין פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן? איך מיין, איך וועל עס אוועקשענקען דייוויד'ן... דאָרט אין דעם פינסטערען רוסלאַנד איז דאָך אַזאַ בוך, ווי די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און נאָך אויף פּליין אידיש, א גאַנצע מציאה. א מדינה רוסלאַנד! ווער עס האָט זי אויסגעטראַכט, זאָל ניט גערעכט ווערען! זיצט, מאַמזעלען, באַלד וועט קומען די גאַנצע כאַפּטע און מיר וועלען דאַן האָבען אַ ריכטיגע רוסישע וועטשערינקע. (זיפצט שטיל): אי, וועה איז מיר!

ר אַ ט מ אַ ן: אזוי? איהר וועט טאַקע האָבען אַ ביסעל אמת'ע ביטערע משקה אויך. סעי, לאַנדסמאַן, הכלל, הקיצור המעשה, צוליעב דער מלחמה וועט אונז אויך עפּעס אַנקומען.

ב ע ל ק י ן: אַזאַ וועלט! אָהן מלחמה קומט קיינעם גאָרנישט אָן... דאָס לעבען איז אַן אייביגע מלחמה.

פ ר י י ד ע: דזשעני, וואס האסטו דאס איינגעהאנדעלט פאר מציאות?

ד ז ש ע נ י: מאמע, איך האב איהם געקויפט אייניגע זאכען צום עסען — זיי גיבען דאך אויפ'ן שיף אזא שלעכטע שפייז די דריטע קלאסע פאסאזשירען... און... איך האב איהם געקויפט א גוטען, וואַרעמען סוועטער... ווינטער אין אזא קעלט פאהרען... אי, רוסלאנד, ווער האט דיך אויסגעטראכט אויף מיין קאפ?

פ ר י י ד ע: נויטיג אויסצוגעבען אזוי פיעל געלד אויף איהם, אז ער פאהרט אוועק... איצט איז דאך דאס ארויסגעווארפען.

ד ז ש ע נ י: אה, מאמע, דו זאלסטו אזוי זאגען! מר. בעלקין, איא מ'וואלט בעסער די מאמען געדארפט שיקען צוריק קיין רוסלאנד.

פ ר י י ד ע: מילא, איך וויים, וואלסט בעסער געוואלט, מע זאל מיך אוועקשיקען, און דער בחור זאל בלייבען.

ד ז ש ע נ י (הערט זיך צו צו א גערויש אין דרויסען): שש! אפשר געהט ער (מע קלאפט אין טהיר) ניין! ניט ער איז דאס... (מע קלאפט ווידער) זיינע טריט זיינען אנדערע, ער געהט ווי א רוסישער בער.

פ ר י י ד ע (אומגעדולדיג): נו, קאם אין! ווער איז דארט?

(מייקעל גערשוני עפענט די טהיר).

מ י י ק ע ל: עקסקיוז מי, וואוינט דא מר. דייוויד פינקעלשטיין? (א פרויען שטימע הינטער איהם).

ס א ב י נ ע (שטופט אריין מייקלען אין שטוב אריין): יא, יא, מר. פילאזאף, ער וואוינט דא.

(סאבינא אייבענהאלץ און מייק גערשוני אריין).

ס א ב י נ ע: העלא, העלא! (אלע לאכען, גריסען זיך).

ד ז ש ע נ י: האו־דו־יו־דו, מייק?

(זי בעקענט איהם מיט אלע. מאררים לעגט צונויף זיינע ביכער, פערוויכערט א פאפיראס און סארקאסטיש בעטראכט ער פון ווייטען די גאנצע קאמפאני).

ס א ב י נ א (צו בעלקינ'ען): נו, מיסטער, וואס מאכט דער אנארכיזמוס אייערער?

ב ע ל ק י ן : מיסעס, דיזעלבע זאַך, וואָס דער סאָציאַליזמוס אייערער מאַכט.

סאַבינאַ : דאָס איז ניט וואהר, דער אַנאַרכיזמוס צושטערט, דער סאָציאַליזמוס בויט. דער אַנאַרכיזמוס צוטיילט, דער סאָציאַליזמוס פעראייניגט.

ב ע ל ק י ן : אַזוי? איז וואָס איז די ראיה, אַז עס איז שלעכט? אַז מע צושטערט אַן אַלטע געביידע, וועלכע קען איינפאַלען און אַלע־מען צוקוועטשען, איז דען דאָס ניט אַזוי נוצליך ווי בויען? אַז מע צוטיילט צוויי הינט, וואָס בייסען זיך און רייסען זיך, איז דען דאָס ניט א טובה פאַר זיי? מע קען ניט בויען בעפאָר מע צושטערט ניט און מע צוטיילט ניט. יאַ, מיר צושטערען, אָבער פון אונזער צו־שטערען...

מ י י ק : הם... מען קען ניט בויען בעפאָר... דאָס וואָס דער אַלטער זאָגט, האָט אַ געוויסען זינן, מע דאַרף עס פערשרייבען אין מיין ביכעל (נעהמט אַרויס אַ ביכעל און שרייבט).

ס א ב י נ ע : ער צושטערט! אַנאַרכיסט מיינער! האָט איהר געפּרובט אַמאָל פערטשעפּען אַ פליג אויפ'ן וואַנט?... שעהמעוודיגער גזלן! שלאָפעדיגער צושטערער!

ב ע ל ק י ן : איך זאָג נאָר, וואָס איך בין פּרינציפּיעל, אָבער וואָס איך טהו... הם... די סאָציאַליסטען האָבען דאָ אַ סך אויפגעטהאָן!

ס א ב י נ ע : יאַ, מר. אַנאַרכיסט, מיר האָבען אויפגעטהאָן פאַר דער אויפקלעהרונג פון די אַרבייטער.

ב ע ל ק י ן : וואָס דערצעהלט איהר מיר פאַר בבא־מעשות... וואו זיינען די רעזולטאַטען?

ס א ב י נ ע (בייז) : אויב איהר זיינט בלינד און זעהט ניט די רעזולטאַטען...

ב ע ל ק י ן (בייז) : אויב איהר האָט רעזולטאַטען, טאָ דערלאַנגט מיר די רעזולטאַטען...

ר אָ ט מ א ן : מילאַ, הכלל, הקיצור המעשה, דערלאַנגט איהם די רעזולטאַטען.

ב ע ל ק י ן : לאָמיר זעהן, וואו זיינען זיי, הא?...

פ ר י י ד ע שאַ! זיי פּייטען זיך שוין ווידער... ווי זיי קומען

זיך נאָר צונויף, איז באַלד מלחמה ביי זיי. וואָס קענט איהר ניט צוטיילען — דעם טאַטענ'ס ירושה, צי פאָניע'ס מלוכה?

ר אָ ט מ א ן: דאַטס ראַיט... וואָס קומט מיר אַרויס פון די אַנאַרכיסטען מיט די סאָציאַליסטען? עס הייסט, אָהן זיי קען איך ניט זיין קיין קאַסטאָם-פּעדלער? ער זאָגט מיר, אַזוי איז גוט; זאָג איך, אפשר גאָר איז אַזוי גוט... איז בכן איז וואָס? אַלזאָ וואָס דען? גאָר ניט!

מ אָ ר ר י ס: דאַטס ראַיט... עוורי באַדי מיינד יור אָון ביזנעס... אמעריקא איז ניט ראָשיע!

ס א ב י נ ע: נו, יא, אַמעריקאַ איז ניט רוסיאַ און רוסיאַ איז ניט אַמעריקאַ, דערצו דאַרף מען אַ גרויסען קאָפּ דאָס אויסצוגעפינען, יאַ! מיט ווענען וועל איך זיך דאָ שטעלען טענה'ן?... זאָג מיר נאָר, ווארום איז דאָס נאָך אונזער בעל נסיעה ניטאָ? פוי, איך בין מיעד... איך האָב שוין היינט אָבענד נאָך דער אַרבייט געסעטעלט אַ סטרייק ביי דער וויסטמייקערס יוניאָן, האָב געהאַלטען אַ שטיקעל רעדע ביי די גאַרמענט וואָירקערס, האָב געמאַכט אַ קאָלעקשאָן פאַר אַן אָרימען שניידער, וואָס האָט קאָנסאָמפּשאָן; האָב פערקויפט צעהן טיקעטס פון אַ ראַפּעל און בין געווען אויף אַ וויכטיגען מיטינג ביי די ראַפּער מייקערס... מיר דאַכט זיך, איך וועל ביי זיי מוזען אַרויס-רופען אַ סטרייק; סעי, דזשעני, וואָס האָסטו אַזוי אַראָפּגעלאָזט די נאָז? (נעמט זי אָן אַ זייט, שטיל): וואָס איז מיט דיר?

ד ז ש ע נ י (שטיל): סאַבינע, ער פאָהרט טאַקע אַוועק... און מיר ווילט זיך אַזוי וויינען. (טרעהרען שטיקען זי): ווען דו זאָלסט זיין אַמאָל פערליעבט, וואָלסטו געוואוסט, וואָס מען פיהלט, ווען דער וואָס איז דיר ליעב פערלאָזט דיך, רייזט אָב אין אַ וויטען לאַנד און דו ווייסט ניט אויב דו וועסט איהם זעהן ווידער.

ס א ב י נ ע: נאַר, ווי קום איך צו אַזעלכע זאַכען: איך מוז שטענדיג שווער אַרבייטען פאַר זיך און פאַר אַנדערע. (אַ גערויש). שאַ! איך הער, ער געהט (שטימען).

(דייוויד און נאָך עטליכע יונגע לייט קומען, דייוויד ברענגט פערשיעדענע פעקלעך).

ד י י ו ו י ד: אהא! אונזער גאַנצע קאָמפּאַניע איז דאָ! גוטען אבענד! גוטען אבענד, אַנאַרכיסטישער אַנאַרכיסט. ווי שפּעט איז

דאָס? מיר וועלען דאָ אַלע צוזאַמען אביסעל פערברענגען און איך וועל זיך נאָך היינט אריבערקלויבען אויפ'ן שיף... די שיף געהט אָב גאַנץ פריה...

ד ז ש ע נ י: מיר וועלען דיך אַלע בעגלייטען ביז'ן שיף; קינ־דער, ניט וואהר?

א ל ע י ו נ ג ע ל י י ט: יא, יא, געוויס... היינט ביינאַכט וועלען מיר שוין ניט שלאָפען.

ד י י וו י ד: אי, עס האָט מיר געגעבען א ביסעל א טיאַכקע... ע! מומע, איהר גיט אַקאָרשט אהער די קען און דעם פיטשער, גלאַ־זונטשיק וועט א שפרונג טאָן און וועט ברענגען מיט אמאָל צוויי פיינט ביער. אז איהר ווערט פטור פון אזא צרה ווי איך, מעגט איהר אייך א ביסעל משמח זיין. מומע, דאָ האָב איך הערינג און מאַסלינעס, און מיר וועלען היינט מאַכען א באַנקעט, פונקט ווי ביים צאַר אין זימני דוואָרעץ! נאָך בעסער! וואָרים, כע, כע, הערינג מיט ביער קען דער צאַר קריגען אין זימני דוואָריעץ, אָבער זיצען, ווי איהר דאָ, מיט א בונדיסט, א מכה קען ער דאָס אויספיהרען!

ר אָ ט מ אַ ן: מילא, הכלל, הקיצור המעשה, וואָס דארפסטו דערצעהלען? מע ווייסט, דו ביזט א כוואַטסקער יונג, א בראַנד דיר אין די ביינער אריין!

ד י י וו י ד (ציינט אויף אַ שווערען פעקעל): איהר זעהט, וואָס דאָס איז? דאָס איז צעהן פונט אידישע שריפט... דאָס מוז איך אריבערשמוגלען קיין רוסלאַנד... געוויס פאַר דעם פעקעל קען מען זיך דאָרט אָבפעקלען קיין סיביר... אָבער ווער הערט זיי? יעדער בוכשטאַב איז אן אוצר פאַר אונזערע אָרימע ברידער... יעדער אות טראָגט ליכט, אויפקלערונג, בעפרייאונג.

(וועהרענד ער האָט גערעדט, האָט פריידע דערלאַנגט א קען און א פיטשער צו א יונגענמאַן, וואָס איז אוועקגעגאַנגען).

פ ר י י ד ע (מאַכענדיג די הערינג): און אז דעם צאַר'ס זשאַנ־דארען וועלען דאָס ביי דיר געפינען, וואָס פאַר א פּזמון וועלען זיי דיר אָפזינגען?

ד י י וו י ד: ווען דעם צאַר'ס הינט וועלען מיך כאַפּען זאָגאר אָהן דעם שריפט, בין איך קאַפּוט מיט מיינע קינדער און קינדס קינדער

לעולם ועד, ווארום זיי ווייסען, אז איך בין א הייסער בונדיסט און האָבען מיט מיר אן אַלטען חשבון.

ר אָ ט מ א ן : א רוסישער חשבון! ער שמייסט און דו רעכען די שמיץ.

ב ע ל ק י ן : יא, ווען מיר אַלע אָבער זאָלען זיך נעהמען פאר די טיראַנען און דעספּאָטען!

ס א ב י נ ע : גוואַלד, גזלן, פאר וואס נעהמט איהר זיך ניט פאַר זיי? (געלעכטער).

ד י י ו ו י ד : אין דעם טאָג פאר מיין אָפּרייזען קיין אמעריקא האָבען זיי מיר געוואָלט ארעסטען. א מכה אונטערגעשלאָגען מיט פוטער! ארעסטען גאָר? און וואָס אין פסוק שטעהט: „ויברח יעקב?"

ר אָ ט מ א ן : עס שטעהט ניט אין פסוק: „ויברח יעקב"... ויצא יעקב...

ד י י ו ו י ד : און אז סע שטעהט ניט אין פסוק, דאַרף איך זיך לאָזען, אז פאָניע זאָל מיך כאַפּען. א מכה!

ד ז ש ע נ י : אי, דייוויד, דערצעהל, ווי אזוי דו האָסט זיך אויסגעדרעהט פון זייערע הענד... זיי זאָגען א איד איז א קאָוארד; זיי קענען ניט די בונדיסטען. דייוויד דערצעהל!

א ל ע מ י י ד ל ע ך : יא, יא, דייוויד, דערצעהלט, דערצעהלט.

ד י י ו ו י ד : ווייס איך, א גרויסע זאַך... כע, כע, איך בין געווען אין גאַס, הער איך, מען זאָגט, מען האָט מיינעם א פריינד א בונדיסט געכאַפּט מיט פערראַטענע בראַשורען און אז מען קלייבט זיך צו מיר. א שלעכטע מעשה, איך האָב אין דער היים חמץ! איך לויף א פערסאָפּעטער א היים, ערשטע, אהא, איך זעה, אנקעגען געהט מיין מוטער און צוויי מחבלים פיהרען זי...

מ אָ ר ר י ס : וואָס איז „מחבלים?"

ר אָ ט מ א ן : דאָס איז אין ענגליש זשאַנדאַרמען.

ד י י ו ו י ד : איך האָב שוין פערשטאַנען, אז ביי מיר איז שוין געווען אן אָביסק און מען פיהרט די מאַמען צום דאָפּראָס... אומקעהרען זיך צוריק, אָדער אָפּקעהרען זיך אָן א זייט, האָב איך ניט געקענט, די הינט וואָלטען מיך דערשמעקט.

ב ע ל ק י ן: נו, כאַפּט מען אַרויס אַ פּיסטאָלעט און באַץ! באַץ!

ר אַ ט מ אַ ן: מילאָ, הכלל, בקיצור המעשה, איך זעה בעלקין, אַז דאָ ביי אונזער אָנקעל סעם אונטער'ן אויוועז ביזטו אַ בריה.

ב ע ל ק י ן: אַזוי! נו, עס הייסט, מע זאָל דאַרפען...

א ל ע: שאַ, שאַ!

ד י י ו ו י ד: עס איז געווען פּונקט לעבען אַ קלויסטער, אין דער הויף צוויי פּאַרבער... איין אויגענבליק, און איך קריך שוין אויפ'ן לייטער מיט אַן עמער פּאַרב אין האַנד. אויף מיר כלומר'שט אַ פּאַר־בער, איך קריך און איך ציטער און טראַכט מיר, וואָס טהו איך, אַז די מאַמע הויבט אַן שרייען: דוד, וואוהין קריכסטו? כע, כע, ווי זיי זיינען נאַר פּערבייגעגאַנגען, באַלד אַראָפּ און שטעל פּיס... האַידאַ! און... נו... בין איך אין אַמעריקע... (אַלע לאַכען). אַהאַ! און אָט איז גלאָזונטשיק מיט'ן ביער.

(אַ יונגערמאַן קומט אַריין מיט צוויי פּיינט ביער).

ר אַ ט מ אַ ן: מילאָ, הכלל, הקיצור המעשה, ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען? זיצען אין אַמעריקאַ מיט אַ גלאָז ביער, אויף מיין וואָרט, איז אַ סך רוהיגער. ווייס איך וואָס, וואָס דאַרף איך זיך מי־שען אין פּרעמדע ביזנעס?

ד י י ו ו י ד: יאַ, אייך אין אַמעריקאַ זיצט זיך רוהיגער. אָבער מיר האָבען אין רוסלאַנד מיליאָנען אומגליקליכע ברידער, וועלכע קענען ניט און דאַרפען ניט זיין רוהיג.

ר אַ ט מ אַ ן: די רבנים פון רוסלאַנד זאָגען, אַז דערפאַר וואָס איהר שטופּט אייער חזיר'שען שנוק וואוהין מען דאַרף ניט, שלאָגט מען אידען...

ב ע ל ק י ן: די רבנים? אַ חאָלעריע!

ד י י ו ו י ד: די רבנים זאָגען אַזוי? דזשעני, גיב זשע גלע־זער, און מיר וועלען מאַכען לחיים.

(דזשעני שטעלט גלעזער אויפ'ן טיש).

ר אַ ט מ אַ ן (בייז): אויף די רבנים און די גדולי הדור זאָגט איהר אַ חאָלעריע?...

פ ר י י ד ע: שאַ! און אַז ער זאָגט, מיינסטו די חאָלעריע וועט איהם שוין פּאָלגען און וועט זיי שוין נעהמען?

ב ע ל ק י ן: איך זאָל זיין אינגער, וואָלט איך אויך געפאָהרען אהין... איך וואָלט געמאכט א תל פון אלע דעספאָטען און טיראַנען. (שטאַרקער געלעכטער).

ס א ב י נ ע: דעם צאר'ס גליק, וואס איהר קענט ניט פאָהרען...

ד י י ו ו י ד (מיט ביער אין די גלעזער): נו, גערשוני, דיך האָב איך ניט ערוואַרטעט דאָ צו זעהן היינט.

מ י י ק: איך האָב געהאַלטען א לעקטשור אויף אידיש ביי די יאָנג מענס לעססינג בענעוואָלענט עדיוקיישאָנאל סאָסייעטי, בין איך שוין אריינגעגאַנגען מיט דיר געזעגענען זיך.

מ אָ ר ר י ס: א לעקטשור אויף אידיש... כע! יעדען טאָג ווערען דאָ געבוירען סאָסייעטיס... וועלכע נעמען עס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט, אזעלכע סאָסייעטיס ווערען געגרינדעט: מאַנטעפיאָ־רע, דרייפוס, אריסטאָטעל, ליוואי, מאָזעס, היינע, בענדזשאמין, שעקס־פיר, ראָטשילד, שיללער, אייבראַם, ספינאָזא, און זיי באַדערען זיך מיט לעקטשורס... פאר וואָס צווינגט איהר זיי ניט צו לערנען ענגליש און טו ביקאָם גוד אַמעריקאַנס?

ר אָ ט מ א ן: ער איז ניט גערעכט? נאָר ענגליש; דהיינו למשל, וואָס וואָלט איך געטהאָן, איך זאָל ניט קענען ענגליש?

ב ע ל ק י ן: קוק איהם נאָר אָן דעם יענקי, אָן ענגלישמען! (געלעכטער).

ס א ב י נ ע: איהר זעהט, אָן אנארכיסט רעדט אויך אמאָל צו דער זאַך.

ר אָ ט מ א ן: איך געפעהלט ניט מיין ענגליש? ערשט נעכ־טען האָט מיר אָן אַמעריקאַן ליידי געזאָגט: ראָטמאַן, זאָגט זי, יו ספיק ענגליש לייק א וואָטער.

מ י י ק: סעי, מאָררים, דאַרפסט ניט אזוי לייכטזיניג רעדען פון די אלע סאָסייעטיס. נעהם א אידישען פייפער און גיב נאָר א קוק, וועלכע און וויפיעל לעקטשורס יעדען טאָג ווערט געגעבען אויף אידיש (נעהמט די אידישע צייטונג). א לעקטשור: ראָמאַנטיזם און רעאַליזם אין ליטעראַטור. לעקטשור: איבסען און זיינע דראַמען. לעקטשור: קאָמעטען און פּלאַנעטען. לעקטשור: ריטמוס אין דער קונסט און אין דער נאַטור. לעקטשור: גאָט אין דער דראַמא און אין לעבען. לעקטשור: דער פונדאַמענט פון דער סאָציאָלאָגישער וויסענ־

שאַפּט. און זאָ ווייטער. זעהסטו וויפיעל קולטורעלע ארבייט עס ווערט דאָ געטהאָן אין אידיש. די ענגלישע שפּראַך מאַכט דעם מענשען ניט פאר א גוד אַמעריקאַן. בילדונג און אויפקלערונג מאַכט עס... מיר האָבען דאָ גענוג ארבייט און איך פערשטעה ניט, וואָרום זאָל מען פון אַמעריקא דארפען פאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד זוכען אויפגאַבען... מילאָ אונזער פריינד בעלקין וואָלט געפאָהרען וואָרפען באָמבעס אויף די דעספּאָטען און טיראַנען, אָבער דו, דייוויד פינקעלשטיין, וואָס טרייבט דיך פון דאַנען?

פ ר י י ד ע: דו הערסט וואס מענשען זאָגען? טאַקע וואוהין טראָגט דיך דער ניט־דאָ־געדאַכט, שונאי ישראל?

ר אָ ט מ א ן: מילא, הכלל, הקיצור המעשה, וואָס פערשטעהסטו ניט? ער פאָהרט מאַכען שהחינו אויף א יונ׳ישע נאַהאַיקע.

ד י י ו ו י ד: רוסלאַנד פיהרט איצט קריעג מיט יאַפּאַן. מיר טהוט זעהר וועה דאָס הארץ פאר די אומשולדיגע רוסישע סאָלדאַטען נעבאַך, וועלכע וועלען זיין קרבנות אויף דעם מזבח פון סאַמאָדערזשאַוויע. אָבער רוסלאַנד מוז קריגען קלעפּ, אום דער פּרעסטיזש פון סאַמאָדערזשאַוויע זאָל פאַלען. רוסלאַנד מוז קריגען קלעפּ, אום די פּאָן פּלעהוועס זאָלען פערפלאָכטע ווערען... זיי זיינען שוין איצט צופּוזשעט...

ר אָ ט מ א ן: דאָס איז אמת. זיי לויפען שוין אום ווי די רעטס, ווען זיי דערזעהען א גרויסען שווארצען קאָטער.

ד י י ו ו י ד: איצט איז א צייט פאר יעדען רעוואָלוציאָנער צו ארבייטען פאר דער בעפרייאונג פון גאַנץ רוסלאַנד. יעדער בונדיסט איז א סאָלדאַט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע. ער מוז זיין אויף זיין פּלאַץ, אויף זיין שלאַכטפעלד, אונטער זיין פאָהן! פערשטעהט איהר שוין פאר וואָס איך דאַרף פאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד? (נעהמט אַ גלאָז ביער). הם... מר. מאַררים לאַכט פון דער אידישער שפּראַך. אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַטען מיינע. דער אידישער זשאַרגאָן איז איצט די רעוואָלוציאָנערע שפּראַך פון טויזענדער רוסישע אידען! דער אידישער זשארגאָן איז איצט דער לשון קודש, וועלכער רעדט צום הארץ און צו דער זעעלע פון מיליאָנען אומגליקליכע, ערקלעהרט זיי זייער לאַגע און פיהרט זיי צו דער פרייהייט... איך טרינק א גלאָז ביער פאר דער אידישער שפּראַך, וועלכע האָט אונז,

בונדיסטען, אזוי פיעל געהאלפען אין אונזער גרויסער, הייליגער אר־
בייט! (אלע טרינקען ביער). עי, איהר שרעקליכער אנארכיסט, ווארום
טרינקט איהר ניט קיין ביער?

ב ע ל ק י ן: איהר שטעכט מיר אלע די אויגען מיט'ן נאמען
אנארכיסט. ווער איז אן אנארכיסט? דער וואס זאגט אפען און אויפ־
ריכטיג, אז די געזעצען זיינען עגאאיסטיש, אומגערעכט געגען די איג־
טערעסען פון פאלק, אדער די היפאקריטען, וואס זאגען, אז די געזעצען
זיינען הייליג און טהוען אלעס געגען די געזעצע, ווען דאס פערטשע־
פעט זיי פערזענליך? אז מען קען דעם געזעצגעבער קויפען פאר א
גראשען, זיינען די געזעצען ניט מעהר פון א גראשען ווערטה! דו
ביזט נעגען געזעצע, ווען עס פערטשעפעט דיין קעשענע? איך האב
ניט קיין קעשעניע! איך בין געגען געזעצע, ווייל דאס פערטשעפעט
מיין הארץ, מיינע מענשליכע געפיהלען... א כאליעריע זאל אויף זיי
קומען! וואס הייסט? ע, לאמיר בעסער טאקע נעמען צו ביסלעך
ביער (טרינקט). איך בעט דיך, דייוויד, מאך דארט דעם טהראן וואס
מעהר טראבעל!

מ י י ק: המ... פאר געזעצע גאר צוליעב פערזענליכע אינטע־
רעסען? אין גאנצען פאלש איז דער געדאנק ניט. מען דארף עס
פערשרייבען אין מיין ביכעל (פערשרייבט).

ס א ב י נ ע: זעה נאר, מייק, וועסט דורך דעם פייערדיגען מר.
בעלקין געכאפט ווערען! (אלע לאכען).

ר א ט מ א ן: די אלע זאכען האבען ביי מיר א פנים פון חוזק...
נאך וואס דארף מען האס? ע! (טרינקט) לחיים! לאמיר בעסער
דערלעבען אלע איבער א יאהר זיין אין ציון, אין אונזער הייליגער
שטאדט ירושלים. (געלעכטער).

פ ר י י ד ע: ביזט פרעהליך! פערגעס ניט, מ'ע דארף דיענס־
טאג צאהלען רענט.

ר א ט מ א ן: נו, יא, פאר וואס רופט זיך חתונה מאטרימאני?
ווייל זיי מאטערען אונז מיט די מאני. מאטרימאני! מילא, הכלל,
בקיצור המעשה, לחיים! (טרינקט).

ד ז ש ע נ י: דייוויד, איך האב דיר פערגעסען צו זאגען... זעה,
איך האב דיר געקויפט א סוועטער... עס איז איצט אזוי קאלט אויפ'ן
אקעאן. אז איך דערמאן זיך, וועלכע שטורעמס עס איז איצט... און

זעהסט, איך האָב דיר אליין אויפגענעהט א פּאָאַר גלאָווס. (נעמט זיין האַנט, וויל אָנמעסטען די גלאָווס און קוקט אויף איהם שטיל). דייוויד, ווען דו וואָלסט געווען א גוטער, ווען דו וואָלסט אויף מיר רחמנות געהאַט, וואָלסטו ניט געפאָהרען. דו ווייסט דאָך, איך קען מיט דיר ניט פאָהרען... דו פאָהרסט אוועק און איך... ניין, דייוו, אפּנים האָסט מיך ניט ליעב. (וויינט). ער דריקט איהר האַנד צו זיין ברוסט (פּויזע).

ד י י ו ו י ד : דזשעני, וואָס איך וועל דיר ענטפערען, מעגען און דאַרפען אלע הערען. (הויך) מיינע פריינד, הערט וואָס איך וועל אייך דערצעהלען. דזשעני זאָגט, איך פאָהר אוועק, ווייל איך בין א שלעכטער, ווייל איך קער ניט פאַר איהר. זאָל דער פעטער און די מומע, זאָלען אלע הערען. איך זאָג אייך אלע דעם אמת, איך... איך וואָלט מיין לעבען אָבגעגעבען פאַר דזשעני'ן... יאָ, מיין לעבען! אָבער ווי קען איך איצט דענקען פון זיך, פון מיין גליק... דאָרטען איז איצט א הייסע צייט... יעדער וואָס קען זיין ניצליך, מוז איצט זיין דאָרט אויפ'ן גרויסען פעלד... איך גיב מיין עהרען־וואָרט, אז איך וועל דאָרט ניט בלייבען... אין א יאָהר אַרום קום איך צוריק צו אייך, מיינע ליעבע פריינד... צו דיר, מיין טייערע דזשעני... נאָר, טאָמער וועל איך אריינפאלען אין דעם פיינד'ס האַנט, און איך וועל מוזען ערגעץ וואו פערפוילט ווערען אין אסטראָג, אָדער אין די קאלטע טונדרעס פון סיביר... דערמאָנט מיר ניט צום שלעכטען... (טרערען שטיקען איהם, דזשעני וויינט, פריידעווישט די אויגען מיט'ן פאַרטוך. אלע בלייבען שטיל). עי, קינדער, לאָמיר זינגען אונזער רוסישע „דובינושקאָ“. (הויבט אָן זינגען טרויעריג) „אנגליטשאַנין מודרעץ“...

ר אָ ט מ אַ ן : מען דאַרף נויטיג די טרפה פעסניעס פון פאָניע חזיר! עט... (טרינקט ביער).

(אלע זינגען און געהען אַריבער אין א פרעהליך „חאָפּמאָוואָרעניק!“ די אַלטע זינגען אויך, עס ווערט לעבעדיג, אייניגע פּויפען, איי־ניגע טופען צו מיט די פיס).

פ אָ ר ה אַ נ ג.

די וואָהלטהעטער פון דער איסט סייד

קאָמעדיע אין 1 אַקט

פון יעקב גאָרדין

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אדאַפטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

מר. אשלי דזשעפערסאָן דזשאַסקע, א רייכער פילאַנטראָפּ, 50 יאָהר.

מרס. דזשאַסקע, זיין פרוי.

מרס. זאַקען, א רייכע אלמנה.

מרס. שפּרינגעל.

מר. מאָזעס הערינג, אַן אדוואָקאַט.

רבי דר. רעוו. קנאַבעל, 50 יאָהר.

מר. פ. האַטשינספּיש לאַבסטער, 30 יאָהר.

מר. מאָררים גאָלדבערג, אַן איסט־סיידער אַרבייטער פיהרער.

א דינער ביי דזשאַסקען אין הויז.

מר. טשעפּ, א רעפּאָרטער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין דזשאַסקע׳ס הויז.

(אַ גאַסט־צימער אין דזשאַסקע׳ס הויז, דער דיענער צושטעלט די פאָטעלען אַרום טיש, גרייט צו א העמעריל פאַר׳ן טשערמאַן, פאַפּיר, טינט און פעדער).

דיענער: פון די מיטינגען קען מען שוין משוגע ווערען. ווי ביי גאָט א טאָג אַזוי איז א מיטינג. אין מיינע „בעל הבתים" איז אריין א קליפּה פון רעפאָרמערס. ניט אומזיסט זאָגען מיינע איירישע לאַנדסלייט, אַז די רעפאָרמעס האָבען די אידען אויסגעטראַכט. יאָ, דאָס איז א ריין אידישער שפּיצעל. (מען קלינגט.) ווער קען עס קלינגען אַזוי פריה? דער מיטינג איז בעשטימט אויף האַלב נייען, און איצט איז ערשט אכט. (געהט עפענען די טיר. אין איניגע סעקונדען קערט ער זיך אום מיט גאָלדבערג׳ן, וועלכער טראָגט אַן אלטען פרינץ אַל־בערט און זעהר העלע הויזען.)

דיענער (צו גאָלדבערג׳ן): יעס, סיר, אייך ט׳אויסקומען וואַרטען אַרום א האַלבע שטונדע. (מיט א פערעכטליכען שמייכעל.) איהר

קענט זיך צוזעצען. (פאר זיך.) אין אָווענד וויזט ער זיך צווישען מענ־
שען אין העלע פלודערען; מען קען גלייך זעהן, אז דאָס איז אן אונ־
וויסנדער קערל און געהערט ניט צו די אנשטענדיגע הערען, ס'א וויל־
דער! (געהט אַוועק).

גאָלדבערג: ווי אזוי בין איך עס עפּעס אריינגעפאלען
מיט א האלבער שטונדע פריהער? לאָמיר נאָר זעהען, וואָס שטעהט
אין דער איינלאַדונג. (נעהמט ארויס פון בוזים־קעשענע א בריעף.) ריכ־
טיג. איך האָב טאקע ניט בעמערקט, אז לעבען דער ציפער אכט
שטעהט א קליין ציפערעל „30". אזא מזל האָבען שוין די קליינינ־
קע — זיי בעמערקט מען קיינמאל ניט... הייסט עס, איך וועל זיך
דאָ מוזען אָבוואלגערען איינער אליין גאנצע דרייסיג מינוט. מיר רו־
סען, קומען אימער אָן צו פריה אָדער גאָר, עפּטער פון אלץ, צו שפּעט.
אין צייט אָנקומען איז אונז ניט בעשערט. (ער זעצט זיך.) אינטערע־
סאנט צו וויסען, וועגען וואָס ועלען זיי היינט דבר'ן. וועדליג דעם
בריעף וועט זיך דאָ אָבטהאָן גאָר א וועלט. (לייענט דעם בריעף.) „פּריוו־
טאָג אווענד, אום 8.30 דעם זייגער, וועט אין מיין הויז זיין א העכסט
וויכטיגע פערזאמלונג. עס וועט בעטראכט ווערען די פראגע, אויף
וואָס פאר א וועג צו ראטעווען די אידישע בעפעלקערונג פון דאון־
טאון. ס'זיינען איינגעלאדען בעוואוסטע סאָציאלאָגען און רעפאָרמער.
אום צו זיין וואָס מעהר אל־זייטיג, לאדען מיר אויך אייך איין, אלס
פאָרשטעהער פון דער ארבייטער־בעוועגונג פון דער איסט־סייד. ער־
געבענסט אייערער, אשלי דזשעפערסאָן דזשאָסקע". הם! בעוואוס־
טע סאָציאלאָגען. איך און מר. אשלי דזשעפערסאָן דזשאָסקע. נישר־
קשה פון א מיש־מאש. (ער זוכט אין אלע קעשענעס מיט גרויס אונרו־
היגקייט.) ווי גע‌פעלט אייך! הא?... (זוכט.) איך בין פערלאָרען!...
פערלאָרען לעולם ועד!... (זוכט.) יא, כ'האָב אין איילעניש פערגעסען
נעהמען א נאָז־טיכעל... כ'וועל מוזען אין דער געזעלשאפט פון די גרוי־
סע פילאנטראָפען און בעריהמטע סאָציאלאָגען ווישען דעם נאָז מיט'ן
ארבעל. (זוכט). פו, ס'א מיאוס'קייט! כל־זמן ס'איז נאָך דאָ צייט,
דארף מען עפּעס צוטראכטען... אפשר גאָר מאכען פליטה? אָדער...
אָדער... אפשר גאָר ווענדען זיך צום דיענער?... איך וועל געבען א
האלבען דאלער, זאָל ער מיר נאָר געבען עפּעס א ווייסע שמאטע...
כ'וועל איהם אפילו ניט זשאלעווען קיין דאלער... פערשטעהט זיך,

קיין רעספּעקט וועט עס מיר ביים חאַם ניט צוגעבען, אָבער וואָס קען מען זיך העלפען?... (געהט צום טיר. מען קלינגט.) אַט קומען שוין די בעריהמטהייטען! איך בין פערלאָרען. איך בין פערלאָרען און מיינע יונגע יאָהרען און כחות! (זעצט זיך ביי אַ טישעל, מישט אַן אַלבאָם.) און דאָ, וויסענדיג מיין אונגליק, הויבט מיין נאָז אַזוי ווי מיט אַ כיוון אָן מאַכען נערוועזע שטיק. אַ צרה אויף מיר מיט'ן נאָז. (עס קומט אריין דער דיענער מיט רעווערענד קנאַבעל.)

ד י ע נ ע ר: יעס, דאָקטאָר, איהר זייט אַביסעלע צו פריה געקומען. נאָך קיינער ניטאָ פון די דזשענטעלמען און ליידים. בי סיטעד, דאָקטער. (אָב.)

ק נ אַ ב ע ל: אויב כ'האָב קיין טעות ניט, זייט איהר עס דער גרויסער מר. גאָלדבערג, דער בעוואוסטער אַגיטאַטאָר, דער לאָסאַל פון אידישע גהעטטאָ. זעהר אַנגענעהם. איך בין רעווערענד דר. קנאַבעל.

ג אָ ל ד ב ע ר ג: כ'האָב פון אייך געהערט. הייסט עס, איהר קומט אויך אויפ'ן מיטינג?

ק נ אַ ב ע ל: מיר, די דיענער פון גאָט, דאַרפען זיין אומעטום. מיר טהוען אימער אַ מיסיאָנערישע אַרבייט. זייט איהר אַ רוסישער?

ג אָ ל ד ב ע ר ג: יאָ. און איהר זייט דען ניט פון רוסלאַנד?

ק נ אַ ב ע ל: גאָט בעוואָהר! איך בין פון דייטשלאַנד. אַן עכטער דייטש... דאָס הייסט, מיינע עלטערען זיינען פון אונגאַרן, אָבער איך האָב זיך ערצויגען אין דייטשע אוניווערזיטעטען, אַקאַדעמיעס און גרויסע אינסטיטוטען. המ!... אייך מעג מען דאָך זאָגען דעם אמת.... זיי אַלע מיינען דאָ, אז די רוסישע אידען זיינען אַ נידעריגערע ראַסע מענשען, דעריבער זיינען מיר פון דייטשלאַנד. אָבער אויף צונ'אמת'ן זיינען מיר קאָנטרימען. איך בין אַ געבאָרענער אַ שניפּעשאָקער. כע! כע! חמורים!... נאָר דאָס דאַרף בלייבען צווישען אונז...

ג אָ ל ד ב ע ר ג: קאָנטרימען... אין וואָס פאַר אַן אייגענשאַפט פיגורירט איהר אויף דיזע מיטינגען. אַלס פאַרשטעהער פון די אינטערעסען פון גאָט, אָדער אַלס געלערנטער סאָציאָלאָג פון די

דייטשע אוניווערזיטעטען, אקאדעמיעס און גרויסע אינסטיטוטען?
הא?

קנאבעל: איך ווייס, איהר איגנארירט די רעליגיאן... מיר דארפען איבעראל טהאן גאט׳ס ארבייט... וואס וואלט דען געווען אהן דעם גלויבען אין גאט? ווען אט די חמורים וועלען פערגעסען אן גאט, וואס וועט דאמאלס ווערען פון גאט׳ס פריעסטער? כא! כא! כא!

גאלדבערג: ס׳וועט זיין זעהר שלעכט.

קנאבעל: יעדער איינער דארף זיך זארגען פאר זיינע ביזנעס. ניט אמת?

גאלדבערג: פערשטעהט זיך. אזוי איז פראקטיש. אבער אט אייערע סאציאלאגען אט אויף די מיטינגען פערנעהמען זיך, ווי עס ווייזט אויס, דוקא ניט מיט זייערע אייגענע, נאר מיט פרעמדע ביזנעס. (פאר זיך.) דער טייוועל ווייסט איהם, וואס טהו איך אהן א נאז־טיכעל?

קנאבעל: א, גאט נערעכטער! דער בעל הבית פון הויז איז א היטער פון דער געזעלשאפטליכער מאראל. ער אליין אבער... הם!... ער האט זיך א שעהנע טייפרייטערקע, מיט וועלכער ער פאהרט זיך אלע צוויי וואכען ארום אין אטלאנטיק סיטי... זיין זוהנדעל איז א געמבלער און שאלטעק... ער האט זיך געווען ארייננעכאפט פאר פעלשען דעם טאטענ׳ס האנדשריפט אויף טשעקס... אבער מען האט דעם סקאנדאל צוריבען... טאטע פאטער!

גאלדבערג: זעהר א שעהנע רעקאמענדאציע פאר די בעריהמטע סאציאלאגען. הערט נאר, איך פיהל אין פאראויס, אז ס׳וועט זיין זעהר אינטערעסאנט בייצוואוינען דיזע פילאנטראפישע קאמעדיע, נאר, אז ס׳איז בעשערט א צרה, האב איך אין איילעניש פערגעסען נעהמען א נאז־טיכעל. דאס בעאונרוהיגט מיך זעהר, און איך ווענד זיך צו אייך, ווי צו א גייסטליכען פאטער, נאך אן עצה.

קנאבעל (זוכט אין קעשענע): צום בעדויערען האב איך נאר איין טיכעל (פאר זיך.) האבען האב איך אפילו צוויי, אבער ביי מיר וועט ער קיין ביינדעל ניט לעקען. נישקשה, מיר קענען די רוסישע שנארערס.

גאלדבערג: אפשר זיך ווענדען צום דיענער?

קנאַבעל: גאָט בעוואָהר. דאָס'ט זיין אַן ערנידערונג פאר דער גאַנצער געזעלשאפט... איהר גיט בעסער א לויף אין קרעמעל. אָבער דעם דיענער זאָלט איהר זאָגען, אז איהר געהט אין א טעלעפאָן סטיישאָן. איהר'ט זיך דערמאָנט עפעס א וויכטיגע ביזנעס. יונגער־מאַן, מען דארף איבעראל שפיעלען די ראָליע פון א זעהר פערנומע־נעם מענשען, דאָס ערלויבט א מענשען ארומצוגעהן פוסט און פאס און גיט איהם דאָס רעכט אויף רעספעקט. אָ, טאַטע פאָטער!

גאָלדבערג: הייסט עס, אין דעם טעלעפאָן סטיישאָן! אָ, גרויסע צייט פון טעלעפאָנען און גראַפאָפאָנען. מיי דיער ראבי, גאָט זאָל אייך בעצאָהלען פאר ארויסראַטעווען מיין נשמה פון די יסורים פון גיהנום. (אב. פון הינטער די קוליסען הערט זיך זיין שטי־מע): „וויל יו, פליז טעל מי, ווהער איז די ניערעסט טעלעפאָן סטיי־שאָן?"

קנאַבעל: אָמן. כע! כע! כע! מיט ראַדיקאַלען דארף מען אביסעל זיין א פריידענקער. מיט אַלע מענשען דארף מען לע־בען אין פריעדען און הארמאָניע. אזוי איז דער רצון פון דעם פאָ־טער אין הימעל... איי! איי! (נעהמט דעם אַלבום און בעקוקט די ביל־דער) אָ, וועגוס... א פאָטאָגראַפיע פון ווענוס דער בעלוועדרער. מען דארף א קוק טהאָן. (טהוט אָן די ברילען און בעקוקט דאָס בילד.) אונז פאסט ניט צו קוקען אויף אזעלכע זאַכען.. (נעהמט ארויס פון קעשענע אַ קליינע ביבעל.) גרוים זיינען דיינע מעשים, אָ קלוגער בעשעפער. (קוקט אין אלבאָם.) איך הער טריט. (מאַכט צו דעם אַלבאָם און לעזט מיט כונה די ביבעל.)

(עס קומט אַריין דזשאָסקע פון די אינוועניגסטע צימערען).

דזשאָסקע: אָ, ראַביי (דרעהט זיך אום.) מרס. דזשאָס־קע, אור דיער דר. קנאָבעל איז היער. (מאַדאַם דזשאָסקע טרעט אויף. קנאָבעל געהט איהר אַנטקעגען מיט דער ביבעל אין האַנט.) גלעד טו סי יו, דאָקטער!

מרס. דזשאָסקע: האו אר יו, דאָקטער? (מען דריקט זיך די הענט.) אימער מיט דער ביבעל? איהר געפינט טאַקע אימער אינטערעס צו לעזען דיזען בוך?

קנאָבעל: א ניט־אויסשעפּליכער קוואַל פון קלוגהייט און

ווארהייט. אַט האָב איך נאָר וואָס ווידער געלייענט דעם ספר איוב און האָב בעטראַכט דעם ענין פון מאָרגענדיגער סוירמאַן.

ד ז ש אָ ס ק ע: גיים וועטהער טו דעי... זיצט, דאָקטאָר.

ק נ אָ ב ע ל: אַן אויסגעצייכענט וועטער (אַלע זעצען זיך.)

ד ז ש אָ ס ק ע: וויל יו סמוק ע סיגאַר, דאָקטער?

ק נ אָ ב ע ל: ניין, אַ דאַנק, רוֹיבערען וועל איך ניט... נאָר אויב איהר'ט ערלויבען, וועל איך נעהמען איינס.

ד ז ש אָ ס ק ע: אָ, דו טייק סאָם.

ק נ אָ ב ע ל: אייערע אויסגעצייכענטע ציגאַרען פערדיענען געעהרט צו ווערען. — איך נעהם דריי... (לעגט אַריין אין קעשענע די ציגאַרען.) טהענק יו!

ד ז ש אָ ס ק ע: יו אַר וועלקאָם, דאָקטער.

מ ר ס ד ז ש אָ ס ק ע: מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז דאָ נאָך אַ דזשענטעלמען, ווי הייסט ער דאָרטען? אַט דער פון דאָון־טאָון... וואו איז ער אַהינגעקומען?

ק נ אָ ב ע ל: יאָ, ער איז געווען, נאָר, ווייסט איהר, כע, כע... המ... נאַטירליך, מען טאָר ניט רעדען קיין לשון הרע, נאָר ער איז הפנים ניט געוואוינט צו קיין אַנשטענדיגער געזעלשאַפט און איז דער־ריבער געקומען אָהן אַ נאָז־טיכעל. (אַלע לאַכען.)

מ ר ס. ד ז ש אָ ס ק ע: צו וואָס האָסטו נאָך גערארפט אָט דעם דעמאַגאָג? ער איז אודאי שמוציג. זיי אַלע ליידען פון אַ מין הידראָפאָביע און דעריבער האָבען זיי מורא איינצוואַשען זיך מיט וואַסער... אַז איך קום צופאָהרען פון אָט דעם שמוציגען דאָון־טאַונער נעסט, מוז איך נעהמען אַ וואַנע.

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: איי הייט דאָוז פיפל, באָט יו נאָו, איך האָב היינט אויך איינגעלאַדען אַ רעפּאָרטער, און ס'איז נויטיג, ס'זאָל איבעראַל בעקאַנט זיין, אויף וויפיעל מיר זיינען אונפּאַרטייאיש. (מען קלינגט.)

מ ר ס. ד ז ש אָ ס ק ע: דיער מי! אפשר איז עס שוין מר. האָטשינספיש לאַבסטער. איהר ווייסט, ער געהערט דאָך צום סמאַרט סעט... אַזאַ בעריהמטער קריסט. (זי איז אונרוהיג.)

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: ער פערנעהמט זיך אויך מיט סאָציאָ־לאָגיע.

קנאַבעל: כ'האָב געהערט, ווי דען. וועט ער אַליין טאַקע דאָ זיין? ער איז דאָך אַ מיליאָנער'ס אַ קרוב, וועט ער אַליין, אַלזאָ, דאָ זיין און אַ רעפּאָרטער נאָך אויך. הם! (ער פּעררוכט דעם האַלז־טוך. גאָלדבערג קומט אריין און גריסט זיך.)

גאָלדבערג: כ'בין געקומען אויף אייער איינלאַדונג...

קנאַבעל: כ'האָב דאָס פּערגעניגען פאָרצושטעלען: דאָס איז דער יונגער מענש, וועגען וועלכען מיר האָבען נאָר וואָס גערעדט. מר. גאָלדבערג, דער גרויסער פאָלקס־טריבון, דער לאַסאַל פון אונזער צייט.

מר. דזשאַסקע (מיט פרייד): אַה, ווי צופריעדען און גליקליך איך בין, אינדיד... זיצט, ביטע, האָב שוין לאַנג געזוכט די עהרע מיט אייך זיך צו בעקענען. וואָס פאַר אַ פרייד! זיצט, פּליעז. (רוקט איהם צו אַ שטוהל.)

מרס. דזשאַסקע: וועריַ, וועריַ, פּליעזד, אינדיד. (מען דריקט זיך די הענט.)

מר. דזשאַסקע: מיר פּערנעהמען זיך מיט דער לעזונג פון זעהר וויכטיגע סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען, און איך האָף, אַז איהר'ט אונז בעהילפיג זיין.

גאָלדבערג: אויב די לעזונג הענגט נאָר אָב פון מיין הילף, וועל איך אייך אודאי, מיט פּערגעניגען העלפען. (מען קלינגעט.)

מרס. דזשאַסקע: דיער מי! דאָס איז אודאי מר. האָטשינספּיש לאַבסטער. (איז אונרוהיג. עס קומען אַריין מיט אַ טאַ־ראַראַם מרס. זאַקען און מרס. שפּרינגעל.)

אַלע: אָ, מיי דיער (די דאַמען קושען זיך.) דר. קנאַבעל... מר. דזשאַסקע, האַו דו יו דו? האַו אַר יו?

דזשאַסקע: כ'האָב די עהרע פּאָרצושטעלען, מר. גאָלד־בערג, מרס. זאַקען, מרס. שפּרינגעל!

קנאַבעל: דער גרויסער אַגיטאַטאָר און פאָלקס־פריינד. (גאָלדבערג שטעהט אויף, די דאַמען פּערבויגען זיך צו איהם פון דערוויי־טען.)

מרס. דזשאַסקע: אַך, מרס. זאַקען, אַך, מרס. שפּרינ־געל! ווייסט איהר באַטש, ווער ס'וועט דאָ היינט זיין? מר. האָ־

טשינספּיש לאָבסטער! איהר ווייסט, ער געהערט דאָך צום סמאַרט סעט!

ב י י ד ע ד אַ מ ע ן: סאָ? סאָ?

(די מאַנזבילען זעצען זיך אוים בעזונדער און רעדען שטיל. אַלע דאַמען בעזונדער.)

מ ר ס. ש פּ ר י נ ג ע ל: וואָס איז דאָס פאַר א פויגעל?

מרס. זאַקען, זעהט נאָר זיינע הויזען... גריישאָס! (זיי לאַכען.)

מ ר ס. ז אַ ק ע ן: איך צווייפעל צי האָט אפילו דער גראַף קאַסטעלאַן שעהנערע הויזען. (געלעכטער.)

(מען קלינגט).

מ ר ס. ד ז ש אַ ס ק ע: אָך, דאָס איז ער!

מ ר ס. ז אַ ק ע ן: מר. האָטשינספּיש

מ ר ס. ש פּ ר י נ ג ע ל: פּיש לאָבסטער.

(אַלע דאַמען גיבען זיך א וואָרף, עס קומט אריין מר. מאָזעס הערינג.)

ה ע ר י נ ג: האַו דו יו דו, מרס. דזשאַסקע? האַו אר יו, מרס. זאַקען, מרס. שפּרינגעל? גלעד טו סי יו עגען. ווי געהט עס? דיער דאָקטער קנאַבעל? מר. דזשאַסקע, האַו איז עווריטהינג? ע וועריו נייס איווונינג.

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: וועריו נייס, אינדיד. מר. גאָלדבערג, דעטם אור פּראָמינענט דיוואָרס לאָיער, מר. הערינג. (מען גריסט זיך.) ווילט איהר ניט, מר. הערינג א ציגאַר? טייק ע סיגאַר. (דר. קנאַבעל נעהמט אויך א ציגאַר, דזשאַסקע בעהאַלט דעם פּאַרטסיגאַר, דערנאָך דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג.) אָך, יאַ, מר. גאָלדבערג, איהר ווילט גאָר ניט רויכערען?

ג אָ ל ד ב ע ר ג: א דאַנק, איך רויכער ניט קיין ציגאַרען. איבריגענס גיט, וועל איך אויסרויכערען. (נעהמט א ציגאַר. פּאַר זיך.) סאַי ווי ווייס איך ניט, וואָס צו טהאָן, וועגען וואָס מיט זיי צו רעדען, וועל איך נאָר לאָזען רויך דורכ׳ן קוימען. (דזשאַסקע טראָגט איהם אונטער פייער.)

ה ע ר י נ ג (צוזעצענדיג זיך צו די דאַמען): דאָס איז א דאַונטאַונ׳ער בעריהמטהייט? ער קוקט אוים ווי אן עכטער אמעריקאַנער.

אַ ל ע ד אַ מ ע ן: אַה...? אַה...?

הערינג: וואָרים ער איז אָנגעטהאָן ווי פאַרער גיקערבאַקער און שרייען שרייט ער ווי א דיספעפטיק. (אַלע לאַכען.)

קנאַבעל: מר. הערינג, מיר האָבען דאָ א דעבאַטע וועגען דעם, וואָס הייסט ראַשאַנעל און איראַשאַנעל. איך זאָג, וואָס פון דעם שטאַנדפונקט פון דער מעטאַפיזיק געהט אונזער אינטעלעקט, דאָס וואָס די פערצייטיגע האָבען אָנגערופען מיט'ן נאָמען לאָגוס, — נעהט עס אריבער אינ'ם פּראָצעס פון דענקען און אָביעקטירט זיך אין אן אבסטראַקציע... עס גיבען דיפערענציאַציעס פון ראַציאָנאַליטעט...

הערינג: איך דענק, אַז מר. גאָלדבערג קען אויף דערויף גיכער ענטפערען. דאָרט, דאַון־טאַון זיינען זיי אַלע פילאָזאָפען. אויף אָנבייסען עסט איהר אויף ספּענסער'ן, צו מיטאָג דערשלינגט איהר פּלאַטאָ'ן, און שלאָפען לעגט איהר זיך מיט שאָפּענהויער'ן. כע! כע!

מר. דזשאַסקע: מר. גאָלדבערג, דאַרף אונז געבען זיין דעפיניציאָן, וואָס עס הייסט ראַשאַנעל. יעס, יעס.

גאָלדבערג: ראַשאַנעל נעהמט זיך פון וואָרט ריישיאָ, פּראָפּאָרציע. אין דער פערצייטיגער וועלט האָט מען געהאַלטען פאַר פערנינפטיג דאָס אַלץ וואָס איז מעסיג צוגעפּאַסט, פּראָפּאָרציאָנעל, סימעטריש, טאַקטיש... און פערקעהרט... אין אונזער צייט טרעפט מען אָזאַ בעשיינפערליכען ביישפּיעל פון דערפון וואָס איז ראַשאַנעל און איראַשאַנעל... כל זמן דער רייכער קרעזוס זיצט ביי זיך אין אָפיס, איז ער נאָך מעהר ווענינער ראַציאָנאַל, ווען אָבער ער נעהמט זיך לעזען סאָציאַלע פּראָבלעמען, דאַן איז ער לחלוטין ניט־ראַציאָנאַל. (אַלע פּיהלען זיך ניט היימיש.)

קנאַבעל: דיער בראָטהער, מר. דזשאַסקע, דיער בראָטהער, דיער מאָזעס הערינג, איי וואָנט טו עסק יו עבאוט עי קאָנגרעגיישאָ־נעל עפּעיר, יו נאָו... (נעהמט זיי ביידען אונטער די הענט און פיהרט זיי צו צו די דאַמען.)

גאָלדבערג: דאַכט זיך איך האָב אָנגעריהרט מיט'ן פינ־גער אויף א קראַנקען אָרט.

מרס. דזשאַסקע: הערט אַקאָרשט, אויב ער וועט זיך אַזוי אויף האַלטען פאַר מר. האָטשינספּיש לאָבסטער, דאַן ווייס נאָר איין גאָט, וואָס ס'וועט זיין.

מרס. שפּרינגעל: איך אויף אייער אָרט וואָלט איהם

העפליך געזאָגט: איהר, מיסטער, זייט ניט צופיעל קאָנוועגציאָנעל, אז ס׳וועט קומען א קריסטליכער דזשענטעלמען, דאַרף מען זיך האַל־טען אנשטענדיג. ניט אַזוי, מרס. זאַקען?

מ ר ס. ז אַ ק ע ן: איך וואָלט עס געטהאָן. מען דאַרף זיי לערנען ווי אויפצופיהרען זיך.

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: ווירקליך, ער קען נאָך אָנטהאָן א שאַנ־דע דעם גאַנצען כלל ישראל. ווער וויים וואָס זיי אַלע קענען פון אונז דענקען?

ק נ אַ ב ע ל: ער קען ברענגען חרפּות ובושות אויפ׳ן אידישען פאָלק. (מען קלינגט.)

מ ר ס. ד ז ש אַ ס ק ע: דאָס איז ער! מיין גאָט! דאָס איז מר. האָטשינס.

מ ר ס. ש פּ ר י נ ג ע ל: פּיש.

מ ר ס. ז אַ ק ע ן: לאָבסטער.

(אַלע דריי צוזאַמען. אַלע זיינען אונרוהיג. עס שפּרינגט אַריין מר. טשעפּ, האַלטענדיג זיך גאַנץ פאַמיליאַר).

מ ר. ט ש ע פּ: גוד איוונינג, לײדיס ען דזשענטעלמען!

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: אָ, מר. טשעפּ...! אי העוו דהי אָנאָר אָף אינטראָדיוסינג טו יו מר. טשעפּ, ע דזשענטעלמען אָף דהי פּרעס. (אַלע פערנייגען זיך.)

מ ר. ט ש ע פּ: עקסקיוז מי... מר. דזשאַסקע, וואַן מינוט. (ער נעהמט איהם אָן אַ זייט.) פערשטעהט איהר מיך, מר. דזשאַסקע, איך האָב אַן אנדער אַפּאינטמענט און קען ניט אנוועזענד זיין אויפ׳ן מי־טינג. אָבער איך האָב שוין אָנגעשריבען די נייעס וועגען דאָס גע־שעהענע און איך שיק עס שוין אוועק אין דער צייטונג. איך וויל עס אייך פאָרלעזען. (לעזט פון א פּאַפּיער): נעכטען אָבענד איז אין גרויסאַרטיגען הויז פון אונזער בעריהמטען פילאַנטראָפּ מר. אַשלי דזשעפערסאָן דזשאַסקע אַבגעהאַלטען געוואָרען א מערקווירדיגער מי־טינג. עס איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען פערבעסערן די מאָ־ראַליש, רעליגיעזע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פיזיקאַלישע לאַגע פון דער בעפעלקערונג פון דאַון־טאַון. זעהר וויכטיגע שריט זיינען גענו־מען געוואָרען. די אַנוועזענדע זיינען צווישען אַנדערע, געוועז: מרס. קוואַדרופּה... (נעהמט אַ פּען.)

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: זי איז אפילו ניט געווען איינגעלאַדען.

מ ר. ט ש ע פּ (מעקט אויס): הייסט עס, ארויס מיט איהר... מרס. ווי הייסט זי, עה?

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: מרס. שפּרינגעל, מרס. זאַקען.

מ ר. ט ש ע פּ (שרייבט): יעס, שפּרינגעל, מרס. זאַקען, דער בעריהמטער לאָיער מר. הערינג, מר. האַטשינספיש לאַבסטער, א יורש פון א פערצייטיגער משפחה.

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: ער איז נאָך ניטאָ. ער קען אפשר ניט קומען אויך.

מ ר. ט ש ע פּ: דאָס איז ניט וויכטיג. און דער בעריהמ־טער ארבייטער־פיהרער מר. גאָלדבערג. די זיצונג איז פאָרגעקומען אין דעם בלויען־גאַסט־צימער.

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: אין דעם בלויען?

מ ר. ט ש ע פּ: ווהאט דו יו קער? אין דעם בלויען גאַסט־צימער, וואָס איז געווען פערגאָסען מיט'ן צויבערליכען ליכט פון בלויע עלעקטרישע פייערען. די באַלעבאָסטע איז געווען אָנגטהאָן אין א מערקווירדיגען טאַרלאַטאַן־קלייד און די דעבאַטען האָבען זיך אויסגע־צייכענט מיט טיעף־סאָציאָלאָגישער געלעהרטקייט. איבערהויפּט האָבען זיך אויסגעצייכענט דער באַלעבאָס זעלבסט, דער רעוורענד דר... וואָס איז זיין נאָמען?

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: דר. קנאָבעל.

מ ר. ט ש ע פּ: יעס, דר. קנאָבעל און דער גלענצענדער אגי־טאַטאָר, מר. גאָלדבערג... איך...

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: דאָס דאַרף מען ניט. וועגען איהם דאַרף מען ניט.

מ ר. ט ש ע פּ: אז מען דאַרף ניט, טאָ ארויס מיט איהם!... איכ'ל נאָך אין וואַנאָן צוגעבען נאָך א פּאָר שטריכען. אָל רייט? גוד נייט, ליידיס ען דזשענטעלמען, גוד נייט. מר. דזשאָסקע, איי וויל סי יו טומאָרראָו, גוד נייט. (שנעל אָב.)

מ ר. ד ז ש אַ ס ק ע: מר. טשעפּ איז ע גוד טשעפּ. (אלע לאַכען, איבערהויפּט קנאָבעל.)

ק נ אָ ב ע ל: מר. טשעפּ איז ע גוד טשעפּ, כע! כע! כע! דאָס איז זעהר, זעהר שאַרפזיניג.

מ ר. ה ע ר י נ ג: אפשר איז שוין צייט עפענען די פערזאמ־לונג? איך האָב היינט נאָך אַ מיטינג ביים פעראיין, פאַר דער אויפ־קלערונג פון דער סאוטה.

מ ר ס. ד ז ש אָ ס ק ע: ניין, לאָמיר נאָך ווארטען... אפשר וועט ער נאָך קומען.

ב י י ד ע ד א מ ע ן: געוויס, לאָמיר ווארטען.

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: וואס איז אייער מיינונג וועגען דעם איינ־פלוס פון אונזער מעכטיגער אמעריקאנער פרעסע? (מען קלינגט.)

א ל ע: דאָס איז ער! (אַלע צורודערט.)

ק נ אָ ב ע ל: אפשר דארף מען איהם גאָר בעגעגענען אין פאָ־דער־שטוב? (דזשאָסקע לויפט אַרויס, אַלע דאַמען מאַכען זיך צורעכט פאַר די שפּיגלען.)

ג אָ ל ד ב ע ר ג (פאַר זיך): דיעזער יורש פון דער פלוטאָקראַ־טישער וועלט וועט זיי היינט פון זינען אראָבפיהרען. וואָס פאַר אַ קנעכטישע אונטערטעניגקייט פאַר פרעמדע, און וואָס פאַר אַ פרעכ־הייט פאַר „אייגענע"...

(דזשאָסקע פיהרט אַריין מר. פּיש לאַבסטער).

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע (שטעלט פאָר): מרס. דזשאָסקע, מרס. זאַקען, מרס. שפּרינגעל, מר. הערינג, דר. קנאָבעל, מר. גאָלדבערג...

ק נ אָ ב ע ל: טהי גרייט לאָסאָל אָף טהי איסט סייד.

ל אָ ב ס ט ע ר: (פויל) גלעד טו מיט יו, גלעד טו מיט יו.

(אַלע גיבען זיך אַ וואָרף אונטעררוקען איהם אַ פאָטעל, עס ווערט אַ מישענינע, ביז לסוף זעצען זיך אַלע אויס, לאָבסטער שטעלט לעבען זיך אַוועק זיין צילינדער, רייניגט זיך די נעגעל).

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: ע וועריַ נייס איוונינג.

ל אָ ב ס ט ע ר (רעדט לאַנגזאַם): וועריַ נייס, אינדיד.

ק נ אָ ב ע ל: איהר האָט דאָך נאַטירליך געלעזען אַנומעלט אין די צייטונגען די סוירמאָן פון אַ געוויסען פרעדיגער, וואו ער בע־דויערט, וואָס אַלע אונזערע האוזעס אָף וואָרשיפּ, זיינען פערוואַנ־דעלט געוואָרען אין טהעאַטערע... דאָס האָט מיך זעהר געקרענקט. מיר דאַכט זיך, אַז די פייערליכקייט פון דער אויסשטאַטונג דארף בעזונ־דערס הארמאָנירען מיט דער פייערליכקייט פון פּלאַץ... פערגלייכען אַ קירכע מיט אַ טהעאַטער איז אַ פערשוועכונג.

ל א ב ס ט ע ר: יעס, איט איז ע פּראָפעניישאָן אינדיד. ניט אַזוי, מר... מר... (ווענדעט זיך צו גאָלדבערג׳ן.)

ק נ אָ ב ע ל: מר. גאָלדבערג, אונזער בעליעבטער מר. האָ־טשינספּיש לאַבסטער ווענדעט זיך צו אייך.

ל א ב ס ט ע ר: יעס, מר. גאָלדבערג, איז עס דען ניט אַזוי? דענקט איהר ניט אַזוי?

ג אָ ל ד ב ע ר ג: איך? איך מיין, אַז דיזער פאַקט איז זעהר א גוטער סימן, וואָרים, ווי באַלד די קירכען ווערען פערוואַנדעלט אין טהעאַטערע און די פּרעדיגער אין אַקטיאָרען, הייסט עס, אַז אין גיכען וועט אָנקומען א צייט, ווען די טהעאַטערע וועלען ווערען טעמפּלען און די אַקטיאָרען די פּרעדיגער פון תורה, פון וואַרהייט און רייִנער קונסט.

(אַלע זייִנען שאָקירט.)

ל א ב ס ט ע ר: סאָ? (ער קוקט אויף גאָלדבערג׳ן רייִניגט זיך די נעגעל).

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: דענקט איהר ניט, אַז ס׳איז שוין אונז צייט צו עפענען די פערזאַמלונג?

ק נ אָ ב ע ל: נאָמינײשאָן אָף טשערמאַן איז אין אָרדער. איך נאָמינירע אויף דיעזער בראַטהער מר. האָטשינספּיש לאַבסטער.

ל א ב ס ט ע ר: רעספּעקטפולי דיקליין אין פייוואָר אָף אור קיינד האוסט מר. דזשאָסקע.

ק נ אָ ב ע ל: מר. הערינג וועט זייִן אונזער פּראָטאָקאָל סעק־רעטער.

(דזשאָסקע זעצט זיך ביים טיש און קלאַפּט מיט׳ן העמעריל, הערינג זעצט זיך לעבען איהם).

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: מר. האָטשינספּיש לאַבסטער, ליידיז ען דזשענטעלמען. אונזער גרויסער מיטבירגער לינקאָלן, וועלכער, וואָס איז אויך געווען א גרויסער אַמעריקאַנער, האָט אויפגעהויבען די פאָהן פון פרייהייט אין דעם קאַמף פון די שקלאַפען פאַר זייער בעפרייאונג. אויך מיר זייִנען אַזוי ווי לינקאָלן. געוויס, די בעפעלקערונג פון דער איסט סייד איז ניט קיין שוואַרצע, אָבער זיי זייִנען רומענער; אמת, זיי זייִנען ניט קיין עטהיאָפּער, אָבער זיי זייִנען רוסען. און אַלס אַזעלכע זייִנען זיי ניט פאָרבערייטעט צו זייִן גוטע, טרייע ביר־גער. אָט פאַר וואָס אַלע אַנאַרכיסטישע און דעמאַגאָגישע טעאָריען

ווערען צווישען זיי אזוי לייכט פערשפרייט. אמת, די פערפאָלגונגען האָבען זיי געמאַכט פאַר שנאָרערס און בעטלער, אָבער מיר זיינען דאָך אויך היומען ביאינגס, און מיר מוזען לעזען דאָס גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעם אין נאָמען פון אמת, ליעבע, אין נאָמען פון מענשליכקייט, אין נאָמען פון פּראָגרעס, אין נאָמען פון ציוויליזאַציאָן, אין נאָמען פון דער ברידערשאַפט פון די נאַציאָנען, אין נאָמען פון דער מענשהייט, אין נאָמען פון דער דאָזיגער גרויסער שווערער, פערפלאָנטערטער לעזונג פון געזעלשאַפטליכען פּראָבלעם פון דער געזעלשאַפט, פון דער געמיינשאַפט פון דער שטאָדט ניו יאָרק פון אמעריקא... (מען אפּלאָדירט, דזשאָסקע זעצט זיך.)

ק נ אָ ב ע ל : מר. האָטשינספיש לאָבסטער, האָו דו יו לייק טהי טרו אַמעריקען ספּיריט אָף אור פּיפּל?

ל אָ ב ס ט ע ר : איי לייק איט וועריּ מאַטש. (גרימאַסען) איט איז עדמירייבל (ער רייניגט זיך די נעגעל).

מ ר ס . ד ז ש אָ ס ק ע : מר. טשערמאַן, איך פערלאַנג אַ וואָרט.

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע : מרס. דזשאָסקע האָט דאָס וואָרט.

מ ר ס. ד ז ש אָ ס ק ע : מען דאַרף אָפּראַטעווען די בעפעלקערונג פון דער איסט סייד, מען דאַרף זיי בילדען, און כדי צו קענען בילדען דאַרף מען האָבען בילדונגס-מיטלען, איז דעריבער לעג איך פאָר, ערשטענס, אז מען זאָל אָפּדרוקען אַ ביליגע אויסגאַבע פון „קאָך בוך" און אומזיסט צוטיילען עס דאַון טאַון, און אז צום בוך זאָלען נאָך צוגעגעבען ווערען אינסטרוקציעס, אז מען טאָר נישט עסען מיט אַ מעסער, מען טאָר ניט האַלטען דעם גאָפּעל אין דער לינקער האַנד און מען טאָר מיט דעם סערוועטעל דעם נאָז ניט אָפּווישען. צווייטענס דאַרף מען עפענען אַ מוסטערהאַפטע „באָד-שול" מיט צוויי אָפּטיילונגען, פאַר מענער און פאַר פרויען, וואו מען זאָל אַ גאַנצען טאָג רייבען מיט זייף און בריהען מיט הייסען וואַסער אַ מאַן און אַ פרוי אַלס אויגענשיינליכען אונטעררִיכט און צוליעב אַלגעמיינער אויפקלערונג. (זי זעצט זיך. מען אַפּלאָדירט).

ק נ אָ ב ע ל : (ער אַפּלאָדירט און זעצט זיך לעבען גאָלדבערג'ן) בראַוואָ! בראַוואָ! אָט זיינען זיי, די טעכטער פון ציון! (שטיל צו גאָלדבערג'ן) ווי געפעלט עס אייך? (גאָלדבערג שווייגט).

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: מרס. זאַקען האָט דאָס וואָרט.

מ ר ס. ז אַ ק ע ן: דאָס גאַנצע אונגליק קומט פון דעם ני־דעריגען מאָראַלישען צושטאַנד פון די דאַון־טאַונער פרויען. זייערע רעד לייטס ברענען אוים אונזערע אויגען מיט׳ן פייער פון שאַנדע.

ק נ אַ ב ע ל: (שטיל צו גאָלדבערג׳ן) איהר טאָכטער איז צו פערצעהן יאָהר אַנטלאָפען מיט׳ן קוטשער... זי אַליין האָט זיך גע׳גט מיט דריי מענער...

מ ר ס. ז אַ ק ע ן: דעריבער דאַרף מען הויפּטזעכליך ער־ציהען די פרויען, מען דאַרף זיי לערנען זיין גוטע מאַמעס. ווי באַלד זיי וועלען וויסען ווי צו זיין מאַמעס, וועלען זיי וועלען חתונה האַ־בען; און וויבאַלד זיי וועלען חתונה האָבען, וועלען זיי שוין ניט זיין קיין פרויען, בלויז פרויען.

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: וועל, וואָס זשע שלאָגט איהר פאָר?

מ ר ס. ז אַ ק ע ן: דעריבער שלאָג איך פאָר, אַז מען זאָל אויעפענען אַן ערציהונגס־הויז, און מען זאָל נעהמען אויף פּראַקאַט אייניגע ברוסט־קינדער און אויף זיי לערנען די יונגע פרויען ווי מען דאַרף האַלטען די באָטעל, ווי מען דאַרף אַ קינד קאָרמענען און וויקלען ענד עווריטהינג קאָנסוירנינג טהיז טרענסעקשאָנז.

ל אַ ב ס ט ע ר: מ ע ד ע ם, טהאָט איז קרועל... סיידען איהר׳ט מאַכען אַן אַמענדמענט, אַז דאָס זאָלען ניט זיין קיין אמת׳ע לעבעדיגע קינדער, נאָר נאָכגעמאַכטע, גומענע, אַז ניט איז עס גרויז־זאַם. און איך וועל זיין געגען. (מען אַפּלאָדירט).

ה ע ר י נ ג: מר. טשערמאַן, ערלויבט מיר אויך אַרויסזאָגען מיין מיינונג. אַלס לאָיער האָב איך בעמערקט, אַז די איסט סיידער בעפעלקערונג שטעלט צו אַ גרויסען פּראָצענט פערברעכערשאַפט. פאַר וואָס? דערפאַר וואָס זיי זיינען גייסטיג ניט ענטוויקעלט. און פאַר וואָס זיינען זיי גייסטיג ניט ענטוויקעלט? דערפאַר ווייל זיי זיינען שוואַך אין קערפּער. אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט זאָגט: אין אַ שוואַכען קערפּער איז אַ שוואַכע זעלע. (Mens Sane In Corpore Sane) וואָס דאַרף מען אַלזאָ טהאָן? דאָס איינציגע מיטעל איז פיזיקעל קאַלטשור און ווידער פיזיקעל קאַלטשור. מען דאַרף זיי פערבאָטען צו פילאָזאָפירען, מען דאַרף זיי פערבאָטען אַ העכערע בילדונג, מען דאַרף פון זיי אַרויסשלאָגען די געוועהנהייט פון דענקען און טראַכטען,

ניט געבען זיי אין די ביבליאָטעקען קיין ערנסטע ביכער, און, צום שלום, מוז מען אין לעדזשיסליטשור דורכפיהרען א געזעץ, דאָס אין יעדער וואוינונג זאָל זיך געפינען א פּאַנטשינג בעג און אז יעדער איד, סאַי יונג און סאַי אַלט, זאָל יעדען אין דער פריה און יעדען אויף דער נאַכט מוזען פּאַנטשען דעם פּאַנטשינג בעג, און אחוץ דעם זאָל יעדער איד זיך מוזען לערנען טאַנצען א דזשיג און באַק דענסעס. (מען אַפּ־לאָדירט).

ל א ב ס ט ע ר: דאָס איז זעהר פּראַקטיש און פערנינפטיג.

ק נ א ב ע ל: און אויך פּאַטריאָטיש.

ד ז ש א ס ק ע: ס'וואָלט אונז אויך אינטערעסאַנט געווען די מיינונג פון מאַדאַם שפּרינגעל.

מ ר ס. ש פּ ר י נ ג ע ל: איך מיין, אז דעם גאַנצען דאַן טאָונער איבעל קען מען בעזייטיגען דורך אַן ענטוויקלונג פון מוזי־קאַלישע געפיהלען. איך געה אויף אַלע ריסייטעלס, אַלע קאָנצערטען, קוואַרטעטען, סימפּאָניעס, אָראַטאָריעס, און דאַרף וויסען די בעדייטונג פון מוזיק. איך לעג פאָר, אז מען זאָל אָפּדינגען אַלע גרויסע איסט סיידער האַלען, און אז איבעראַל זאָל מען פאַר זיי שפּיעלען ניט מעהר ווי „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטהוסטרא". דאָס וועט זיי מאַכען נאָבעל, זיי אויפהויבען, זיי בעניינען, זיי אָפּריינינען און פערפאָלקאָממענען. „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטהוסטרא"... יעס.

ל א ב ס ט ע ר: „טהאָס ספּעיק זאַראַטהוסטרא"... המ!... צי האָט עס ניט אָנגעשריבען דער דאָטשמען ניעטשע? איך האָב געהערט, אז ער איז אַן אַנאַרכיסט, דיעזער דאָטשמען.

(שטימען: „ניין, ער איז אַ רוס!"; „ער איז אַן אונגאַר!"; „ער איז אַן אַרמעניער!"; „ער איז אַ דייטש!").

מ ר ס. ש פּ ר י נ ג ע ל: ניין, איהר האָט אַ טעות. איך האָב גאָר ניט געהערט די מוזיק פון עפּעס א ניעטשע. דאָס איז דאָס ווערק פון שטראַוס'ן. ער קען ניט זיין קיין אַנאַרכיסט. מען רופט איהם זאָגאַר קעניג, דער קעניג פון וואַלסען, אָ, אַלזאָ שפּראַך זאַראַ־טהוסטרא — וואָס פאַר א גרויסע טהעמא!

ל א ב ס ט ע ר: (רעדט זיצענדיג) מר. טשערמאַן, איינשטי־מענדיג דערמיט, אז אַלע אַנוועזענדע האָבען פאָרגעשלאָגען זעהר פער־נינפטיגע מיטלען, וועל איך מיר דאָך ערלויבען צו בעמערקען, אז אמת

פערנינפטיג איז נאָר דאָס וואָס איז אויספיהרבאר. (תייסע אפלאָדיס־מענטטען). מיר אַמעריקאַנער רעכענען זיך נאָך דערפאר פאר א גרויסער נאַציע, ווייל אימער נעהמען מיר זיך פאר דער פראַקטישער זייט פון יעדער זאַך. (מען פליעסקעט.) צוערשט דאַרף מען די איסט סייד אויס־שטודירען, דערנאָך רעפאָרמירען (אַפּלאָדיסמענטען). פערגניגען דאַרף אימער געהן מיט ביזנעס, און האָט נאָר דאן א פראַקטישען זין, ווען עס האָט א קאָמערציעלען ווערטה. נעהמט צום ביישפּיעל ספּאָרט אָדער די וויסענשאפטליכע אטלעטיקע. דעריבער לעג איך פאָר, אז מיר זאָלען זיך דאָ אָרגאניזירען אלס א סאָציאָלאָגישע געזעלשאפט. אין דערזעלבער צייט זאָלען מיר אויך צוטיילען אויף סוב־סעקציעס: א סאָציאָלאָגישע סעקציע, אַן אנטראָפּאָלאָגישע סעקציע און אַן עטנאָ־לאָגישע. ווי מאָסט בי פּרעקטיקעל סטודענטס אָוו סאָשילאָדזשי.

מ ר ס. ד ז ש אָ ס ק ע: איי בעג יור פאַרדאָן, סופּפּאָוז איהר קלייבט מיך אוים אין עפּעס א סעקציע, און דאָ ווייס איך ניט וואָס די אנטראָפּאָלאָגישע סעקציע דאַרף טהאָן און וואָס די עטנאָלאָ־גישע.

ל אַ ב ס ט ע ר: פערשטעהט איהר מיך, די אנטראָפּאָלאָגיע און די עטנאָלאָגיע... דאָס הייסט, נאַטירליך, די אנטראָפּאָלאָגיע שיידט זיך אָפּ פון דער עטנאָלאָגיע... נאָר וועגען דעם וועט נאָך אויסקומען רעדען בעזונדער.

(עס קומט אַריין דער דיענער און זאָגט עפּעס לאַבסטער'ן אויפ'ן אויער.)

ד י ע נ ע ר: (צו לאַבסטער'ן) דער יונגער מר. דזשאָסקע וואַרט אויף אייך ביים טהיר אין זיין אויטאָמאָביל... ער וויל אייך נעהמען אין טענדערלאָין... ער זאָגט, אז דאָרט וועט זיין א גיים און נאָך עפּעס... און אזוי ווייטער...

ל אַ ב ס ט ע ר: טס' איכ'ל זיין פארטיג אין א מינוט אָרום. (דער דיענער אָב, לאַבסטער קוקט אויף זיין זייגער) מיינע הערען, צום בעדויערען איז מיר געבליבען נאָר ווייניג צייט. איך קען אלזאָ איצט ניט צוטרעטען צו די איינצעלהייטען, די הויפּט־זאַך איז א טשאַרטער און דערנאָך רעקלאַמעס. מען דאַרף אז אלע ארבייטער יוניאָנס זאָלען זיין פריינדליך צו אונז. פערגעסט ניט אז זיי האָבען אין זייער רשות צעהנדליגע טויזענדע שטימען, דעריבער זיינען זיי אויך סאָציאָלאָגיע. (לאַנגע אַפּלאָדיסמענטען).

ק נ אָ ב ע ל: מעג איך בעטען, אז מען זאָל מיך אויסהערען?

ד ז ש אָ ס ק ע: פערשטעהט זיך. דאָס וואָרט האָט איצט דר. קנאָבעל.

ק נ אָ ב ע ל: מר. האָטשינספיש לאָבסטער, מר. טשערמאַן, ליידיעס ען דזשענטעלמען! מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָב איך דאָ אויסגעהערט אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרען... גערעכט איז אויך דיער בראָטהער מר. האָטשינספיש לאָבסטער, גערעכט איז אויך אונזער ליעבער ברודער מר. דזשאָסקע, גערעכט איז אונזער ברודער מר. מאָזעס הערינג, גערעכט זיינען אויך אונזערע בעליעבטע שוועסטער. וואו איז אָבער די רעליגיאָן? סאָציאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע זיינען וויסענשאַפטען — אָבער וואו איז די רעליגיאָן? איהר זאָגט — די מאָראַל? אָבער וואָס איז זי דען? זי איז דאָך בלויז די דיענסט פון דער רעליגיאָן. וואו זשע איז די רעליגיאָן אַליין? אָ, ברידער און שוועסטער, וואו איז די רעליגיאָן? אויב מיר זאָלען זך ניט געבען די מיה די איסט סיידער צו מאכען רעליגיעז, טאָ צו וואָס טויג אונז די גאַנצע שווערע אַרבייט, די אַלע קרבנות? פערגעסט ניט, אז זיי זיינען אונזערע ברידער דאָרטען, דאון טאון, און מיר דאַרפען אָפּראַטעוועז זייערע נשמות צוערשט דענקט פון הימעל, דאַן ערשט פון דער ערד... אָ, אַלמעכטיגער גאָט, פאַטער אין הימעל! ווען איך קוק אויף זיי, ווען איך בעקען זיך מיט זייער שיקזאַל, ווען איך זעה אייערע גוטע אַבזיכטען, אייער ברידערליכע האַנט פון הילף, ווער איך געריהרט, ווער איך ביי זיך אַזוי קליין. איך פיהל, אז מיין האַרץ איז צובראָכען, מיין זעעלע נאָגט און עס ווילט זיך מיר וויינען (ער וויינט), פערגיסען טרערען צוזאַמען מיט אייך, מיט אונזערע גרויסע וואָהלטהעטער, זינגען דאָס טרויעריגע ליעד „על נהרות בבל" און רופען צום גאָט פון ישראל: „ביז וואַנען, אָ גאָטעניו, ביז וואַנען?" (אַלע דאַמען וויינען). איך קען ניט, די טרעהרען פערשטיקען מיר דעם אָטהעם, איך קען ניט רעדען. (ער זעצט זיך. אַפּלאָדיסמענטען).

מ ר. ד ז ש אָ ס ק ע: ס'איז אינטערעסאַנט אויך צו הערען די מיינונג פון אַ פאָרשטעהער פון דער איסט סייד.

ג אָ ל ד ב ע ר ג: ניין, אַ דאַנק, איך האָב ניט די אַבזיכט צו רעדען.

ד ז ש אָ ס ק ע: וואָס? מיר זיינען אימער גרייט אויסצוהערען א מיינונג, וואָס ווערט ארויסגעזאָגט אין א דיסענט וועי.

ק נ אָ ב ע ל: בראָטהער, בלויז א פּאָר בעמערקונגען, איהר זעהט דאָ בלויז וואָהלטהעטער פון דער איסט סייד.

ג אָ ל ד ב ע ר ג: וואָהלטהעטער פון דער איסט סייד? מיר דאכט, אז די איסט סייד וואָלט געמעגט זאָגען דאָס רוסישע שפּריכ־וואָרט: גאָטעניו, ראטעווע מיך פון פריינד, פון שונאים איינהיטען זיך איז ניט שווער...

ד ז ש אָ ס ק ע: איך וואָלט בעטען מר. גאָלדבערג'ן, ער זאָל בלויז רעדען צו דער פראגע.

ג אָ ל ד ב ע ר ג: צו דער פראגע? צו וועלכער פראגע? איהר האָט דאָ אויסגעמישט רעליגיע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און מאָ־ראלישע פראגעס אין איין הויפען. איך בעט אייך אום ענטשולדי־גונג, אָבער איך מוז אייך זאָגען, איך פערשטעה ניט, ווי אזוי קענען מענשען, וואָס מישען אוים סאָציאָלאָגיע מיט באָק דענסעס, קינדער־שע ווינדעלעך מיט רעליגיאָן, „אלזאָ שפּראך זאראטהוסטרא" מיט א פּאָנטשינג בעג, ווי אזוי קענען נאָר, אזעלכע מענשען זיך נעהמען, ניט נאָר פאר דער לעזונג, נאָר אפילו פאר דער בעטראכטונג פון סאציאלע פראגעס.

ה ע ר י נ ג: ניט אזעלכע רעדעס זיינען מיר דאָ געקומען צו הערען.

אַ ל ע ד א מ ע ן: מיר ווילען עס ניט.

ג אָ ל ד ב ע ר ג: ווי באלד איהר האָט מיך געצוואונגען צו רעדען, וועל איך אייך צווינגען צו הערען. איהר מאכט דער איסט סייד, דער גהעטאָ פון די אָרימע, דעם פאָרוואורף אז זי איז ניט מאָ־ראליש. וואָס איז, די וועסט סייד, די גאָלדענע גהעטאָ, האָט עפּעס א מאָנאָפּאָל אויף מאָראל? אמת, די אביונות און די אונוויסענהייט ברייגגען אָפּט די קינדער פון דער איסט סייד צו פערברעכענס, אָבער צו זיינען דען די קינדער פון רייכע וואָהלטהעטער בעסער?

ק נ אָ ב ע ל: איך פּראָטעסטיר! איך פּראָטעסטיר!

(אַלע זיינען אויפגערעגט).

ג אָ ל ד ב ע ר ג: דער אונטערשיעד איז נאָר דער, וואָס אונ־זערע קינדער ראנגלען זיך מיט זייער ביזען שיקזאל, שטרעבען צו

דער העכסטער בילדונג, פּאַקען אָן די האַי־סקולס מיט די קאָלעדזשעס, געהען צו לעקטשורס, לעזען ביכער, און פריהער אָדער שפּעטער ווע־לען זיי זיין דער שיינדעל און דער שטאָלץ פון אַמעריקאַ, בשעת ווען דער אידעאַל פון אייערע קינדער איז טעמפּע מיטעלמעסיגקייט און פלינקייט אין האַנדלס־מאַכינאַציעס.

ד ז ש אַ ס ק ע: איך וועל מוזען פון אייך אָוועקנעהמען דאָס וואָרט.

(אַלגעמיינע אויפרעגונג).

ג אָ ל ד ב ע ר ג: איהר זאָרגט אייך מכח דעם, וואָס אויף דער איסט סייד איז ניט קיין געזונטע זעעלע און אַ קראַנקער גוף? מיט וועלכע מיטלען ווילט איהר דיעזען איבעל פעררריכטען? די זעעלע איהרע ווילט איהר איבערגעבען אין די הענט פון צבוע'קעס און קרומע רוקענס, און דעם גוף ווילט איהר אויסבעסערען דורך טענץ! נאַאיווע מענשען, דער גוף פון דער איסט סייד איז קראַנק, דערפאַר וואָס ער פאַלט אונטער זיין שווערע פּראַצע, דערפאַר וואָס ער וואוינט אין פינסטערע גריבער, דערפאַר וואָס ער נעהרט זיך אַזוי אָרים, דערפאַר וואָס ער אָטהעמט אַ פערגיפטעטע לופט! און איהר ווילט עס אַלץ העלפען מיט אַ פאַנטשינג בעג!

אַ ל ע: (מיט זיער אויסנאַהמע פון לאַבסטער'ן, וועלכער קוקט אויף אַלעמען און הערט מיט אַ שמייכעל) מיר ווילען מעהר ניט הערען!

ג אָ ל ד ב ע ר ג: די דאַמע וואָס מישט צונויף שטראַוס, דעם קאָמפּאָזיטאָר פון די וואַלסען מיט דעם גרויסען ריטשאַרד שטראַוס, נעהמט זיך אונטער ראַטעווען די איסט סייד מיט מיוזיק. אַ מאָראַ־ליסטקע, וואָס ווייס אַפילו ניט פון וואָס מען מאַכט אַ פּלאָם־פּודינג לעגט פאָר, אַז מען זאָל לערנען די דאַון טאַון'ער „סעוועדזשעס" דורך אַ „קאָך־בוך" און דורך רעגעלען ווי צו האַלטען אַ סערוועטעל און איינ־צוקערען זיך מיט גאָפּעל־מעסער. אודאי איז עס זעהר לויבענסוויר־דיג, ווען מענשען נעהמען זיך אונטער צו זיין די אויפקלעהרער פון די אונגעבילדעטע, די פריינד פון די אונגליקליכע, די פיהרער פון די אונוויסענדע. אָבער דערצו מוז מען דאָך האָבען וויסען, אויפריכ־טיגקייט און ניט קיין געמאַכטע ליעבע. מיט אייערע גרויסע געלד־סומען העלפט איהר בלויז די צבוע'קעס און קרומע רוקענס, די היטער פון רעליגיאָן און מאָראַל. אויב איהר וועט וואַגען... אויב איהר...

(קולות: „לאָזט איהם ניט פאַרטזעצען!“).

ד ז ש אַ ס ק ע: איהר האָט בעשיינפּערליך בעוויזען, אויף וואָס אייערע פּיפּל זיינען פעהיג! איך ערקלעהר די זיצונג פאַר געשלאָסען!

ה ע ר י נ ג: איך טאָר מען ניט איינלאַדען אין קיין אַנ־שטענדיגער געזעלשאַפט.

ק נ אַ ב ע ל: איהר האָט געשענדעט דאָס אידישע פּאָלק פאַר דער גאַנצער קריסטליכער וועלט.

אַ ל ע ד אַ מ ע ן: אינאַף! אינאַף!

(אַלע מיט דער אויסנאַהמע פון לאָבסטער'ן, שפּרינגען אויף פון זייערע פּלעצער, שרייען, מאַכען מיט די הענט).

ל אַ ב ס ט ע ר: (פאַר זיך) אָט איז עס דאָס עכט אידישע, אָט דאָס האָב איך ליעב.

ג אַ ל ד ב ע ר ג: איך האָב דאָ געהערט הויכע ווערטער: אין נאָמען פון דער וואַרהייט, אין נאָמען פון ליעבע, אין נאָמען פון מענש־ליכקייט, אין נאָמען פון פּראָגרעס, די ברידערשאַפט פון די נאַציאָ־נען, אין נאָמען פון... פון וואָס ניט?...

ש ט י מ ע ן: עס איז אַ סקאַנדאַל! אַ סקאַנדאַל!

ג אַ ל ד ב ע ר ג: אַזעלכע ווערטער ווייזען, אַז ביי דעם אַלע־מען איז גאָר קיין ציעל ניטאָ. ווער עס וויל אַרבייטען פאַר ליעבע און וואַרהייט, אַזאַ איינער דאַרף ניט ליאַרעמען, ניט שרייען, ניט אַרויפוואַרפען זיך מיט קיין בעשולדיגונגען אויף אַנדערע, נאָר ער דאַרף קודם כל זיך אַליין ערציהען אין אַן אמת'ן געפיהל פון ליעבע און אמת.

ד ז ש אַ ס ק ע: קיין איין וואָרט מעהר! קיין איין וואָרט מעהר!

ק נ אַ ב ע ל: אין נאָמען פון גאָט, געה פון דאַנען! (ער שלעפּט גאָלדבערג'ן).

אַ ל ע ד אַ מ ע ן: זאָל ער אַוועק פון אונז! מיין גאָט!

מ ר ס. ד ז ש אַ ס ק ע: אַן אונגליק! וואָס וועלען וועגען אונז די דזשענטיילס זאָגען?

ג אַ ל ד ב ע ר ג: (זוכט צו בעפרייען זיך פון קנאָבלען) לאָזט מיך, איך בעט אייך.

(ער רייסט אַרויס זיינע הענט מיט אַזאַ קראַפט, אַז קנאָבעל פער־
לירט אַזש זיין גלייכגעוויכט און זעצט זיך אַנידער אַקוראַט אויף
לאבסטער׳ס צילינדער).

ל אָ ב ס ט ע ר: (גיט אַ כאַפּ זיין דורך און דורך צוקוועטשטע,
צוגעפּליעסקעטע צילינדער און שרייט אויסער זיך) וואַס איז טהעט?
וואַס איז טהעט?

(דער דיענער לויפט אַריין אַ צוטומעלטער. אַלע זיינען שרעקליך
צומישט).

ג אָ ל ד ב ע ר ג: קנאָבעל׳ס רעליגיאָן האָט צוקוועטשט לאבס־
טער׳ס סאָציאָלאָגיע! כאַ! כאַ!

פ אָ ר ה א נ ג.

דער רוסישער אַמעריקאַנישער פעראיין מיט ברייטע אידעאַלען

איין־אַקטער

פון יַעֲקב גאָרדין

דער איצטיגער איין־אַקטער פון יעקב גאָרדין איז פערפאַסט געוואָרען אויף רוסיש און ווערט איצט צום ערשטען מאָל איבערזעצט אויף אידיש. דער איין־אַקטער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט, צו וועלכער ער געהערט (יאָהר 1896). עס איז דעמאָלט געווען אַ מאָדע אין אידישען קוואַרטאַל, ריבי־טיגער, אויף איסט בראָדוויי, צו גרינדען רוסישע פעראיינען, וואו סאַי די שפּראַך און סאַי די אויפגאַבען זיינען, פערשטעהט זיך, געווען רוסישע. דער איצטיגער איין־אַקטער איז אַ סאַטירע אויף דיזע פעראיינען, און פערבייגע־הענדיג מאַכט דער אויטאָר אויך חוזק פונ׳ם רוסיש וואָס פלעגט אין זיי גע־ברויכט ווערען. אַ קליינער טייל פון דיזען לעצטען מין הומאָר מוז לײדער אין דער איבערזעצונג פערלאָרען געהן. דער איין־אַקטער איז דאַכט זיך גע־שריבענגעוואָרען פאַר׳ן דעמאָלדיגען רוסישען סטודענטען פעראיין, און איז געשפּיעלט געוואָרען פון זיינע מיטגליעדער. — י. ע.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין'ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

מר. סטופּקין, אַ דראָגיסט, אַ פּראָנט.

מר. פּופּקין, אַ נאָטארי פּאַבליק.

מר. גלופּקין, אַ קאָסטאָם פּעדלער. האַלט זיך וואַזשנע, איידער ער זעצט זיך בלאָזט ער אַראָפּ דעם שטויב פון שטוהל, צונעהמט די פּאָלעס פון זיין סור־טיק, בלאָזט אראָב דעם שטויב פון זיינע תחתונים און פערשפּרייט איבער זיי זיין נאָז־טיכעל. אין רעדען האָט ער ליעב אָפּט אריינצואווארפען שווערע, פרעמדע, ווערטער.

מר. לופּקין, אַ דענטאַל סטודענט.

מר. טופּקין, אַ „גרינער" אימיגראַנט, אַ קורצזיכ־טיגער, אין ברילען. אַז ער נעהמט דאָס וואָרט לויפט ער צום טשערמאַנ'ס טישעלע.

מאַדאַם גאָמעלקע, אַ „געבילדעטע דאַמע", מיט פּרעטענזיעס.

מיסס פּופּירקין, אַן ענערגישע אַסאָבע, טראָגט פּענסנע

דער בעל־הבית פון האַל, דאַמען און הערען — די מיט־גליעדער פון פעראיין.

די האַנדלונג קומט פאָר אין ניו יאָרק.

(ס'איז אַ מיטינג פון פעראיין. אַלע האַנדלענדע פּערזאָנען און אַנדערע מיטגליעדער פון פעראיין זיינען אַנוועזענד. אויפ'ן פּלאַט־פּאָרמעצקע איז דאָ אַ טישעלע, עטליכע שטוהלען און דעם פּרעזי־דענט'ס העמעריל. דער האָל איז בעלויכטען מיט גאַז. אַלע רע־דען מיט אַמאָל, אַ רעש, אַ געשריי, אַ גערפילדער, מען מאַכט מיט די הענד און מען רוקט אַרום די שטוהלען).

מ ר. ל ו פ ק י ן: (נעהמט אַרויס זיין טאַשען־אוהר, און אַזוי ווי געטראָפען פון אַ פּלוצלינגער אידעע, לויפט ער צום טישעלע, קלאַפּט אין איהם ווילד און שרייט הויך) גאַספּאַדאַ! אַזוי ווי... (דער ליאַרם און די קולות הערען ניט אויף) אַזוי ווי... (דער זעלבער ליאַרם, לופּקין קלאַפּט מיט׳ן העמעריל) אַזוי ווי אין די בריעף שטעהט, אַז דער מיטינג דאַרף זיך אָנפאַנגען אום אכט אוהר שאַרפ, און אַזוי ווי איצט איז שוין דריי פיערטעל אויף עלף; אַזוי ווי מיר האָבען אַ מאַסע העכסט־שפּאַנענדע פראַגען צו ערלעדיגען, און אַזוי ווי פונקט צוועלף דעם זייגער דרעהט דער בעל הבית פון האָל אויס די געז, און צום שלום, אַזוי ווי איך האָב די עהרע צו זיין אייער סעקרעטער, און אַזוי ווי קיין טשערמאַן האָט איהר נאָך ניט, איז דעריבער (ענטשלאָסען) עפען איך דעם מיטינג און איך בין היינט טשערמאַן. אַ סעקרעטער אויף מיין פּלאַץ בעשטים איך. ע׳ מר. גלופּקין, איהר זייט סעקרעטער! (גלופּקין זעצט זיך אויפ׳ן סעקרעטער׳ס אָרט) אַזוי ווי פיעלע, פיעלע און גאָר פיעלע קענען מיך אפשר און אודאי ניט — שטעל איך מיך אליין פאָר: סטודענט פון ניו יאָרקער דענטאַל קאַלעדזש, מר. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן לופּקין. (זעצט זיך וואַזשנע אַנידער).

מ אַ ד אַ ם ג אָ מ ע ל ק ע: (הערט ניט אויף צו רעדען) די ציעלען, פערשטעהט זיך, די ציעלען זיינען אַל רייט, אָבער די אויפ־גאַבען? דאָס פערשטעהט איהר מיך מיסס פּופּירקין, איז שוין אַ פּרינציפּ־זאַך, דאָס איז אַ פּרינציפּ.

מ י ס ס פּ ו פּ י ר ק י ן: אונזין! פאָלגט מיך, מאַדאַם גאָמעלקע, איך וויים בעסער, דאָס אַלץ איז אַן אונזין, ניט געשטויגען ניט געפלויגען.

מ ר. ל ו פּ ק י ן: (מיט רציחה) אַזוי ווי איך האָב אייך גע־רופען צו אָרדער און... (דער זעלבער געפּילדער, ער קלאַפּט).

מ י ס ס פּ ו פּ י ר ק י ן: (שרייט); און איך בלייב דאָך ביי מיין מיינונג, אַז דאָס איז, מאַדאַם גאָמעלקע, אַן אונזין, יעס אַן אונ־זין!

מ ר. פּ ו פּ ק י ן: מר. טשערמאַן, אַ פּאָינט אָוו אָרדער, וועל, ווער האָט אייך געמאַכט פאַר אַ טשערמאַן? וועל, מיר׳ן זאָגען, איהר ווילט זיין טשערמאַן, נאָר אפשר וויל אימיצער אַנדערש אויך? וועל, איך מיין ניט גראַד זיך, פערשטעהט זיך, אָבער ווער האָט אייך

אויסגעקליבען? איך ניט. דער מיטינג ניט. מיר ניט. זיי ניט. מיין גאָט, גאָספּאָדאַ, טאָ וועד זשע? איז דעריבער מאַך איך אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אויסקלייבען אַנאַנדער טשערמאַן. (קוקט זיך טריאומפירענד אַרום, זעצט זיך אַנידער).

א ל ע: מר. סטופּקין! מר. סטופּקין! (סטופּקין זעצט זיך אויפ'ן טשערמאַן'ס אָרט).

ל ו פ ק י ן: (אין אַ בעליידיגטען טאָן) אַזוי ווי איהר האָט אויסגעקליבען אַנ־אַנדער טשערמאַן, וואָס אפשר, פערשטעהט זיך, לאָמיר צוגעבען, איז ער בעסער פון מיר, און אַזוי ווי איך בין דער געזעצליכער סעקרעטער, — זייט איהר, מר. גלופּקין, איצט ווידער גאָרנישט! (ער שלעפּט פון אונטער איהם דעם שטוהל, זעצט זיך אַנידער און פאָרקעט זיך דעם נאָז מיט'ן בליי־פעדער).

מ ר. ג ל ו פ ק י ן: דזשענטעלמען, אייער אויפפיהרונג איז אייגענטליך א בלאַמאַזשע, און אייער קאָמוניקאַציע גיט מיר ניט קיין שום סאַטיספאַקציע! אָבער, געהאָרכענדיג די געזעצען פון פאַר־לאַמענטאַריזם, רעזיגניר איך. אַטאַנדע־ס! (פערנייגט זיך און זעצט זיך אַוועק צווישען פובליקום).

מ י ס ס פ ו פ י ר ק י ן: אונזין! אַ קאָסטאָם פּעדלער רעדט מיט דער שפּראַך פון ציצערא, ס'א חוזק אַביסעל!

מ א ד א ם ג אָ מ ע ל ק ע: אַך ניין, לאָזט צורוה, ער איז אַ ליעבינקער (זי פערגלאָצט די אויגען) און רעדט ווי איינער פון די בעסטע און געבילדעטסטע רעדנערס פון דאַון טאַון.

מ י ס ס פ ו פ י ר ק י ן: אונזין!

ל ו פ ק י ן: מר. טשערמאַן, אַזוי ווי די דאַמען ערלויבען זיך צו רעדען אַ סך נאַרישקייטען, איז דעריבער...

מ י ס ס פ ו פ י ר ק י ן: וואָס פאַר אַן אונזין! וואָס זשע, די דאַמען געניסען דאָ גאָר קיין גלייכע רעכט ניט? וואָס פאַר אַן אונזין איז דאָרט אָנגעשריבען ביי אייך אין דער קאָנסטיטוציע? לייענט מיר אַקאָרשט איבער דעם אונזין וואָס ס'שטעהט אין אייער קאָנסטיטוציע! איך פאָדער, איהר זאָלט אונז בעקענען מיט'ן קוואַטש פון אייער בעריהמטער קאָנסטיטוציע!

מ ר. ס ט ו פ ק י ן: (ער איז דערשראָקען, לייענט אַרויס פון אַ העפט) די קאָנסטיטוציע זאָגט: „מיטגליעדער פון ביידע גע־

שלעכטען, מעגען"... ד. ה. פון מענליכען און ווייבליכען געשלעכט...

מ ר. פ ו פ ק י ן: (שפּרינגט אויף) וועל, איך פערשטעה ניט, צוויי געשלעכטען נאָר? דאכט מיך, אפילו די רוסישע גראמאטיקע לאָזט צו דריי געשלעכטען: דאָס מענליכע געבורט, דאָס ווייבליכע און דאָס זעבליכע, וועל, טאָ וואָס זשע זיינען דאָס ביי אונז פאר בעשרענקונגען? (ער קומט אריין אין אַ בעגייסטערונג) ניט שוין זשע די קאָנסטיטוציע פון אַ פרייען אמעריקאנישען פעראיין זאָל זיין וועניגער ליבעראל איידער די גראמאטיקע פון אזא לאנד, וואו דאָס פאָלק קרעכצט אונטער'ן יאָך פון שקלאפעריי, וואו עס הערט זיך אַ געוויין פון די שאכטען און די גיכנאזיעס, וואו עס בושעוועט דער דעספאָטישער טיראנישער און זעלבסט-געקרוינטער צאר, און וואו אידען טאָרען אין קיעוו ניט וואוינען!

אַ ל ע: בראוואָ! בראוואָ! (אפּלאָדיסמענטען).

מ ר. ס ט ו פ ק י ן: מיט איין וואָרט, איהר מאכט אַן אמענדמענט, אז דער פעראיין מיט די ברייטע אויפגאבען, זאָל ניט מאכען קיין אויסנאהמע פאר מיטגליעדער פון זעבליכען געשלעכט?

(אַלע רעדען מיט אַמאָל, מען לאַכט, פון אַלע זייטען הערען זיך שטימען: „פאָינט אָוו אָרדער!", „איך בעט אַ וואָרט!", חאַ-חאַ-חאַ!", „אַ וואָרט צו דער געשעפטס-פיהרונג!").

מ י ס ס פ ו פ י ר ק י ן: דאָס איז שוין טאקע אויף צו-אמת'ן אַן אונזין!

ס ט ו פ ק י ן: (ער שרייט ווילד און קלאפט) אָרדער! שטילער! שטילער!

ל ו פ ק י ן: אזוי ווי איהר ווילט ניט אנטשוויגען ווערען, טאָ מעג איך אויף צואמת'ען זאגען, אז עס איז מיר אַ שאנדע פאר אייך. (ער בערוהיגט זיך).

ס ט ו פ ק י ן: געעהרטע דאמען און געעהרטע קאוואליערען, ד. ה. דזשענטעלמען...

מ י ס ס פ ו פ י ר ק י ן: אונזין! (שטימען: „שטילער! שטילער!").

ס ט ו פ ק י ן: די רוסישע אינטעליגענץ דארף איינזעהן, דאָס דער איצטיגער מאָמענט איז אַ פיעל בעדייטענדער מאָמענט אין דער היסטאָריע פון'ם לעבען פון דער רוסישער אינטעליגענץ. די רוסישע

אינטעליגענץ וועט ווייזען די היגע טשו־טאַבעקאַ קייער און ביער־טרינקער דעם גאַנצען ערנסט פון דער רוסישער אינטעליגענץ. מיר, די רוסישע אינטעליגענץ, זיינען שוין אַרויסגעוואַקסען פון דער פע־ריאָדע פון מוזיקאַלישע, נאַציאָנאַלע און טאַנץ־אונטערהאַלטונגען, און ניט שטאַלצירען דערמיט טאָר די רוסישע אינטעליגענץ ניט!

מ ר. ג ל ו פ ק י ן: אַ פּאָינט אָוו אָרדער: אויב די קאָמ־פּלעקציע פון אונזער פעראיין וועט זיין בלויז פון אַפּליקאַנטען פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וועט עס זיין גאָר ניט פּראָפּיטאַבעל. מיינע פריינדע, אין אַ געוויסער קאָמפּאַזיע האָב איך געלעזען, דאָס דער שריפטשטעלער בערנע פּראָקלאַמירט, דאָס יעטוועדער איינער האָט אַ רעכט צו זיין אַ נאַר; אָבער פון דער אַנדער זייט טאָר מען דיזעם רעכט ניט מיסברויכען. דעריבער, וועט ניט בלויז ניט זיין עקסטראַוואַגאַנט, נאָר פערקעהרט, עס וועט זיין גאַנץ טאָלעראַנט, אז יעדער אינדיווידואום זאָל האָבען דאָס רעכט זיך צו קאָנגלאָמירען מיט'ן רוסישען פעראיין מיט די ברייטע אויפגאַבען, בלויז מיט דער אַבסאָלוט־פּאָזיטיווער קאָנדיציאָן, דאָס ער זאָל דיזעם רעכט ניט מיסברויכען.

מ י ס ס פ ו פ י ר ק י ן: אַ קוואַטש, אז מען קען זיך די צייהן אויסברעכען.

מ א ד א ם ג אָ מ ע ל ק ע: אַך, ניין! אַזאַ ליטעראַרישע שפּראַך קען נור ער איינער ריידען. ביי גאָט, עס פערדריסט מיך, וואָס ער „מעשט" צו מיר ניט.

מ י ס ס פ ו פ י ר ק י ן: אונזין!

מ ר. ס ט ו פ ק י ן: מר. גלופּקין, איהר רעדט ניט צו דער זאַך. דעם פלאָר האָט איצט מר. טופּקין. (טופּקין האָט די גאַנצע צייט געמאַכט נאָטיצען, איז עטליכע מאָל אויפגעשטאַנען, האָט געהוסט און גע־מאַכט פערזוכען צו רעדען).

מ ר. ט ו פ ק י ן: געעהרטע דאַמען און העררן! איך בין דאָ אין לאַנד בלויז צוויי וואָכען, אָבער איך ווייס אַלץ וואָס דאָ טהוט זיך, כ'פערשטעהע אַמעריקאַ אויסגעצייכענט. כ'האָב שוין בענומען אַלע קונציגסטע פעדערלעך פון איהר אינוועניגסטען מעכאַניזם, און זעה קלאָר דעם מצב פון איהר פּאָליטיק, ליטעראַטור, עקאָנאָמיע, אינדוסטריע, מוניציפּאַליזאַציע, קוואַליפיקאַציע, קלאַסיפיקאַציע און

עמאַנציפּאַציע ע׳ ע׳ ע׳ ערלויבט נאַר, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? (ער קוקט אריין אין זיינע נאָטיצען) יאַ, מיר רוסען זיינען אהערצו בערופען אום דאָ גרויסעס צו שאַפען, אונז איז בעשערט דעם אַלגע־מיינעם היגען שטראָם איבער אַ נייעם געלעגער פליסען צו לאָזען, לאָמיר בלויז נעהמען אויף זיך וואָס מעהר פערפליכטונגען, אוועק־שטעלען זיך וואָס ברייטערע אויפגאַבען. (ער זינגט):

> חברים, לאָמיר איינס דעם צווייטען די הענט זיך געבען
> און געהן פאָראויס מיט מוטה,
> און אונטער דער פאָהן פון וויסען און שטרעבען,
> זאָל בליהען, זאָל וואַקסען אונזער בונד.

ריכטיג! יאַ! אונזער רוסישער פעראיין קען דאָ ווערען דער וואָרט־פיהרער פון די אינטערעסען פון רוסישען פאָלק, דער טרעגער פון די אידעאַלען פון דער רוסישער אינטעליגענץ, דער פאַקטאָר פון פּראָ־דוקטיווע געשעהענישען, דער צענטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דער בעוועגער פון פּאָליטישע רעפאָרמען, דער אימפּולס פון אינטער־נאַציאָנאַלע בעזועלונגען, די מעכטיגע דאַמבע געגען דעם רעאַקציאָ־נערען אבסקוראַנטיזם, דער טעזיס פון ווירקונגען און דער אַנטי־טעזיס פון געגען־ווירקונגען, די שוהלע פון ראַדיקאַלע אַנשויאונגען, דער פּאַרבערייטונגס־אינסטיטוט פון פּאָרטגעשריטענע געדאַנקען, דער פער־אייניגונגס־פּונקט פון סיביר מיט אַמעריקאַ, פון רוסלאַנד מיט איי־ראָפּאַ! מיר זיינען דאָ דער צעמענט וואָס בעהעפט אַלץ וואָס איז צוטיילט, דאָס רינגעלע וואָס בינדט צונויף אַלץ וואָס איז צושיידט, מיר זיינען דאָ דער קליי וואָס קלעפּט צונויף די רוסישע באַרבאַריי מיט דאָס אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע!

אַ ל ע: בראַוואָ! בראַוואָ! (רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען).

מ ר. פּ ו פּ ק י ן: וועל, איך בין מודה, איך בין געריהרט... אָט איצט זעה איך די גאַנצע ברייט פון אונזערע ברייטע אויפגאַבען. איך טאָפּ אָן און, וועל, כל׳זאָגען איינפאַך, כ׳שמעק אפילו אָן די עפּאָכע פון גרויסע געשעהענישען.

מ ר. ג ל ו פּ ק י ן: אַ פּאָינט אָוו אָרדער! איך מאַך אַ פּראָפּאָזיציע צו שליסען די דיסקוסיע. אזוי איז שוין אויך דאָ אַ

מיינונג, דאָס מיר אַלע זיינען סאָציאַליסטען, אַנארכיסטען, גיהילים־טען. מיר דארפען מיינדען אונזערע אייגענע ביזנעס. וואָס זשע איז די קאָנסעקווענץ דערפון?

אַ ל ע: (שרייען) פערשטעהט זיך! מען דאַרף ניט! יאָ! ניט!

מ ר. ס ט ו פ ק י ן: ערלויבט, לאָזט זשע ענדיגען! (ער קלאַפּט).

מ ר. ט ו פ ק י ן: (קוקט אריין אין זיינע נאָטיצען) יאָ, איך האָב נאָך ניט געענדיגט. איך האָב זיך אָבגעשטעלט ביי „קלעפּט צונויף די רוסישע באַרבאַריי מיט דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע“, אָרימע, אומגליקליכע, פיעל געפּרובטע רוסישע ציוויליזאַציע! ע׳ ע׳ ע׳... איך זעה גאָר ניט. ערלויבט מיר אויסצואווישען מיינע ברילען... מר. טשערמאַן, אפשר האָט איהר אַ ריין נאָז־טיכעל. (נעהמט דאָס טיכעל און ווישט אָב די ברילען). יאָ, מיר קענען דאָ לייכט האָבען אַ גרויסע טעגליכע רוסישע פּאָליטישע צייטונג, מיר קענען פריי אַרויסגעבען אַ גוט אילוסטרירטע רוסישע וואָכענשריפט, און לכל הפּחות, איין סאָלידען, אינהאַלטס־רייכען, וויסענשאַפטליך־ליטעראַרישען רוסישען זשורנאַל. מיר קאָנען דאָ אונגעשטערט האָבען אַ מוסטערהאַפטע רוסישע שולע און אפילו אַ פרייע רוסישע קלאַסישע גימנאַזיע.

מ ר. ג ל ו פ ק י ן: מיך אימפּאָנירט אַ רעאַלע אַטעסטאַציע, דעריבער שטעה איך פאַר דער רעאַל שולע און איהר רעאַלע עדוקאַציע.

מ ר. ט ו פ ק י ן: מהיכא־תיתא, מען קאָן אויך עפענען אַ רעאַל שולע; דערנאָך וועט קומען אַן אוניווערזיטעט — אין צוהערער וועט קיין מניעה ניט זיין. דערנאָך אַ קונסט־שולע, אַ העכסט־רוסישע קאָנסערוואַטאָריע און אַ מוזעאום פון רוסישע אַלטער־טהימער. און ניט נאָר דאָס, — ביי אונז איז אויך פאַראַן גענוג קרעפטען אויף צו האָבען דאָ אַ שטענדיג רוסיש־טהעאַטער, אַ שטענדיגע רוסישע אָפּערא, אַ שטענדיגע מאַלאָרוסישע אָפּערעטע. וואָס זשע, גאָספּאָדאַ, צו זיינען דאָס ניט קיין ברייטע אויפגאַבען? יאָ, אויפגאַבען זיינען פאַראַן און,

אין האָרץ ברויזט אויף די לוסט פון אַרבייט,
אין מח לויפט דורך דער איבערשפּרייזטער וועג.

יאַ, מאַרש! אין וועג! ווארום אונזער וועג איז דער וועג פון ברייטע אויפגאַבען! גאָספּאָדאַ, איך האָב געענדיגט, און אַזוי ווי אַ געוויסער רוימער, זאָג איך צום שלום: המ!... דיקסי! (ער זעצט זיך אַנידער).

מ אַ ד אַ ם ג אָ מ ע ל ק ע: מיין גאָט, אַזוי פיעל אויפגאַבען! אַ, אַ זשורנאַל, אַ, אַן אוניווערזיטעט, אַ, אַ קאָנסערוואַטאָריע, אַ, די רעוואָלוציע, איז דעריבער מאַך איך אַ פּאָרשלאַג, אַז אַנשטאַט פינף און־צוואַנציג סענט אַ מאָנאַט זאָל מען דאַרפען צאָהלען דרייסיג סענט.

מ ר. ג ל ו פּ ק י ן: פּאָזיטיוו! דאָס וועט זיין הומאַננע און פּראָגרעסיוו!

מ ר. פּ ו פּ ק י ן: וועל, ברידער, פריינד, חברים, איך... איך... וועל, איך בין בעגייסטערט, געריהרט, און, וועל, זאָל זיין דרייסיג סענט. איך בין בערייט צו צאָהלען. אַט האָט איהר געלד פאַר אָנדערהאַלבען חדשים...

ס ט ו פּ ק י ן: שפּעטער! איצט לאָמיר בעשפּרעכען די קאָנסטיטוציע. פערגעסט ניט, אַז אונזער קאָנסטיטוציע בעשטעהט פון 973 פּאַראַגראַפען און צו זיי זיינען צוגעשטעלט 496 אַנמערקונגען. לאָמיר אָנפאַנגען פון נאָמען: רוסיש־אַמעריקאַנישער פעראיין מיט ברייטע אויפגאַבען. אין דריי צווייגען. מיר קענען פּאַרטיג ווערען מיט די דעבאַטען וועגען נאָמען. דער ערשטער צווייג בעשטעהט פון צוויי ווערטער: רוסיש־אַמעריקאַנישער. די טייל איז זעהר וויכטיג צו בעטראַכטען פון פּאַטריאָטישען און קאָסמאָפּאָליטישען שטאַנדפּונקט. דער צווייטער צווייג האָט בלויז איין וואָרט „פעראיין", וועלכען מען קען עס פערשטעהן פון שטאַנדפּונקט פון היסטאָריע, פילאָזאָפיע, פּאָליטיק און סאָציאָלאָגיע. דער דריטער צווייג „מיט ברייטע אויפגאַבען". אַלזאָ, ווער וויל אַ וואָרט אין בעצוג אויף די ווערטער „רוסיש־אַמעריקאַנישער"?

ג ל ו פּ ק י ן: ליידים ען דזשענטעלמען, איך מיין, אַז ס'וועט זיין מעהר קאָנסעקווענט די סענטענץ אומצובייטען, און אַנשטאַט „רוסיש־אַמעריקאַנישער" צו פיקסען עס אויף „אַמעריקאַניש־רוסישער"!

מ י ס ס פּ ו פּ י ר ק י ן: קאָנסעקווענטער פון אַלץ וועט זיין, ווען איך וועל אייך זאָגען, אַז דאָס אַלץ איז אומזין. ווערטער זיינען קוואַטש, — פראַזען אומזין, בלויז ווען מען טהוט עפּעס הייסט געטהאָן.

אַ ל ע : בראוואָ ! (מען פּליעסקעט).

מ ר. ס ט ו פּ ק י ן : גאָספּאַדאַ, אַזוי ווי איך שטעה אויפ׳ן פלאָר, טאָ זאָג איך אייך: בענוצט אייך מיט מיין ערפאַהרונג, אַזוי ווי איך בין געוועז אַ מיטגליעד פון אַלע רוסישע אָרגאַניזאַציעס, און אַזוי ווי יעדע רוסישע אָרגאַניזאַציע איז אָהן מיר אַזוי ווי קאַשע אָהן אַ לעפעל, טאָ לאָמיך אייך מיטטיילען אינטערעסאַנטע אויסקינפטע. הערט זיך איין! די רוסיש־אַמעריקאַנישע פעראייניגונג פון בונד פון די בעוועגער פון קולטור און עמאַנציפּאַציע האָט עקזיסטירט זיעבען וואָכען ואיננה, זי איז אוועק ווי אַ רויך און ס׳איז פון איהר קיין שפּור ניט געבליבען. דער ראַפינירטער פעראיין פון אויפגעקלעהרטע ליעבהאָבער פון אמת׳ער עסטעטישער, סצענישער און טעאַטראַלער קונסט איז געשטאָרבען דורך דעם וואָס די מיטגליעדער זיינען איינער דעם צווייטען געקראָכען אין וועג; „די קאָאַליציע פון רוסיש־אַמעריקאַנישע קאָנווענציעס פון קעמפּפער פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט“ איז געשטאָרבען אויף דער פינפטער וואָך פון איהר יאַמערליכען לעבען. „די רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליעג פון זיעגרייכע קריעגער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט זיך צו פערנאַנדערצובליהען און איז פערוועלקט געוואָרען אין איהר פריהסטער יוגענד. „די רוסישע קאָנטראַ־פּונקט הארמאָניע פון סימפּאָניען צוזאַמענקלאַנג“ איז נאָך אַ שווערער דריי־וואָכיגער היץ־קרענק געשטאָרבען פון צולעכערטע געדערים. „די רוסיש־אַמעריקאַנישע עקזעקוטיווע פּיליאַלע אַבטיילונג פון הויפּט גענעראַל קאָמיטעט פאַר דער בעזייטיגונג פון דער אַנשטויסונג איז פערניכטעט געוואָרען גלייך נאָכ׳ן ערשטען בר... ברידערליך בעגייסטערטען מיטינג, ווי נאָר מען האָט גענומען מאַכען דעם קאָלעקשאָן אויף צו בעצאָהלען פאַר׳ן האָל, זיינען זיך אַלע מיטגליעדער צולאָפען און ענדליך „די העכסטע רוסיש־אַמעריקאַנישע אַסאָציאַציע פון ביאָלאָגישע, סאָציאָלאָגישע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע, נאַטור־היסטאָרישע און היסטאָריש־פילאָזאָפישע אַנזיכטען און היפּאָטעזען... אַזוי ווי...

מ אַ ד אַ ם ג אָ מ ע ל ק ע : (בייז) אַזוי ווי, אַזוי ווי! מעהר ווי דאָס ווייסט איהר ניט. ביי אייך איז אָדער מאַגנעזיע אָדער „אַזוי ווי“, איהר זאָגט פּשוט שקר. איך בין אַליין געוועז אַ מיטגליעד אין די אַלע פעראיינען.

מ ר. ס ט ו פּ ק י ן: אזוי גאָר? נו, אזוי ווי איהר זייט טאַקע געווען אַ מיטגליעד אין די אַלע פעראיינען און אזוי ווי איהר ציהט מיך פאַר'ן צונג, טאַ וועל איך אייך זאָגען: איהר האָט בעלאַנגט בלויז צו קענען ארויסצייגען זיך; איהר האָט דאָרט בעלאַנגט בלויז אום אומעטום אריינצושטעקען אייער נאָז; איהר האָט דאָרט בע־לאַנגט בלויז כדי איהר זאָלט קענען גלענצען אין אַלע דעפּוטאַציעס. יאָ! און אזוי ווי איהר האָט קיין מאָל קיין דיום ניט געצאָהלט, און אזוי ווי איהר...

מ אַ ד אַ ם ג אָ מ ע ל ק ע: איך? איך האָב זיך ארויסגע־צייגט? איך האָב געגלענצט? איך האָב געשטעקט דעם נאָז? נו, ווי געפעהלט דאָס אייך? גאָגאָל האָט טאַקע ריכטיג געזאָגט, אז איהר זייט אַ שוויין אין אַ יאַרמולקע.

(אַ מורא'דיגער גערפּילדער, קולות און קלאַפּעריי מיט'ן העמעריל).

מ י ס ס פּ ו פּ י ר ק י ן: וואָס פאַר אַן אונזין! אַלע שרייען — עס איז דאָך באַלד ווי אַ ווייבערישער מאַרק. (אַ ליאַרעם און אַ געשריי, אָבער זי שרייט אַלעמען אריבער). אין נאָמען פון הומאַניטעט און גערעכטיגקייט פאָדער איך, אז דאָס אַלץ זאָל אַנערקענט ווערען אַלס אונזין און קוואַטש! (זי קלאַפּט מיט די פויסטען).

מ ר. ס ט ו פּ ק י ן: (קלאַפּט) אָרדער! קומט צו אָרדער! קומט צו אָרדער! ווער נאָך פערלאַנגט אַ וואָרט וועגען די ערשטע צוויי ווערטער „רוסיש־אמעריקאַנישער?"

מ ר. פּ ו פּ ק י ן: וועל, נאָך דעם וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרען, קען מען בלויז צולעגען...

מ ר. ג ל ו פּ ק י ן: אַ פאַלשטענדיגע און אבסאָלוטע סקאַנ־דאַליזאַציע!

מ אַ ד אַ ם ג אָ מ ע ל ק ע: פּשוט אַ קאַלב און שוין!

מ י ס ס פּ ו פּ י ר ק י ן: דער אונזיניגסטער אונזין.

(ליאַרעם, עס הערען זיך קולות: „ערלויבט!", „איך בעט דאָס וואָרט!" „איך מאַך אַן אַמענדמענט!" „זאָל זיין שטיל!")

מ ר. ס ט ו פּ ק י ן: (קלאַפּט און שרייט) זאָל זיין שטיל! ערלויבט!

(אַלע ליאַרעמען).

מ ר. ט ו פּ ק י ן : (לויפט צום פּרעזידענט׳ס טישעלע) טייערע לאַנדסלייטע מיינע! מיר איז נאָר וואָס איינגעפאַלען א געדאַנק, אפשר ניט קיין געניאַלער, אָבער לכל הפּחות אַ גוטער. ברידער און חברים, אין נאָמען פון הומאַניטעט און גערעכטיגקייט. יע, דער קימ־פּעט ווערט בעגלייט פון געשרייען. א הוהן אפילו, אז זי דאַרף לעגען אַן איי, קוואָקעט זי. (עס הערען זיך קולות: „שטילער, שטילער!") יא, די הוהן קוואָקעט, ווארום אזא איז איהר גורל (עס לויפט אריין דער בעל הבית פון האָל און דרעהט אוים די געז) אזא איז איהר גורל און... ערלויבט, דאָ איז פינסטער! כ׳האָב ניט געענדיגט מיין געדאַנק!... דער געדאַנק איז זעהר אַ וויכטיגער...

(אַן אַלגעמיינע מהומה, די פרויען שרייען: „מיין הוט!", „מיינע הענטשקעס!" די מענער שרייען: „מיין שטעקען!", „טייוועל, אויפ׳ן מאַזאָל!"... מען שטויסט זיך, מען לויפט, אומוואָרפּענדיג שטוהלען, מען פאַלט. אַנדערע לאַכען, אַנדערע זידלען זיך).

פ אָ ר ה אַ נ ג.

אַ טענה צווישען מאַן און פרוי

פון יעקב גאָרדין

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אדאַפטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

דער מאַן.
די פרוי.
דאָס פובליקום.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ גרויסען אוידיטאָריאום פול בעזעצט מיט פובליקום, די פּלאַטפאָרמע איז אָפען, אויף איהר אַ רעדנער, דער מאַן).

דער מאַן: הויכגעעהרטעס פובליקום! איך וויל דאָ צו איך האָבען אַ ביסעל אַ טענה מכח ווייבער... איך ווייס עס וואָלט געווען גלייכער, אז דאָ וואָלטען יעצט געווען נאָר מענער, איך וואָלט אודאי געבליבען גערעכט און די ווייבער וואָלטען פעראורטיילט געוואָרען... נאָר... ע... וואָס קען מען זיך העלפען? עס קען זיין, עס וואָלט נאָך גלייכער געווען, אז קיין ווייבער וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. מיר וואָלטען דעמאָלט פריי געווען פון צרות, פון כפרות, פון חתונות, פון גט'ן, פון אקושערקעס, פון בייבי־קערעדזשעס, פון דייפּער פינס, פון דאגות־פרנסה... אָבער אז אונזער אורפאָטער אדם הראשון האָט זיך פאַרט בענארישט און האָט זיך געלאָזט אויס־שניידען א ריפּ פאַר א וייב... און מיר אַלע, אויף איהם קוקענדיג, האָלטען זיך אויך אין בענארישען... איז דאָך פערפאַלען... אז זיי זיינען יאָ דאָ, זאָלען זיי זיין... אָבער אויס־טענה'ן זיך מיט זיי, מעג מען דאָך...

איך בין אַ פּראָסט מענשעל און מיין ניט קיין חכמות, עס איז דאָ אַנדערע מאַכען זיך פאַר גרויסע ליבעראַלען, פערדינגען פרויען רעכט, פרויען־פרייהייט — און אז דער ראָסעל־פּלייש איז צוגעברענט וואַרפט ער זיין מאַדאַם די פעפער־פּושקע אין קאָפּ אריין... פּע, איך בין ניט קיין ליבעראַל... און אז דער ראָסעל־פּלייש איז צוגעסמאַליעט, הייס איך מיר מאַכען אַ סטייק... אַנדערע, פערקעהרט, זאָגען, זיי זיינען פּרינציפּיעל פרויען־פיינד, רעדען פון ווייבער מיט פעראַכטונג

און שנאה... און אז עס מאכט זיך וואָס דאָרטען... ווייס איך... ע, א שעהנע פּאָר אויגלעך... א היבשער ביוסט... א פּאָר אַפּעטיטנע ליפּע־לעך, פּערגעסען זיי אַלע זייערע טעאָריען און פּרינציפּען און דראַפּען זיך אויף די ווענט... נאָך וואָס זאָל איך זאָגען א ליגען? איך בין זיי קיינמאָל קיין שונא ניט געווען... פּערקעהרט, אדרבה... אָבער... אָבער אויס־טענה׳ן זיך מעג מען דאָך.

מע זאָגט פרויען זיינען אונגליקליכע בעשעפּענישען, פּרויען זיי־נען פּערשקלאַפּטע דיענסטען, פּרויען זיינען דאָס עדעלסטע, דאָס נאָ־בעלסטע טייל פון דער מענשהייט... אי, איך האָב מורא, עס איז א ליגען... זיי זאָגען, זיי וואָלטען געקענט זיין אין יעדער הינזיכט אזעל־כע בריות ווי מיר מענער... אי! ווען איצט זאָל אהער ארויסלויפען א מייזעל, וואָלט איהר שוין געזעהן וויפיעל לאָגיק, געלאַסענהייט און גבורה די דאָזיגע העלדינען בעזיצען... עס וואָלט דאָ געוואָרען אזא קוויטשעריי, אז פון דעם גאַנצען ויכוח וואָלט ניט געבליבען קיין שריד ופליט... פּאָר אזא קליין חיה׳לע וועלען אנטלויפען טויזענד, און לאָז ארויסגעהן דער גרעסטער העלד, הערקולעס, אלכסנדר מוקדון, נאפּאָ־לעאָן באָנאַפּארט, וועט אפילו קיין איינע ניט אנטלויפען... און יעדע וועט נאָך וועלען אריינקריגען דיזע שרעקליכע גבורים אונטער איהר פאַנטאָפעל... איהר פערשטעהט אין וואָס זייער גבורה איז? מען זאָגט זיי זיינען אונגליקליכע. פּאָר וועמען בויט מען די טייערסטע קירכען? אם מייסטען פּאָר פרויען. פּאָר וועמען עקזעסטירען די מייסטע דעפּאַרטמענט סטאָרס? פּאָר פרויען. פּאָר וועמען פאַב־ריצירט מען די טייערסטע זאכען פון לוקסוס? פּאָר פרויען. פּאָר וועמען ספּענדט מען מיליאָנען אויף דזשועלרי? פּאָר פרויען. א האַלבע ארבייטער־וועלט איז פערשקלאַפּט ביי די פרויען — און זיי זיינען די אונגליקליכע. זיי וואַרפען הונדערטער, טויזענדער, מיליאָ־נען אין דער בלאָטע, אויף היטעלעך, קליידער, מאָדעס, דזשימדזשי־קעס, משוגעת׳ן, ווילדע אויפטועכצען... און זיי זיינען אונגליקליכע...

איך ווייס, עס איז דאָ פרויען, וואָס קענען ניט ספּענדען אויף לוקסוס, ווייל זייערע מענער ליגען אין דר׳ערד און באַקען בייגעל... אָבער אפילו אזעלכע זעהען אויך נאָכשטופּען די קאַרעטע. זיי ווילען זיין אויסגעפּוצט, ניט ווערליג דעם מאַנ׳ס מיטלען ערלויבען, קלאָגען זיי זיך, זיינען מקנא, רעדען נאָר פון ציערונג און מאָדעס. דער מאַן

ארבייט ווי אַן עזעל — און איהר ליגט אין זינען אַ טורנור מיט אַ בראָש! דערזעהט זי נאָר עפּעס אַ פיינעם יונג — באַלד אַ חנ׳דעלע, אַ ווינקעלע, אַ שמייכעלע... זייער הילוך, זייערע קליידער, זייער בע־נעהמען זיך, זייער בעוועגען זיך — אַלס איז נאָר בערעכענט דערויף צו מאַכען אונז פאַר שקלאַפען און נאַראָנים... און מיר זיינען דאָס טאַקע, ווי איך בין אַ איד...

אַ מאַן אַז ער אַרבייט, ווייס ער, אַז ער וועט זיך בעפרייען נאָך דאַן, ווען ער וועט פּטור ווערען פון זיינע רוּיבער און עקספּלאָטאַ־טאָרס... אַ פרוי, ווען זי אַרבייט, זוכט זי זיך נאָר צו בעפרייען אויף דעם אַרבייטער׳ס חשבון... פערנאַרט איינעם, פערדרעהט איהם דעם קאָפּ, זעצט זיך אַלס געזעצליכע ווייב אויף זיין האַלז — אַך, איהם קריכען די אויגען פון קאָפּ... ער אַרבייט ווי אַ פערד אין שאָפּ, און זי האָט אַפילו קיין צייט ניט, אויפצוראַמען אין שטוב. פאַרנאַכט קאָכט זי אָב אַ זויערע פּאָכליאָבקע, און פערשטאָפּט איהם דאָס מויל מיט אַ זיסער מינע... זי געפינט אַפילו ניט פאַר נויטיג, אָבצואוואַ־שען דאָס פּנים און איבערבייטען דעם שמוציגען פאַרטוך... צוליעב אַ פרעמדען וואָלט זי זיך אויסגעפּוצט, אָבער צוליעב איהר אייגענעם שקלאַף — ווי לאַנג קרענקט ער, אַ מכה!... זיי בעריהמען זיך מיט זייער גוטסקייט... אַזא יאָהר מיינע שונאים!... האָט איהר גע־הערט, פרויען זאָלען אַזוי פיעל שענקען געלד ווי מאַנסביל־פילאַנ־טראָפּען?... אַפילו די רייכסטע פון זיי? פערקערט, מיר, אַז מיר שענקען געלט אויף אַ גוטער זאַך, דאַרפען מיר עס פון זיי אָבלייקענען... ווארום, זיי טאָטשען אונז, עסען אונז, פערקלאָגען אונז דעם קאָפּ... זי ציטערט איבער יעדען סענט, לאָזט דעם מאַן ניט געהערען צו אַ גוטער געזעלשאַפט, טהאָן עטוואָס פאַר אַנדערע — אַלעס נאָר פאַר איהר, פאַר איהר היים, פאַר איהר לוקסוס... ער דאַרף זיין נאָר איהר שקלאַף... נו, זאָגט אַליין, זיינען מיר ניט קיין עזלען?...

ד י פ ר ו י: (פון פּובליקום) געוויס, און נאָך וואָסערע עזלען!

ד אָ ס פּ ו ב ל י ק ו ם: שאַ! אָרדער!

ד ע ר מ אַ ן: איהר זעהט! באַלד קריגען זיי זיך... פער־קערט, איך וויל זיך, חלילה, מיט די ווייבער ניט פערקריעגען... איך וויל נאָר בעהויפּטען, אַז זיי זיינען, במחילה, גאָר ניט אַזוי אַי־אַי־אַי!

זיי זיינען ניט קיין אונגליקליכע קרבנות, און ניט קיין פערשקלאפטע בעשעפעניסען... פערקעהרט, מיט זייער טייפעלשער מאכט פאראַלי־זירען זיי אַלע אונזערע גוטע שטרעבונגען, ענדערען אום אונזער גוטען כאַראַקטער, צווינגען אונז צו זיין עגאָאיסטען... ניט געראַכט זאָלען זיי ווערען! אז זיי נעמען זיך צו אונז, מאַכען זיי דאָך פון אונז א תל!

די פרוי: (פון פובליקום) עס איז א ליגען!

דאָס פובליקום: שאַ! אָרדער!

דער מאַן: וואָס איז א ליגען?

די פרוי: אַלעס וואָס איהר האָט געזאָגט, איז א ליגען, כזב ושקר!...

דער מאַן: איהר דאַרפט אייך ניט בייזערען... איהר ווילט זיך אויס־טענה'ען מיט מיר? — אדרבה, קומט אהער... זאָגט וואָס איהר האָט צו זאָגען... (פאַר זיך) אַי, זי געהט, ווי איך בין א איד! איך האָב מורא, איך וועל פערשפּיעלען... איז וועניגסטען בין איך דאָך זיכער, אז די מענער וועלען מיט מיר מיטפיהלען... יעדער פון זיי וויים דאָך נעבעך יאָ ווּעמען דער שוך קוועטשט.

(די פרוי ערשיינט אויף דער פלאַטפאָרמע).

דער מאַן: מאַדאַם, איך ערקלער אפריהער, קריעגען זיך וויל איך ניט!

די פרוי: ווער וועט זיך שטעלען מיט אייך קריעגען?... איך וויל נאָר זאָגען, אז אַלעס וואָס איהר זאָגט איז א ליגען!...

דער מאַן: אַלעס וואָס איך זאָג, צי אַלעס וואָס איבער־הויפּט מענער זאָגען?

די פרוי: אַלעס וואָס מענער זאָגען צו אונז און וועגען אונז איז א ליגען. ווי נאָר עס קומט צו אונז, זייט איהר אַלע ליגנער!... מיר ווייסען דאָס און גלויבען אייך דאָך... אין דעם איז דאָך אונזער אונגליק... איהר האָט ערשט געזאָגט, עס קען זיין, עס וואָלט גליי־כער געווען, אז עס וואָלט גאָר קיין ווייבער ניט געווען אויף דער וועלט... איהר מיינט עס ניט... עס איז א ליגען... אונז צוליעב האָט איהר דאגת פרנסה, דייפּער־פינס און בייבי־קערעדזשעס... אָהן אונז אָבער, וואָלט די וועלט פאַר אייך געווען א וויסטע, א דונקעלעס גע־פענגעניש, אָהן גליק און אָהן ליעבע... מיר ברענגען אייך ניט נאָר

דאגה, מיר ברענגען אייך דאָס גרעסטע גליק אין דער וועלט — ליעבע. מיר פאָדערען פון אייך בייבי־קערידזשעס, און דערפאַר בעגליקען מיר אייך מיט שעהנע, ליכטיגע, ליעבע בייבים — דיעזע בלומען, וועלכע בעציערען אונזער וועלט און אונזער לבן!...

ד ע ר מ אַ ן: (קראַצט די פּאַטילניצע, פאַר זיך) האָב איך זיך געדראַפּט מיט זיי אַנהויבען?

ד י פ ר ו י: איהר לאַכט פון אדם׳ן, וואָס ער האָט אָפּגע־געבען איין ריפ פאַר אַ ווייב און יעדער פון אייך וועט אָפּגעבען און גיט אָפּ זיין קאָפּ און לייב און לעבען פאַר אַ ווייב... און דוקא פאַר אזא פרוי, וועלכע פערדיענט עס אם וועניגסטען... ווירדיגע, עהרליכע, געאַכטעטע פרויען זיינען ביי אייך ביליג — פאַר די... פאַר די אַנ־דערע נעהמט איהר איין די כפּרה! און דערמיט צווינגט איהר אליין די פרוי וואָס וועניגער ווירדיג און עהרליך צו זיין!...

ד ע ר מ אַ ן: איהר זעהט? אַ אידענע זאָל געוועזען שרייבען דעם חומש, וואָלט זי געזאָגט, אז דער מאַן איז גאָר בעשאַפען גע־וואָרען פון אַ ווייבערשען ריפ!

ד י פ ר ו י: געוויס, די מענער שרייבען וואָס בעסער פאַר זיך, וואָלטען די ווייבער געשריבען וואָס בעסער פאַר זיי... איהר האָט אָבער ביי אונז אַלעס צוגענומען: דעם חומש, די הימלען, די וועלט, אַלעס... וואָס טהוען מיר? מיר זאָגען: מאַן, דו האָסט פער־כאַפּט די גאַנצע וועלט, און איך וועל פערכאַפּען דיך — וועל איך האָבען די וועלט!... די פרוי איז ביי אייך נאָר אַ לוקסוס, אַ פער־געניגען — נעמען מיר אַלע אייערע רייכטימער און פערשווענדען דאָס אויף לוקסוס, אום אייך בעסער צו געפעלען און אום אייך בעסער צו פערשקלאַפען! איהר האָט די פרוי צו שקלאַפען געמאַכט, און זי האָט אויסגעפונען אַלע מיטלען ווי אַזוי אייך פאַר דער שקלאַפינ׳ס שקלאַף צו מאַכען!...

ד ע ר מ אַ ן: איהר ווייסט וואָס, מאַראַם? ע... עס איז שוין שפּעט... זאָל זיין ווי עס איז... וואָס טויגען די טענות?

ד י פ ר ו י: אַז איהר טענה׳ט, איז דאָ צייט; אַז מיר אָבער טענה׳ן, איז אָדער צו שפּעט אָדער צו פריה!... ניין! איך וויל טענה׳ן...

ד ע ר מ א ן: (פאַר זיך) איהר הויבט זיך נאָר אָן מיט א אידענע, איהר וועט זיך שווין פון איהר היינט ניט אָבטשעפּען...

ד י פ ר ו י: איהר האָט זיך דערמאָנט אויף אן אַלטער חכמה, אז איין מייזעל וועט איבערשרעקען טויזענד ווייבער... אמת, מיר זייַנען שרעקליך נערוועז, פערקריפּעלט, שוואך... אָבער ווער האָט אונז פערקריפּעלט, אויב ניט איהר?... עס איז אמת, א קלייניגקייט קען ביי אונז אַרויסרופען א פּאַניק... נו, און איהר גבורים, זייט בעסער? איהר שפּרינגט ניט ווי די ווילדע בעק, ווי פערווירטע משוגעים, אז עס מאַכט זיך א פּאַניק?... ווייסט איהר אָבער, וועמען געפינט מען נאָך יעדער פּאַניק צוטראָטען, ערמאָרדעט, פערטרונקען אין בלוט? קינדער און פרויען... ווארום איהר בענוצט אייך מיט אייער פיזישער קראַפט, אום צו רעטען אייער טייערען לעבען... און איהר טרעט אונז, שוואכע פרויען, ווי ווילדע, בלוט־דורשטיגע טיערע!...

ד ע ר מ א ן: איך זעה, עס געהט דערצו, אז ביי אונז וועט מוזען זיין א געשלעג!...

ד י פ ר ו י: שלאָגען זיך מיט קולאקעס — דאָס איז אייער פּריווילעגיע... איהר האָט בעשולדיגט דעם אָרימען ארבייטער׳ס פרוי, וואָס זי פּוצט זיך ניט אויס, ווען זי ערוואַרטעט אהיים איהר תכשיט... עס ליעגט איהר מעהר ניט אין זינען... די קינדער האָבען איהר דעם קאָפּ פערדרעהט: דעם האָט זי עטוואָס אויפגענעהט, דעם פערלאַטעט, דעם פערוויעגט... דער גראָסער האָט ניט געוואָלט געבען אָהן געלט, מיט דעם בוטשער געהאַט א גאַנצען ויכוח... מיט א קראַנק קינד אין דיספּענסערי געלאָפען; אַליין האָט זי זיך מסתמא צייהן־וועהטאָג, אָדער גאָר אן ערנסטע קראַנקהייט. אָבער דאָס אַלעס איז שמאָטע... זי דאַרף זיך אויספּוצען און מקבל פּנים זיין איהר הערר געמאהל — זיין אויג זאָל האָבען פערגעניגען...

ד ע ר מ א ן: ענטשולדיגט, אויב זי איז א קראַנקע, איז דאָך אנ׳אנדער זאַך. איך וויל ניט טענה׳ן מיט קראַנקע... איך טענה נו צו געזונטע...

ד י פ ר ו י: יא, איך ווייס, אייך אינטערעסירען נאָר געזונטע... נאָך איין וואָרט. איהר בעקלאָגט אייך, אז די פרויען פערדארבען אייער גוטען כאַראַקטער און מאַכען אייך פאַר שלעכטע... דערויף זאָלען אייך ענטפערען די טויזענדער יונגע פרויען, וועלכע זייַ־

נען דורך אייך געפאַלען און ארויסגעשמיסען געוואָרען אויף דעם גאַס... דארויף זאָלען אייך ענטפערען די טויזענדע יונגע אונשולדיגע אָפּפער, וועלכע איהר האָט פערדאָרבען און אונגליקליך געמאַכט!... איהר זאָגט איהר זייט די שטאַרקע און מיר די שוואַכע... ווער קען וועמען פער־דאָרבען: דער שוואַכער דעם שטאַרקען, צי דער שטאַרקער דעם שוואַכען?

ד ע ר מ אַ ן: הייסט עס, מיינט איהר, אַז איהר זייט גע־רעכט?

ד י פ ר ו י: וואָס דען מיינט איהר, איהר זייט גערעכט?...

ד ע ר מ אַ ן: ווייסט איהר וואָס, לאָמיר זיך ניט קריעגען און מאַכען אַ פּשרה, דאָס הייסט, זאָל זיין, מיר זיינען ביידע גערעכט.

ד י פ ר ו י: איהר זייט גערעכט? טיראַנען, דעספּאָטען, עגאָאיסטען...

ד ע ר מ אַ ן: איהר ווילט נאָך געהן ווייטער? דאַנקע! גענוג!... (פאַר זיך) איך בין גוט אריינגעקראָכען... די גרעסטע סכנה איז מיט ווייבער אָנהויבען אויסטענה'ן זיך... מעהר טהו איך דאָס ניט... מיט זיי איז בעסער אָהן טענות (לאָזט זיך געהן) אַלזאָ, מאַדאַם, לעבט מיר וואָהל, זאָל זיין איהר זייט גערעכט. (לאָזט זיך אַוועק).

ד י פ ר ו י: אַט אזוי שטענדיג... פריהער הויבען זיי אָן טענה'ן, נאָכדעם אַז מיר טענה'ן געפעהלט זיי ניט. און אַז זיי גע־פעלט ניט, לויפען זיי אַוועק. נאָר, נישקשה ווייבער, האָט ניט מורא צו טענה'ן, זיי קומען צוריק!

ד ע ר מ אַ ן: (קעהרט זיך אום צוריק) טס' איך וויל ניט די פרויען זאָלען הערען... אָבער איהר מענער, זאָגט, זיינען מיר טאַקע ניט אַזעלכע באַלוואַנעס, קעהרען מיר זיך דען ניט אום צוריק. (ער רייכט דער פרוי זיין אָרעם און ביידע פערלאָזען די פּלאַטפאָרמע.)

פ אַ ר ה אַ נ ג.

צווייטער טהייל

ער און זי

הומאָריסטישע סצענע אין איין אקט

פון יעקב גאָרדין

דיזער הומאָריסטישער איין־אַקטער איז געשריבען געוואָרען פון יעקב גאָרדין אין דעם יאָהר 1901, און איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען פון מר. און מרס. טהאָמאַשעווסקי, צו זייער עהרען־אבענד אין ווינדזאָר טעאַטער.

דער אָריגינעלער מאַנוסקריפּט פון דיזען איין־אַקטער איז, צום בעדויערן, פערלאָרען געגאַנגען, און די איינציגע פערבליבענע קאָפּיע, וועלכע מיר האָבען געקאָנט געברויכען, איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען פון דעם שוישפּיעלער זיגמונד וויינטרויב, וועלכער האָט די סצענע אויך איניגע מאָל געשפּיעלט. מיר האָבען אָנגענומען די פערזיכערונג פון די שוישפּיעלער, אז דאָס אבגעדרוקטע איז אַ ריכטיגע קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל. — א. דש. ג.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פּערזאָנען:

ע ר, אַ בוכהאַלטער, 26 יאָהר.
ז י, זיין פרוי, 24 יאָהר.
(די ביהנע שטעלט פאָר איין צימער, געשמאַקפאָל מעבלירט).

ז י: ניין, און טויזענד מאָל ניין! היינט נאָך מוז עס אַן ענדע נעהמען. האָסטו געהערט אַן אומגליק? שוין צוויי יאָהר נאָך אונזער חתונה און איך האָב נאָך ניט קיין קינד. ער געהט אַוועק אין באַנק אריין און עס הארט איהם נישט, און איך זיץ דאָ פערפינסטערט און... אָהן אַ קינד. עס איז אַזוי גוט ווען מען האָט אַ קינד! עס איז אַזוי פרעהליך! איך נעהם דאָס מלאך׳ל און טאַנץ דערמיט. עס איז שוין דאָ ארבייט: וויקלען די בייבי, באָדען די בייבי, ריידען צו דער בייבי, אַלע מינוט קוצעניו־מוצעניו... אָבער פאַרוואָס האָב איך ניט קיין קינד? נאָר היינט, ווען ער וועט קומען פון דער באַנק, מוז איך זיך מיט איהם צוקריעגען. איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ער מוז איינזעהן, אַז איך וויל האָבען אַ קינד, און ווען ניט, וועל איך מאַכען סקאַנדאַלען. אַ קינד אָדער אַ סקאַנדאַל. אוי! עס איז דאָך אַזוי גוט, אַז מען קריעגט זיך! ער בייזערט זיך, שרייט, ליאַרעמט, צוברעכט די בענקלעך, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, און זי וויינט, איז אָנגעבלאָזען, און נאָכדעם קומט ערשטע דאָס גוטע, דאָס אמת׳ע גוטע — דאָס איבערבעטען. אוי! וואָס ווייסט איהר ווי גוט דאָס איז! אַזוי ווי ער קומט פון דער באַנק, טרר... ברוגז, צוקריעגט. נאָך מעהר וואָס מיך קרענקט: ער איז דאָך גאָר ניט אייפערזיכטיג, אָה! ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען ער זאָל זיין אייפערזיכטיג. אַלע מע־נער שלינגען מיר איין מיט די אויגען און איהם ארט עס נישט. אָדער אַז איך קום אמאָל צו איהם אין באַנק אריין — אַלע בוכהאַלטערס שמייכלען צו מיר, אפילו דער דירעקטאָר צוגעהט ווי וואַקס; און ער איז קאַלט ווי אייז. אוי! ווען ער זאָל מיך אָבער אין אמת׳ען ליעב האָבען, וואָלט ער דאָך געווען אייפערזיכטיג, געוואַלד, ווי העלפט מיר גאָט ער זאָל זיין אויף מיר אייפערזיכטיג. אָבער וואָס זאָל איך

טהאָן ?... אַה... איך וועל איהם שוין אייפּערזיכטיג מאַכען. עס וועט זיין אַזוי גוט !... ער וועט שפּרינגען אין דער לופטען, שרייען, וויינען, שעלטען, און זי... (אַ גערויש פון טריט) אַהאַ, ער געהט... ער.. און איך בין ברוגז (ער קומט אריין).

ע ר : שיינדעלע, ביזט גאָר נישט געשטאַנען ביים פענסטער ?

ז י : ניין, איך שטעה שוין מעהר נישט ביים פענסטער. (אַפּאַרט) אוי, וויל איך איהם געבען אַ קוש ! איך שטאַרב ! נאָר מען מוז זיין ברוגז...

ע ר : נו, און אַ קוש ? ער וויל אַ קוש און זי שטעהט פון דער וויטען... נו, קום אַהער, קום אַהער...

ז י : (אַפּאַרט) אוי, איך האַלט ניט אויס... (לויט) אָבער לאַ, זי איז מעהר קיין נאַר נישט. ער קען וואַרטען. איך האָב צייט.

ע ר : וואַרטען ? אָבער גאָרנישט. דו האָסט טאַקע צייט, איך אָבער נישט. (קושט זי) וואָס־זשע, ביזט ברוגז ? וואָס איז ?

ז י : גאָרנישט... איך בין ברוגז און שוין...

ע ר : פאַר וואָס ? זאָג מיר פאַר וואָס ?

ז י : גאָרנישט... גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין. לאָז מיך אָב.

ע ר : וואָס ביזטו אַזוי קאַלט ?

ז י : ווייל איך האָב מיך פערקיהלט.

ע ר : נו, נו, מאַך דיך נישט נאַריש... גיב מיר עסען. איך האָב קיין צייט, איך מוז געהן צוריק אין באַנק אריין.

ז י : צוריק אין באַנק ? דו ביזט דאָך ערשט געקומען ? נאָר אין באַנק. אַ גרויסע גדולה אויף מיר.

ע ר : וואָס איז מיט דיר ? קום נאָר אַהער, קעצעלע. נו, וואָס איז דאָרטען ? (ער וויל זי אַרומנעהמען, זי לאָזט ניט).

ז י : געה אַוועק פון מיר !

ע ר : נו, גיב מיר עסען.

ז י : אוי, איך האָב עס שוין געהערט ! עסען און עסען. גענוג איין מאָל אַ חכמה.

ע ר : איך פערשטעה נישט, וואָס איז דאָס פאַר אַ קאַפּריז ? גיב מיר עסען.

ז י : עס איז גאָרנישט קיין קאַפּריז. דאָס איז אַן אומגליק, אַ שרעקליכעס אומגליק (וויינט).

ע ר: אַזוי גאָר! און וואָס איז?

ז י: קוק ווי ער רעדט אַזוי קאַלט. ביי דיר איז עס גאָרנישט. עס איז שוין צוויי יאָהר נאָך אונזער חתונה און איך האָב נאָך אַפילו ניט איין קינד... איך זאָג דיר, אַז דו מוזט געהן צו אַ דאָקטאָר...

ע ר: נו, אויב דאָס איז דער אונגליק, דאַרף איך ניט קיין דאָקטאָר. איך בין אַליין אַ גוטער דאָקטאָר. נו, הער אויף...

ז י: ניין! איך וועל נישט אויפהערען.

ע ר: דו ווילסט איך זאָל בייז ווערען?

ז י: נו, איז שלעכט.

ע ר: איך וועל שוין ניט עסען... דו קענסט עס שוין אַרויס־וואַרפֿען... זעהר שעהן פֿון דיר. איך אַרבייט אַ גאַנצען טאָג מיט דעם שוויים, און אַז איך קום אַהיים האַדעוועסטו מיך מיט אַרגומענטען. וואָס טויגען מיר דיינע אַרגומענטען, אַז איך וויל עסען!... נאָר האָסט רעכט. וואַרף אַרויס פֿאַר די הינט מיין חלק. דיין חלק אויך! איך וועל שוין מעהר ניט עסען. איך עס ניט היינט (אָב אין צווייטען צימער).

ז י: אָה! עס איז אַזוי גוט, ווען ער בייזערט זיך! ער קאָכט זיך, ער ברעכט בענקלעך. אָבער איצט וועט ערשט קומען דאָס גוטע — דאָס איבערבעטען זיך. אָט וועל איך איהם באַלד איבערבעטען. די מענער זיינען טאַקע בייזע, שטאַרקע, גבורים און בלאָזען זיך, און אַז מען גיט זיי אַ גלעט, ליעגען זיי ביי די פֿיס, אַזוי ווי די הינט. אָבער איך מוז איהם נאָך היינט אייפֿערזיכטיג מאַכען. אוי! איך האָב אַ פּלאַן. איך וועל זיך מאַכען, אַז איך האָב אַ קאַוואַליער. איך וועל איהם שרייבען אַ בריעף און דעם בריעף וועל איך כלומר׳שט פֿערליערען. (שרייבט) מיין ליעבער... ווי אַזוי זאָל איך איהם אָנרופֿען? הערר לאָקש?... ניין, לאָקש וועט איהם ניט מאַכען אייפֿערזיכטיג... מיין ליעבער הערר פֿאַרפֿעל! נאָך מיטאַג, ווען מיין משוגענער וועט אַוועקגעהן אין זיין פֿינסטערען באַנק, זאָלט איהר באַלד... (ער קומט צוריק. זי בעהאַלט דעם בריעף) אָה, דו ביזט עס? איך האָב גאָר פֿער־געסען, אַז דו ווילסט עסען... וואָס איילסטו זיך? ווילסט באַלד געהן אין באַנק?

ע ר: אָה! ווילסט איך זאָל באַלד אַוועקגעהן... איך פֿערשטעה.

מיר דארפסטו נישט לייגען א פינגער אין מויל... היינט געה איך שוין נישט.

ז י: (אפּארט) אָה! עס הויבט זיך אָן! אי, עס איז אזוי גוט...

ע ר: ניין! איך געה היינט ניט אין באנק אריין.

ז י: וואָס הייסט? געה, געה אין באנק. איך וויל... איך דארף דו זאָלסט...

ע ר: דו ווילסט, דו דארפסט איך זאָל אוועקגעהן! אהא, איך וויים, אונגליקליכע! וואָס האָסטו דאָרט בעהאַלטען פאר א בריעף?

ז י: ניין... דאָס איז... דאָס... וואָס האָט זיך דיר אויסגעוויזען?

ע ר: אהער דעם בריעף זאָג איך!

ז י: דו האָסט קיין רעכט דעם בריעף צו לעזען.

ע ר: איך האָב קיין רעכט ניט? איך? דעם בריעף אהער! דעם בריעף! דו פאַלשע, אונטרייע פרוי. דעם בריעף גיב אהער!...

ז י: (אפּארט) אי, ער ווערט באמת בייז!... (לויט) ניין! דעם בריעף קריגסטו ניט.

ע ר: ניין, זאָגסטו? אהער דעם בריעף!... (ראנגעלט זיך, רייסט ארויס דעם בריעף פון איהרע הענט).

ז י: דו ביזט משוגע געוואָרען? האָסט מיר שיער א האנט אויסגעריסען. א גרויסע חכמה!

ע ר: אהא! א בריעף פון דיר? וועמען שרייבסטו דאָס? ווער איז דער נידערטרעכטיגער געמיינער מענש? ווער איז ער? (לעזט) מיין ליעבער הערר פארפעל. אָה! פארפעל... היינט נאָכ-מיטאָג, ווען מיין משוגענער... משוגענער? איך בין דער משוגענער. איך, וועלכער ארבייט אזוי שווער און ביטער, בין א משוגענער! (לעזט ווייטער) וועט אוועקגעהן אין זיין פינסטערען באנק. אוי, פארפעל, פארפעל... און איך אונגליקליכער בין געווען רוהיג און האָב געטרויט. איך האָב זיך גערעכענט פאר דעם גליקליכסטען מענשען אויף דער וועלט... נוּ איז מיר א געדאנק געקומען, אז מיין פרוי, מיין געליעבטע פרוי, מיין אויסערערוועהלטע פריינדין, די וועלכע איך האָב אוועקגעשאָנקען מיין הארץ, מיין נשמה, די וועלכע איך האָב געאָפּפּערט מיין לעבען, מיין גליק, די זאָל מיר זיין אזוי פאַלש, אזוי אונדאנקבאר, אזוי געמיין מיך צו פערבייטען; און אויף וועמען?

אויף פּאַרפעל. אָבער איך וועל געהן צו דיין פּאַמיליע, צו מיין פּאַ־מיליע. איך וועל געהן צו דער גאַנצער וועלט, און אַזוי ווי אַ משוגע־נער וועל איך מיט טרעהרען אין די אויגען בעטען: אידישע קינדער, האָט רחמנות! און זאָל ביי אייך אין שטוב ניט געדאַכט ווערען דער נאָמען פּאַרפעל. וועה, וועה! וואָס האָסטו געטהאָן מיט מיר? מיינע הייליגסטע געפיהלען האָסטו צוטראָטען מיט די פיס! מיין איבער־געבענהייט, מיין ליעבע, ערנידריגט, בעליידיגט, בעשמוצט, און מיט וועמען? מיט פּאַרפעל. (וויינט) עס איז איבער מיינע קרעפטען. איך קען עס ניט איבערטראָגען. אי, פּאַרפעל, פּאַרפעל...

ז י: אוי, וועה איז מיר! ער וויינט טאַקע. דאָס איז צו פיעל. הער מיך אויס. וויין ניט.

ע ר: איך זאָל ניט וויינען? ביזט גערעכט. דו פערדיעסט קיינע טרעהרען. ניט וויינען דאַרף איך. איך דאַרף ראַכע נעהמען... ראַכע! מיט דיין לעבען וועסטו מיר בעצאָהלען. מיט דיין בלוט וועל איך מיין צאָרן לעשען. (זוכט אין די קעשענעס).

ז י: הער אויף! דו שרעקסט מיך!

ע ר: ניין, ניין, שרעק דיר נישט! דיר וועט קיין בייזעס ניט געשעהן. פערקעהרט: וואָס גיכער דו וועסט שטאַרבען, דעסטאָ בעסער פאַר דיר; דעסטאָ וועניגער שאַנדע און שפּאָט; דעסטאָ וועניגער טרעהרען און שמערצען. (נעהמט אַ רעוואָלווער) אָט דאָס איז דיין ריכטער, דיין ענגעל, דיין ערלעזער, דער ענגעל פון טויט... אונ־גליקליכע, דיין לעצטע מינוט איז געקומען.

ז י: ערבאַרמע!...

ע ר: קיין וואָרט! דיינע רייד זיינען גיפט! דיין שטימע, דאָס צונג פון אַ בייזער שלאַנג! דיינע ווערטער זיינען ליגען און בעטרוג! שטאַרבען דאַרפסטו! פאַר דיינע זינד זאָלסטו בע־שטראָפט ווערען, און דאָ אויף דער שטעלע זאָלסטו בעקומען דיין פערדיענטע שטראָף!... (די גאַנצע צייט שרעקט ער זי מיט אַ רעוואָל־וועור; צו ענדע כאַפּט ער זי און קושט זי).

ז י: גאָט, ער איז פון זינען...

ע ר: ניין, נאַרעלע. איך בין נישט פון זינען, נאָר איך בין געשטאַנען הינטער דער טיר, האָב איך געהערט ווי דו האָסט מיר

געוואָלט שפּיעלען אַ קאָמעדיע, האָב איך מיט דיר געשפּיעלט אַ טראַ־געדיע...

ז י: גערן, גערן, מיט! ביי דיר איז דאָס אַ שפּיעלכעל. אַ שעהן שפּיעלכעל!

ע ר: און דו האָסט געמיינט, אַז ליעבע, פריינדשאַפט, פאַמי־ליען לעבען איז ניט מעהר ווי אַ שפּיעלכעל. אָבער איצט וועסטו שוין וויסען, אַז מיט אַזעלכע זאַכען, שפּיעלט מען זיך ניט. אַ פרוי דאַרף ניט און טאָר ניט זוכען איהר מאַן צו מאַכען אייפערזיכטיג. קום גיב מיר עסען, דען איך דאַרף געהן אַרבייטען (ביידע געאַרעמט אָב).

פאַרהאַנג.

איז ער שולדיג?

דראמאטישע סצענע

פון יעקב גארדין

לויט אלע דרויסענדיגע, ווי אויך אינוועניגסטע, סמנים, איז דאס איינער פון גארדין'ס עלטערע איין־אקטערס. דער אינהאלט דויטעט נאר בעזאנדערס אן אויפ'ן שרעקליכען קריזיס־יאהר 1905—1906, וואס האט זיך זעהר שטארק געלאזט פיהלען אין אידישען קווארטאל און אויך גענוג קענטיג זיך אבגעשפיגעלט אין דער דאמאלסדיגער אידישער ליטעראטור און פרעסע. א חוץ דעם איצטיגען איין־אקטער, איז מיר פון גארדין'ס פעדער אויך בעקאנט א רוסישער מאנאלאג, וואס האט צו טהאן מיט דעם דרמאנטען שרעקליכען עקאנאמישען קריזיס. — י. ע.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אדאפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

א ריכטער.

סיימאן שטיינבערג, אן ארבייטער, 35 יאָהר אַלט.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ געריכט זאַל. פון איין זייט דער ריכ־טער און דער דיסטריקט אַטוירני, פון דער צווייטער די דזשורי. אויף בענק צוהערער).

ריכטער: זאָל מען אריינפיהרען דעם אָנגעקלאָגטען סיימאָן שטיינבערג.

(אַ פאָליסמאַן פיהרט אריין סיימאָן שטיינבערג. ער איז זעהר בלאַס און שוואך; זיין קאָפּ איז גרוי).

ריכטער: ווי איז אייער נאָמען?

שטיינבערג: (שטיל) מיין נאָמען איז סיימאָן שטיינ־בערג.

ריכטער: מיט וואָס בעשעפטיגט איהר זיך?

שטיינבערג: בעשעפטיגט? הם! אויב שווערע אר־בייט, נויט און הונגער איז א בעשעפטיגונג, בין איך געווען א גע־שעפטסמאַן, און אויב ניט, שרייבט פשוט: איך בין פון מיין קינד־הייט אָן געווען אַן ארבייטער... יא, שרייבט אַן איין וואָרט „ארביי־טער". דאָס איז גענוג פאַר דעם וואָס פערשטעהט!...

ריכטער: ווי אַלט זייט איהר?

שטיינבערג: פינף־און־דרייסיג יאָהר... יא, איך זעה, איהר גלויבט מיר ניט, איהר מיינט, איך בין פיעל עלטער.. איהר מיינט, איך בין שוין אַן אַלטער מאַן! כע! כע! הערר ריכטער, מיר ווערען פערעלטערט נאָך איידער מיר ווערען אַלט!... מיר לעבען אָב נאָך איידער מיר פאַנגען אָן צו לעבען, און מיר זיינען טויט נאָך איידער מיר שטאַרבען!...

ר י כ ט ע ר: (צום דיסטריקט אטורני) כע! כע! ער וויל מיט זיינע רעד בעאיינפלוסען די דזשורי... ער האָט זיך פאַרבעריי־טעט... סיימאָן שטיינבערג, איבער אייער קאָפּ הענגט אַ שרעקליכע, שוידערהאפטע בעשולדיגונג, אייער פערברעכען איז איינע פון די פירכטערליכע טהאטען, וועלכע בעדעקען מיט שאַנדע אונזער גאַנצע געזעלשאפט און ווידערשפּרעכען דער ציוויליזאציאָן און הומאַניטעט... עס איז צום שטוינען!...

ש ט י י נ ב ע ר ג: יא, עס איז צום שטוינען! עס איז שרעק־ליך, פירכטערליך... אָבער איך האָב עס געטהאָן, ניט וויל איך האָב געהאט אַ ציעל ווידערצושפּרעכען אייער ציוויליזאציאָן און הומאַני־טעט... איך בין אַ שרעקליכער פערברעכער, אונזער גאַנצע געזעל־שאפט האָב איך בעדעקט מיט שאַנדע און שמאַך... עס איז אָבער דערפאַר, ווייל די ציוויליזאציאָן און די הומאַניטעט ווידערשפּרעכען זיך אליין!...

ר י כ ט ע ר: גענוג! סיימאָן שטיינבערג, איהר ווערט בע־שולדיגט, דאָס דעם פינף־און־צוואַנציגסטען דעצעמבער, אום צוועלף אוהר ביינאַכט, האָט איהר מיט אַ רעוואָלווער דערשאָסען אייער פרוי, סערא שטיינבערג, און מיט אַ רייזער איבערגעשניטען די העלזער פון אייערע אייגענע דריי קינדער: איבי, צעהן יאָהר אַלט; סעמי, פינף יאָהר אַלט; און ענני, צוויי יאָהר אַלט... און...

ש ט י י נ ב ע ר ג: (כאַפּט זיך מיט די הענד פאַר'ן קאָפּ אין פערצווייפלונג) וועה! וועה! דאָס שרעקליכע בילד! דאָס שרעק־ליכע בילד!...

ר י כ ט ע ר: און נאָכדעם האָט איהר פערזוכט זעלבסטמאָרד צו בעגעהן און האָט אין זיך צוויי קוילען אריינגעשאָסען און מיט'ן ראַזיר־מעסער זיך די אָדערען צושניטען... בעשטעהט איהר, דאָס איהר האָט אייער פרוי און אייערע דריי קינדער ערמאָרדעט?

ש ט י י נ ב ע ר ג: (וויינט) יא, איך בעשטעה!... איך... איך האָב זי... דעם פינף־און־צוואַנציגסטען דעצעמבער... גראַדע אין דער נאַכט פון קריסטמאַס... זיי אַלע זיינען טויט... אין דער ערד... און איך בין דאָ... מען האָט מיין לעבען גערעטעט, אום מיך געזעצליך צו טויטען...

ר י כ ט ע ר: דערצעהלט אונז, ווי איז דאס אלעס פארגע־קומען.

ש ט י י נ ב ע ר ג: ניין! ניין! פעראורטיילט מיך צום טויט!... פיהרט מיך אויפ'ן עלעקטרישען טשער... הענגט מיך אויף... בעפעהלט מיט העלישע מאשינען אלע מיינע גליעדער צו רייסען... שניידט מיר אוים מיין הארץ... פלאטערט מיך, מאטערט מיך... איך בין שולדיג, איך האב עס פערדיענט, אבער איך בעט אייך, ערבארמט אייך איבער מיר... צווינגט מיך ניט צו דערצעהלען דיעזע טרויעריגע שרעקליכע געשיכטע, צווינגט מיך ניט נאכאמאל אבערצולעבען דיע־זע שווערע מאמענטען, צווינגט מיך ניט ארויסצורופען די טויטע פון גרוב און זעהן נאך אמאל די בלוטיגע בילדער... איך בעט אייך!...

ר י כ ט ע ר: דערצעהלט זיי אונז; ווי איז דאס אלעס פאר־געקומען?

ש ט י י נ ב ע ר ג: דערצעהלען? ווארום ניט? ווארום זאל איך מיך יעצט שוינען? איהר ריכטעט מיך דערפאר וואס איך האב מיין געליעבטע, מיין טרייע פרוי ערמארדעט; דערפאר, וואס איך האב מיינע אייגענע, מיינע ליעבע און זיסע קינדער, דיעזע אונשול־דיגע עופה'לעך... (טרעהרען שטיקען איהם) ווען איהר ריכטעט מיך פאר די וואס זיינען אייך געווען פרעמד, וועלכע האבען אייך וועניג געקימערט, וועלכע האבען אייך ביי זייער לעבען ניט געריהרט מיט זייערע ביטערע טרעהרען און שווערער נויט, ווארום זאל איך מיך אליין ניט ריכטען, ווארום זאל איך מיך אליין ניט פאלטערען פאר די וועלכע זיינען מיר געווען אזוי טייער און אזוי ליעב?... יא, איך וועל אייך דערצעהלען... זאל מיין הארץ צוריסען ווערען, זאל מיין בלוט פערקיהלט ווערען אין מיינע אדערען! איך וויל נאך אמאל זעהן דאס בילד פאר מיינע אויגען... הערר ריכטער! איך ווייס ניט, אויב איהר וועט מיך פערשטעהן... איך האב זיי ערמארדעט, ווייל איך האב זיי ליעב געהאט... איהר פיהרט א רוהיגען לעבען, איהר קענט ניט פערשטעהן, וואס איז פערצווייפלונג... מיין גאנץ לעבען האב איך געארבייט שווער, מיין איינציגע פרייד איז געווען מיין פאמיליען־לעבען, מיין איינציגע טרייסט זיינען געווען מיינע קינדער־לעך... אייבי איז געווען צעהן יאהר אלט און האט שוין געענדיגט די פאבליק סקוהל, סעמי איז געווען א זינגער און א שטיפער, ענני

האָט געברומט ווי אַ טייבעלע... שעהנע קינדער, געראָטענע קינדער, אָבער אָהן גליק... (פערדעקט זיין געזיכט, פויזע).

איך האָב דעם גאַנצען ווינטער ניט געהאַט קיין אַרבייט... גאַנצע טעג אומגעגאַנגען, געזוכט, געפרעגט, געבעטען! אומזיסט! עס איז אַזאַ געוועהנליכע זאַך זעהן אַן אָרעמאַן אָהן אַרבייט, אַז עס איז דערפון גאָר ניטאָ וואָס צו דערצעהלען, וואָס עס פיהלען דיעזע אונגליקליכע, ווען דער הויזקיפּער פאַנגט אָן גראָב צו פאָדערען רענט... ווען דער גראָסערער שמייסט דאָס ביכעל אין די אויגען און גיט ניט מעהר קיין קויהלען און קיין ברויט, ווען מען דאַרף צוקוקען ווי די שוואַכע פרוי געהט אויס שטיל ווי אַ ליכט, ווי די געליעבטע קינדערלעך מוזען זיצען הונגעריגע אין אַ קאַלטען, פינסטערען צימער, מוזען אומלויפען אין דער פייכטער, קאַלטער ווינטער־צייט מיט צוריסענע שיכעלעך... איין קינד הוסט, דאָס אַנדערע האָט היץ... און... און די נויט ווערט גרעסער, די פערצווייפלונג וואַקסט און אַלע האָפנונגען ווערען שוואַכער און שוואַכער... עס איז געווען די נאַכט פון קריסטמאַס... די גאַסען זיינען געווען פול מיט פרעהליכע מענשען, אַלע מאַגאַזינען געפּאַקט מיט איינקויפער, דער קויפט פּרעזענטען פאַר זיין געליעבטע, דער טראָגט שפּיעלצייג פאַר זיינע קינדערלעך... אַלע הייזער זיינען בעלויכטען, אַלע הערצער צופריעדען און ביי אונז אין שטוב — דונקעל, ווענינ קעראָסין אין דער אַלטער לאָמפּ, אין אויווען ניטאָ קיין פייער, אין קאָפּ קיין איין פרעהליכער געדאַנק, אין הארצען קיין האָפנונג... דאַן... איז מיר... אונז ביידען, מיר און מיין אונגליקליכער, אָרימער סערא איינגעפאַלען דער שרעקליכער געדאַנק: ענדיגען!... מיט איין מאָל ענדיגען... מיר האָבען זיך אַרומגענומען און מיר האָבען ביידע לאַנג... לאַנג געוויינט... דיעזע טרעהרען... דיעזע ביטערע טרעהרען... זיינען... (צואווייגט זיך) אונזערע אָרעמע קינדער זיינען געשלאָפען מיט אַ שווערען אונרוהיגען שלאָף... די מוטער איז צוגעגאַנגען צו איהרע קינדער, האָט זיך מיט שטילע טרעהרען געזעגנט מיט יעדען פון זיי... לעבען ענני׳ס וויגעלע איז זי לאַנג געשטאַנען... האָט זיך צוגעבויגען, אַ קוש געטהאָן און איז מיר אַרויפגעפאַלען אויפ׳ן האַלז מיט אַ ביטערען יאָמער... מיינע געדאַנקען האָבען זיך צומישט... איך געדענק נאָך, ווי איך האָב דעם רעוואָלווער אַרויסגעצויגען... צום ערשטען מאָל אויסגעשאָסען... איך האָב געזעהן די דערשראָקענע

פנים׳לעך פון מיינע קינדער... סעמי האט געזאגט מיט א רחמנות־שטימעלע: „פאפא, דאנט דו איט“... און דאן איז אלעס פערשוואונדען געווארען פון מיינע אויגען... ווי איך האב מיך אליין אריינגעשאסען צוויי קוילען, ווי איך האב איבערגעשניטען מיינע אדערען... דאס אלעס האב איך ערפאהרען, ווען איך בין אין האספיטאל דריי וואכען נאך דער קאטאסטראפע געקומען צו זיך... (פויזע).

הערר ריכטער, די זאך איז קלאר. איהר דארפט ניט פרעגען די דזשורי, אויב שטיינבערג איז שולדיג אין דעם, וואס ער האט זיין ווייב און קינדער ערמארדעט; איהר דארפט ניט פרעגען אייער געוויסען, צי האט איהר דאס רעכט אזא שרעקליכען מערדער צו פערורטיילען צום טויט. איהר דארפט ניט פרעגען די געזעלשאפט צי איז ניט רעכט אזא שרעקליכען פערברעכער אויסצוראמען פון דער ציוויליזירטער וועלט; איהר דארפט ניט פרעגען ביים הויכגעעהרטען פובליקום, ווער האט א שטילען, ארענטליכען ארבייטער פאר איין שרעקליכען מערדער געמאכט. ניין! עס איז איבעריג!... ער איז שולדיג, ענטפערען אייך אלע גוטהארציגע מענשען; ער איז שולדיג, שרייט יעדער שטיין פון גאס, יעדער פאטער פון קינדער, יעדער פרעדיגער פון מאראל, יעדער פילאנטראפ פון די זאטע צופריעדענע וואהלטהעטער!... ער איז שולדיג! שריי איך אליין... טויטעט מיך! ווארום האט איהר מיך גערעטעט! ווארום האט איהר מיך ניט געלאזט שטארבען צוזאמען מיט די וועלכע זיינען געוועזען מיינע איינציגע פריינד דא אויף דער וועלט?!... שנעל! שרייבט אייער אורטייל! בינדט מיך!... פיהרט מיך אויפ׳ן עלעקטרישען טשער!... וואס זיינען אייערע שטרענגע געזעצע, דער טויט, אייערע הענקער, אייערע געשרייען, אייער פלוך?... ניט דאס שרעקט מיך... מיך שרעקט די שטילע, דערשראקענע שטימע פון מיין קינד... סעמי שטרעקט צו מיר אויס זיין דארע הענטעלע און בעט זיך, און זאגט: „דאנט דו איט, פאפא!.. א! דאנט דו איט!...“ (פאלט אין אונמאכט).

פ א ר ה א נ ג.

חצקאל דראכמע׳ס מאנאלאג

נאך הערשעניו׳ס טויט

א דראמאטישע סצענע אין איין אקט

פון יעקב גארדין

דיעזע דראמאטישע סצענע איז געשריבען געווארען פון יעקב גארדין אלס א צוגאב צו זיין דראמא „גאט, מענש און טייפעל“. עס איז צום ערשטען מאל געשפיעלט געווארען פון הערר לעאן בלאנק צו זיין עהרען־אבענד, אין טהאליא טעאטער, אין דעם יאהר 1904.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום. צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אדאַפטירען עס אָהן די ערלויבניס פון יעקב גאָרדין'ס יורשים, איז פערבאָטען.

שטיל און רוהיג איז געוועז ביי אונז אין דובראַוונע. מיר זיינען געוועז הונגעריג און מיר האָבען זיך משמח געוועז. מיר זיינען געלעגן דריי איילען אין דר'ערד, און מיר האָבען געדאַנקט און געלויבט גאָט ב"ה פאַר זיינע חסדים. גאָר ניט, קליין שטעדטעלדיגע מענשען... אונזערע טאַטעס האָבען גאָר ניט געוואוסט, האָבען געלעבט, געאַרבייט מיט דער נשמה, געקינדעלט און מיר האָבען אויך געלעבט, געאַרבייט און... און... נו, יאָ.. ווי עס דאַרף צו זיין ביי אידען...

פלוצלונג, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, דאַרף הערשעלע סתם ווערען א נגיד... גאָטעניו, טאַטע פאָטער, דובראַוונע האָט זיך איבערגעקעהרט קאַפּורעם מיט די פּיס!... מענשען זיינען געוואָרען חיות!... חיות זיינען געוואָרען בהמות! פערד זיינען געוואָרען חכמים און חכמים זיינען געוואָרען פערד... פון דער שטילקייט איז געוואָרען א הו־האַ! פון דער רוהיגקייט א גיהנום. מען איז געגאַנגען אזוי פיעל יאָהר פּאַוואָליע, האָט מען פלוצלונג אָנגעהויבען לויפען... מען האָט געשלעפּט ביים אנדערען פון קעשענע פּאַוואָליע, פלוצלונג האָט מען אָנגעהויבען רייסען, שניידען, כאַפּען... מען איז געוועזן שונאים איינער דעם צווייטען אזוי פּאַוואָליע, פלוצלונג, פון וואַנען האָט זיך גענומען אזא קנאה, שנאה, רציחה, גזלה, און וואָס? הם... ע, דאָס געלד!

מען זאָל לערנען צוריק דעם פשט, וואָס מיינט איהר, א קבצן צו זיין איז זעהר א גרויסער מאכל?... איך בין א פּראָסטער מענש און איך מוז אייך זאָגען: א קבצן איז א... הם... א... א קבצן איז ניט קיין טומטום און ניט קיין אנדרגנוס... עס איז א מת, וואָס בלאָנדזשעט אום איבער דער וועלט, עסט, שלאָפט, מוטשעט זיך און מאַכט אַלע צוויי יאָהר א ברית, ביז ער קומט צו קבורת ישראל... דער קבצן שלעפּט הייסע קנישעס פון אוויוען און דער נגיד שלינגט זיי... מען בע'גנב'עט דעם קבצן און מען הייסט איהם זיין אַן ערענטליכער מאַן!... אין דער צייט ווען זיי שלעפּען ביי אונז פון קעשענע חייסען זיי אונז דאַוונען. דאַוועז, זאָגט ער, זינג: העטרת והאמונה לחי עולמים... א קבצן איז טאַקי ניט כדאי צו זיין. שלעכט איז נאָר, וואָס דו מוזט בלייבען א קבצן זאָ לאַנג דו קענסט ניט כאַפּען... אָדער

כאַפּ, אָדער דו וועסט געכאַפּט ווערען! פּע! אַז אַלע זאָלען קענען כאַפּען און ניט געכאַפּט ווערען, וואָלט געווען גוט. מען זאָגט, עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, ווען אויף דער וועלט וועט ניט זיין קיין קבצנים, דאַמאָלסט וועט טאַקע זיין גוט... למשל, איך וועל דאַמאָלסט האָבען די ממתקים און זאָלען אַנדערע דאַן ליגען אין דער ערד און וויסען, וואָס עס הייסט אַ קבצן צו זיין...

מיר זיינען געווען בייז אויף ר׳ הערשעלע, אָבער האָבען מיר איהם דען ניט מקנא געווען?... מיר שעלטען דעם נגיד, ער זאָל ליגען אין דר׳ערד, אָבער ווילט איהר דען ניט זיין אויף זיין אָרט? איך בין אַ פּראָסטער מענש, אָבער איך מיין, מען דאַרף ניט איבער־זאָלצען, נעהם און גיב... כאַפּ און לאָז זיך כאַפּען... און אפשר זאָג איך איצט אַזוי, וויל וואָס לעג איך צו? אַ קבצן מעג זיין אַ בעל־צדקה. איך זאָל ווערען אַ נגיד, וואָלט איך אפשר אויך געקראָגען אַ גרויסען „לאַפּעטיט", איך וואָלט געוואָלט וואָס מעהר געלד, גע־בראָטענעס, וויין און... און... איך וויים וואָס. אַ קשיה אויף אַ מעשה! וואָס דאַרף מען ר׳ הערשעלע דן זיין. איך געדענק, עס איז אַמאָל וואָלוועל געוואָרען צוקער, האָב איך באַלד אָנגעהויבען צו טרינקען זיסע טעה מעשה נגיד... פון אָנפאַנג פלעג איך וואַרפען איין שטיקעל צוקער, איז געווען זיס... נאָכדעם האָב איך געוואָרפען צוויי שטיק־לאַך... וואָס זאָל איך אייך זאָגען: איך האָב ענדליך געוואָרפען דריי גרויסע שטיקער, און עס האָט זיך שוין ניט אויסגעוויזען זעהר זיס... ביז גאָט האָט געהאָלפען און צוקער איז ווידער טייער געוואָרען. האָב איך אָנגעהויבען צוריק בייסען... עשירת איז הפּנים אויך אַזוי. פריי־הער איז זיס איין שטיקעל, נאָכדעם ווילט זיך וואָס מעהר און וואָס מעהר שטיקלאַך און מען פיהלט ניט, אַז עס איז זיס... און וואָס איז דער סוף? מען לעבט, מען לעבט און הם... וויים איך, עס איז גאָר־נישט...

אי, ווען איך דערמאָהן זיך יענע שרעקליכע מינוט, ווען ר׳ הער־שעלע עליו השלום איז געלעגען אויף דר׳ערד אַ טויטער צוגעדעקט מיט׳ן טלית, וואָס איז געווען אויסגעווייקט אין מיין מאַטעלע׳ס בלוט... אי! ברידערלעך קבצנים׳לעך, דער גרעסטער רודף שלום איז דער מלאך המות, דער טויט מאַכט שלום, און דאָס לעבען מאַכט שנאה... איך האָב פערגעסען מיינע צרות און מיין שנאה, איך האָב

געזעהן דעם מענש, דעם ר' הערשעניו, וואָס האָט געלעבט ווי אַלע מענשען, וואָס האָט געהאַט מעלות און חסרונות, ווי יעדער מענש האָט, און וואָס איז ענדליך געשטאָרבען אַן עלענדער, אַן אונגליקלי־כער, ווי די מיינסטע טייל פון אונז שטאַרבט. איך בין אַ פּראָסטער מענש, איך מיין, מען דאַרף ניט זיין זעהר שטרענג צום אַנדערען און זיך צו פיעל דן זיין לכף זכות... מיר זיינען אַלע גוטע... אזא יאַחח אויף אונז אַלע...

אויפ'ן טיש האָט מען געפונען אַן אָפענעם מחזור. ער האָט פאַר'ן טויט געזאָגט: אנוש מה יזכה וצבא דוק לא זכו בעיניך (וואָס קען דער מענש ריין זיין ווען די שטערען אין הימעל זיינען ניט ריין אין דיינע אויגען), ווען אַלעס פייכטעס קען אויסגעטריקענט ווערען, ווי אזוי ברענט שוין טרוקענע גראָז. ימי חייו תוהו, ולילותיו בוהו, לילה לא ישכב, יומם לא ינוח, עד ירדם בקבר... (ווישט אַ טרעהר) אי! וואָס פאַר אַ מוסר מען האָט זיך געקענט אראָבנעהמען, ווען דער גרוי־סער ר' הערשעלע, דער עושר, דער חכם, דער למדן, דער גרויסער מענש איז געלעגען אויף דר'ערד צוגעדעקט מיט דעם טלית וואָס זיין פאַב־ריקע האָט געמאַכט... אויסגעווייקט מיט דעם בלוט, וואָס ער אליין האָט פערגאָסען... אי! יעדער פון אונז, ווען ער ליגט אויף דר'ערד איז אויס חכם... יעדער טלית איז אויסגעווייקט אין מענשליכע בלוט... און יעדער חכם דאַרף געדענקען, אז סוף כל סוף וועט ער בלייבען אַ נאַר... נו, יאָ, יעדער מענש איז אָבער אַ נאַר. שטאַרבט ער, איז ער געשטאָרבען, און כל זמן ער לעבט, לעבט ער... און... הם... נו, יאָ, אַ מענש, אַ בשר ודם... דאָבע, וואו איז מיין ליולקע? (אָב).

די וואהנזיניגע אַקטריסע

אַ דראַמאַטישע סצענע אין איין אַקט

פון יעקב גאָרדין

דיעזער מאָנאָלאָג איז צום ערשטען מאָל דעקלאַמירט געוואָרען פֿון מאַדאַם קאַליש אויף איהר עהרען־אָוועגד, אין טהאַליאַ טעאַטער, אין 1902.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום. צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

(עס שטעלט פֿאָר אַ צימער אין אַ משוגעים־הויז; אַ פֿרוי ערשיינט אין אַ גרויע קלייד און ווייסען מיצעל).

ד י וו אַ ה נ ז י נ י ג ע אַ ק ט ר י ס ע: (געהט אַרוים איילענדיג און קוקט זיך אַרום) ששו. די ביהנע איז לעער. דער רעזשיסער און די איבעריגע שוישפּיעלער זיינען נאָך ניט געקומען און איך בין דאָ אליין... איך האָב אַזוי ליעב צו זיין אַליין, ווייט פֿון די מענשען וועלכע פֿערפֿאָלגען מיך, פֿערגינען מיר ניט מיין רוהם, פֿערגיפֿטען מיר דאָס לעבען מיט זייער גראָבקייט און גרויזאַמקייט, רויבען מיין פֿרייהייט און האַלטען מיר דאָ ווי אין געפֿענגנים. (טרערען שטיקען זי) עס איז אַזוי שווער צו לעבען, ווען מען איז אליין אויף דער וועלט, אָהן פֿריינד, אָהן געליעבטע, אָהן בעשיצער. איך בין אַליין ווי אַ שוואַך בוימעלע אויף אַ הויכען פֿעלז. מיין גוטע מוטער איז שוין לאַנג־לאַנג געשטאָרבען און איך בין נאָך ביז יעצט אַ שוואַכעס, הילפֿלאָזעס קינד... און אַלס קינד וועל איך שטאַרבען דאָ, אַ פֿרעמדע צווישען פֿרעמדע... (צולאַכט זיך פּלוצלינג) כאַ! כאַ! כאַ! איהר ווייסט?... זיי זאָגען דאָך, אַז דאָס איז גאָר קיין טעאַטער ניט?... ששו... זיי ווילען מיר איינרעדען, אַז דאָס איז אַ משוגעים־הויז, און אַז איהר אַלע אַרום מיר זייט משוגע'נע, משוגע'נע, משוגע'נע!... וואוהין איך וואַרף מיין אויג — משוגע'נע! ווען איך זעה אַרום זיך — משוגע'נע! ווער עס רעדט צו מיר — משוגע'נע! ווער עס לאַכט צו מיר מיט אַ פֿאַלשען שמייכעלע — משוגע'נע! ווער עס פּאַטשט מיר בראַוואָ — משוגע'נע! ווער עס זאָגט, איך בין קיין שוישפּיעלערין מעהר — משוגע'נע!... (זאַנפֿט) אַך, גאָט! פֿאַר וואָס איז דאָ אויף דער וועלט אַזוי פֿיעל משוגענע און אַזוי פֿיעל גוטע, קלאָרע מענשען? (פֿערטראַכט זיך) אַי, וועה איז מיר! איך האָב זיך פֿערטראַכט און געקענט פֿערשפּעטיגען מיין ערשיינונג אויף דער ביהנע. (הערט זיך צו) אַהאָ! ער ענדיגט שוין זיין מאָנאָלאָג. באַלד קומט מיין רעפּליק!... זעהט ווי עס פֿיבערט מיך! אַזוי לאַנג שוין אויף דער ביהנע, און דאָך, בעפֿאָר איך געה אַרויס בין איך

אזוי שרעקליך ערעגט... די הענד ציטערען, עס פערשטיקט דעם אָטעם, דאָס הארץ קלאַפּט שטאַרק... און ווען איך געה אַרוים אויף דער אוואַנסצענע ווערט מיר אויף אן אויגענבליק פינסטער אין די אויגען... דאָס געפּאַקטע טעאַטער איז אַזוי ווי אין אַ געדיכטען גע־בעל פערזונקען — אין דער ווייט ערגעץ שטורעמט און דונערט און רוישט... אָבער איך קום באַלד צו זיך... איך הער מיין אייגענע שטי־מע און ווער מוּנטער. אהאַ!... שנעל, מיין איינטריט... (לויפט אַרי־בער אויף דער אַנדער זייט) וואָס איז?... דאָס פּובליקום בעגעגענט מיך ניט מעהר מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען? מען וואַרפט שוין מעהר ניט צו מיינע פיס קיין בלומען? איז עס וואָהר? מען וויל שוין מיר קיינמאָל ניט דערלאַנגען קיינע לאָרבערקרענצע, קיינע בו־קעטען פון טהוי־ראָזען, קיינע לירען פון ווייסע ליליען? זיי ליעבען מיך ניט מעהר? אָה! איך ווייס ווער מען איך האָב עס צו פערדאַנ־קען! זיי! מיינע קאָנקורענטען! זיי בענײדען מיך! זיי פערגינען מיר ניט! מיין רוהם און בעליעבטהייט לאָזט זיי ניט רוהען! זיי ווילען מיך ערנידריגען, קליין מאַכען, פערניכטען! איך וועל אייך בעלאָהנען! איך וועל אייך בעצאָהלען!... איך וועל אייך אַלעמען אויסראָטען פון דער וועלט!... כאַ! כאַ! כאַ! וואָס הער איך זיי? וואָס קענען זיי מיר טהאָן, ווען איך בעזיץ דעם הימעלשען טאַלאַנט, מיט וועלכען די נאַטור האָט מיך בעשאָנקען און מיט וועלכען איך קען בעצויבערען און בעזיעגען די גאַנצע וועלט... מיין ערפאָלג — דאָס איז מיין איינציגע ראַכע! (זי הערט זיך צו) אהאַ! מיין רעפּליק... (זי דעקלאַמירט: „מיט ראַכע"!", די ענדע פון צווייטען אַקט פון „מע־דעאַ"):

„מיט ראַכע! (קרימט איהם) מיט וואָס דען זאָל איך אייך דראָ־הען, ווען ניט מיט ראַכע? מיט וואָס אַנדערש זאָל איך אייך בע־צאָהלען ווען ניט מיט ראַכע? מיט וועלכע אַנדערע מיטלען זאָל איך שטילען מיין הערץ ווען ניט מיט ראַכע? געה אַרוים אין פרייען פעלד און גיב אַ געשריי „בלוט!" וועט דיר דאָס עכאָ ענטפערען דאָס זעלבע, וועט דיר אָבקלינגען מיט'ן וואָרט „בלוט!" און איך, לעבעדיגער מענש, ערנידעריגטע מעדעאַ, בעליידיגטע מוטער און פרוי, איך זאָל אייך ניט ענטפערען מיט דאָסזעלבע? איך זאָל אייך ניט בעצאָהלען מיט דעם, מיט וואָס איהר האָט מיך בעלאָהנט? אָה! איך וועל

ענטפערען! איך וועל בעצאָהלען! איך וועל בעלאָהנען! פאָרט פון וועג! איך געה און קום צוריק מיט מיין ראַכע!..."

איהר הערט אַפּלאָדיסמענטען? עהע! וואָס דען האָט איהר געמיינט, איך בין שוין אָבגעשטאָרבען? איך וויים, איהר האָט פערדרוס, איהר זייט מיר מקנא, איהר ווילט מיך דערטרינקען אין א לעפעל וואסער. איהר ווילט איינרעדען די גאנצע וועלט, אז איך האָב מיין זינען פערלאָרען. איהר ווילט מיך פערשפּארען צווישען לאַנגווייליגע מענשען, וועלכע טראָגען גרויע קליידער און ווייסע מיצלעך. איהר ווילט מיך פלאָגען מיט ביטערע מעדיצין, איהר ווילט מיך פערשפּארען אין אן ענגען פינסטערען צימער, ווען איך קעמפּף פאָר מיין פרייהייט. איהר ווילט מיר בינדען די הענד מיט שטריק, ווען איך וויל אוועקגעהן פון אייך. טהוט עס ניט, איך בעט אייך — ערבאַרעמט אייך איבער מיר... האָב איך דען וועמען עס איז פון אייך שלעכטעס געטהאָן? האָב איך דען געזוכט אייך צו שאַדען? טהוט מיר ניט קיין בייזעס... איך בין קראַנק און שוואַך... מיין קאָפּ ברענט ווי פייער... מיינע געדאַנקען צומישען זיך. איך וויים ניט און פערשטעה ניט, וואָס עס קומט פאָר מיט מיר, און איך פיהל נאָר איין זאַך — איך בין אן אונגליקליכע! (וויינט).

כא! כא! כא! איהר ווייסט פארוואס זיי מיינען אז איך בין פון זינען אראָב?... זיי ווילען מיר ניט גלויבען, אז מיין רעכטע האנד איז א גלעזערנע. דער קאָמיקער וויל מיר שטאַרק דריקען מיין האנד, שריי איך: פאַרזיכטיג! פאַרזיכטיג! מיין האנד! איך געה פערביי א וואַנד אָדער פערביי א טהיר, היט איך מיין גלעזערנע האנד זאָל זיך ניט צוברעכען... וואָס דען מיינט איהר, אָהן א האנד איז בעסער? ששו! איהר זעהט, אָט די האנד איז ביי מיר א גלעזערנע... זיי ווייסען עס ניט... זיי דאַרפען עס ניט וויסען... זיי טאָרען עס ניט וויסען — ווארום דיזע שלעכטע מענשען וועלען מיר געווים זוכען מיין האנד צו צוברעכען... (פערוווירט) פאַרזיכטיג! מיין האנד!... מיין האנד!...

(רוהיג און טרויעריג) די צייט געהט... איין אַקט ענדיגט זיך נאָכ'ן אַנדערען. די דראַמאַ אָבגעשפּיעלט און דאַן וועט פאַלען דער פאָרהאַנג. דער אָרקעסטער שווייגט, עס איז שטיל געוואָרען, און דאָ ארום וועט ווערען פינסטער, לעער און קאַלט... און איך וועל ניט לעבען מעהר, און אַלע וועלען פערגעסען אויף מיר... קיינער וועט ניט

ווִיסעַן אַז אִיךְ האָב געלעבט אַמאָל אויף דער וועלט. אַה! ווי טרויעריג עס איז... (זי געהט) האַמלעט איז געשטארבען און די אָרימע אָפעליאַ לעבט... זי לעבט און וויינט... זי איז וואהנזיניג... יאָ! אָפעליאָ בין איך... (זינגט):

אונד קאָמט ער ניכט מעהר צוריק?
אונד קאָמט ער ניכט מעהר צוריק?
ער איז טויט, אַה ווערה!
אין דיין טויטעם בעט געה.
ער קאָמט יאַ נימּמער צוריק.

זיין באָרד איז ווייס ווי שנעע,
זיין קאָפּ דעם פלאַקס צוגלייך;
ער איזט הין, ער איזט הין,
און קיין לייד ברענג געווין.
גאָט, העלף איהם אים הימעלסרייך... (אָב).

דער אָבגעשטאָרבענער קינסטלער

אַ דראַמאַטישע סצענע אין איין אקט

פון יעקב גאָרדין

דיעזער איין־אַקטער איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען פון הערר עליאַס ראָטהשטיין, צו זיין עהרען־אבענד אין טהאַליאַ טהעאַטער, אין דעם יאָהר 1893. אין יענע יאָהרען פלעגען די אַקטיאָרען נאָך זייערע בענעפיטען נאָכשפּיעלען אַ לייכטען זינלאָזען פאַרס, דעריבער איז מר. ראָטהשטיינ׳ס ערנסטע אָבשפּיעגלונג פון דעם אָבגעשטאָרבענעם אַקטיאָר אויפגענומען געוואָרען פון די צושויער מיט אַנגענעהמער איבערראַשונג. דער טיפּ פון „טרעמפּ־אַקטיאָר״ איז גענומען געוואָרען פון אמת׳ן לעבען, און ועט וואָהרשיינליך דערקענט ווערען פון פיעלע לעזער.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

ד ע ר אָ ב ג ע ש ט אָ ר ב ע נ ע ר ק י נ ס ט ל ע ר
אָן אַלטער געוועזענער אַקטיאָר.

מ י ס ט ע ר ד ז י א ב ל י ק, אַ דאַונ־טאַונ׳ער „דיוד״.

אַ ג א ס ט, אַ שטענדיגער בעזוכער פון דעם קאַפע־הויז.

(די סצענע שטעלט פאָר א געוועהנליכע קאַפע־הויז, עטליכע געסט זיצען ביי טישלעך און טרינקען קאַפע, אָדער שפּיעלען אין קאָר־טען און דאַמקעס. מר. דזיאבליק קומט אריין געקליידעט „דיודיש״, אָבער אָהן געשמאַק, ער טראָגט אויפ׳ן ברוסט אַ געלע בלום, גרויס ווי אַ ראָד).

ד ז י א ב ל י ק: העלאָו, דזשענטעלמען, (זעצט זיך, פּעררוי־בערט אַ סיגאַר, לייגט די פוס אויפ׳ן טיש).

ג א ס ט: העלאָו, מיסטער דזיאבליק, פון וואנען געהט איהר אזוי שפּעט, פון „דזשואיש״ טהעאטער?

ד ז י א ב ל י ק: פוי! וואט דו יו טינק עבאָוט? ע וועל ערדזשיקעטעט מען, יו נאָ, וועט נאָך ניט זיין אזוי פוליש צו געהן אין ע דזשואיש טהעאטער. אָ, נאָ, ע ענגליש טעאטער, איז טאקע אַ טעאַטער... יו נאָ, עווערעטינג קליען, אַ דאָר־קיפּער, אַ וואהרער טשעמפּיאָן, אַ אינגליש עקטאָר אין טאקע אַ עקטאָר, גרויס, געזונד, הויך, רויט געקליידעט, סטייליש, יו נאָ, און איז אַ דזשענטעלמאַן פראָם דהי טיט טו דהי פיט, יו נאָ, געהט אריין צום ביישפּיעל אין לאָנדאָן טהעאטער, 14 גוירלס מאַרשירען, אַלס נאָמבער וואַן, קונסט, נאַטירליך, עווערעטינג ריעל, אַ פּולקע איז טאקע אַ פּולקע, אַ האלז זעקט איהר אַ האלז, יו נאָ (באַפּט זיך אויף פון זיין אָרט) ווען זיי מאַר־שירען (מאַרשירט און זינגט) טאַ־טאַ־טע־ראַ, אַ פוס רעכטס, טאַ־טאַ־טע־ראַ, אַ פוס לינקס... בראַוואָ, הוריי (מאַרשירט אַרויף אויף דעם גע־

שטאַרבענעם קינסטלער, וועלכער קומט שכור'לעך) אַ, האַ־דו־ריו־דו, מיר וועלען שוין גענוג פאַן האָבען, יו נאָ.

ק י נ ס ט ל ע ר: (נעהמט אַראָב זיין צובראָכענעם צילינדער הוט, בייגט זיך נידעריג) גוט'ן אבענד, מיינע גענעדיגע הערען! מיי רע־גאַרדאָס טו עווערי וואַן (בייגט זיך טעאַטראַליש, מאַכט מיט'ן האַנד) איך וואַהר א מאַהל א קינסטלער, א מאַכער, יעצט בין איך א קבצן, א שוואַכער, ווער עס האָט פון אייך געהירען, דער וועט מיך געוויס טראַקטירען. חע־חע (בייגט זיך).

ד ז י אַ ב ל י ק: ער איז אַ פּאָעט, יו נאָ, ער זאָל זיין אַ ביזנעס מאַן וואָלט ער געוויס געוועזן אַ פּראָמינענטער מען... ער וואָלט געקענט שרייבען גוטע סאָנגס, ווי מעק־פּעטריק אָדער ווי דער דייטשער שרייבער, יו נאָ, ווי איז זיין נאָמען, ניט ביסמאַרק, יו נאָ, דער אַנדערער, וועל, גרויסער קינסטער, ווילסטו אַ קאָפּ קאַפּע?

ק י נ ס ט ל ע ר: חע־חע, קאפע, טרינקט אַן אפע, ברענדי איז זיס ווי קענדי, און וויסקי וואַרעמט די קישקע. (אַלע לאַכען, חאַ־חאַ־חאַ!)

ד ז י אַ ב ל י ק: וועל, העי, גיט אהער אַ וויסקי! (ווינקט צו די אַנדערע) טייק אַ סיעט פּליעז, איט'ל בי אָל־רייט, יו נאָ (ער שטעלט איהם אַ ביינקעל, דער אַלטער וויל זיך זעצען, דזיאַבליק כאַפּט אוועק דאָס בענקעל, דער אַלטער פאַלט, אַלע לאַכען). אָלד מען, וואַט איז דהי מעטער, איהר פאַלט גאָר, חאַ־חאַ־חאַ!

ק י נ ס ט ל ע ר: (מאַיעסטעטיש) יאַ, איך בין שוין לאַנג גע־פאַלען, עס וואַהר איין צייט, ווען ניעמאַנד האָט זיך געקענט ערלויבען מיט מיר אַ שפּאַס צו מאַכען (קלאַפּט מיט'ן שטעקען) ווען יעדער שופט, יעדער לומפּ האָט ניט געוואַגט...

ד ז י אַ ב ל י ק: וואַט איז דהי מעטער? וואָס זייט איהר בייז? אַי דיד נאַט מין טו הוירט יו, יו נאָ.

ק י נ ס ט ל ע ר: איהר זייט א... ע... ע... (מען דערלאַנגט איהם בראַנפען) מיינע הערען, מאַכט שפּאַס, איך זעה שוין מיט ווײַן אַ גלאָז, אהער צו מיר, פלינק, איך שטאַרב, איך וויל אַ טרינק (טרינקט זשעדנע, זיינע הענד ציטערען).

ד ז י אַ ב ל י ק: חע־חע־חע, מיינע הערען (ווינקט) גלויבט איהר וואַרשיינליך, דאָס דיעזער אַלטער באָמער וואַהר איין מאַהל

איין ארטיסט, און בעריהמטער אקטיאָר, זאָל ער אונז עטוואָס פאָר־טראגען, זאָל ער צייגען זיין קונסט, יו נאָ.

ק י נ ס ט ל ע ר: אויב איהר ועט שווייגען, מיין קונסט וועל איך אייך צייגען, איך וועל אייך אַמוזירען, און איהר זאָלט מיך טראַקטירען, ווען איהר טרינקט א גלעזעל, ווערט רויט אייער נעזעל, די געדאַנקען פליהען הויך, און גראד אזוי ווי רויך, פערשווינדען אלע צרות, און איהר שלאָגט מיט די כפּרות, וועלכע מאכען דיך צום נאר, און צאָהלען ביי דער באר. חא־חא־חא, נאָך איין גלעזעלע (נייגט זיך צו דזיאָבליק׳ן).

ד ז י א ב ל י ק: אָל רייט! עי, גיט אהער נאָך א וויסקי. העי, טרעמפּ, דו קריגסט נאָך א סיגאר אויך, ווען דו וועסט אונז איינע שעהנע קאָמעדיע שפּיעלען, יו נאָ, א דראמא מיט סאָנגס, דזשואיס סאָנגס מיט א טענצעל פון א אידישע טראַגעדיע, עטוואָס בורלעסקאַ, יו נאָ, און אויך צום וויינען, אָ, סעי, זינג אונז... הא דו יו קאָל איט ע... ע... יעס באָבקעלעך, יו נאָ, הייסע באָבקעלעך, הייסע (ער זינגט איהם פאָר אביסעל דעם מאָטיוו, דורך דער צייט ברענגט מען בראנפען).

ק י נ ס ט ל ע ר: (טרינקט) עטוואָס בורלעסקאַ, פון א אי־דישע טראגעדיע, באָבקעלעך, יו נאָ, אָלרייט, באָבקלעך יו נאָ, האָכ־געשעצטעס פובליקום אונד גרויסע שעצער דער קונסט באָבקעלעך! קריטיקער און מבינים, אָלרייט סער, באָבקעלעך, חא־חא, א דראמא מיט סאָנגס, ווי איהר ווינשט מיין הערר באָבקעלעך, יעס אָלרייט (זינגט) ניין... נישט דאָס, איך ליעב עס נישט (בעגייסטערט) שטעלט אייך פאָר יהודית אין שוין פערגיפטעט, זי שטאַרבט, אוריאל אקאָס־טאַ שטעהט נעבען איהר אין פערצווייפלונג, דאָ קומט זיין נעבען בוהלען, זיין פריינד, זיין פערהאסטער בן יוחאי (ער שפּיעלט) נאָ וואָרום שטעהסטו, קאָם הער און טרעטע מיך נאָכאמאָהל מיט דיינע פיעסע נעבען דיעזען אַלטאַר דאָ! אָ, דו האסט יעצט איין שלעכ־טעס געשעפט געמאכט, דו האָסט געדענקט פיר געלד, פיר באנק־נאָטען איין מענשענס הערץ קויפען, ניין, ניין, דאָס הערץ ווערט ניט פער־קויפט (פאָלט צו דער ערד) זי איז טויט! טויט! שלאָף רוהיג, מיין זיס קינד... מענשען, איך בעט ביי אייך חסד של אמת, זאָלען מיינע ביינער נעבען איהר קבר רוהען, עס קען זיין אמאָל וועט מען געפינען מיין אלטע צובראָכענע מצבה, און יעמאַנד ווירד פיליכט זאגען דאָ

ליגט איין אונגליקליכער, (טרעהרען שטיקען איהם) וועלכער האָט זיך זיין גאַנצעס לעבען געפּלאָגט, געזוכט די װאַרהייט און איז ווי אַ נאַר געשטאָרבען (וויינט שטאַרק, אַלע בלייבען ערשטוינט. פּויזע. ער בלייבט ליגען אויף דער ערד, פּערדעקט זיין געזיכט).

דזיאַבליק: בראַוואָ! פיין, וועררי גוט (אַפּלאָדירט) איז דאָס פּראָם שעקספּיער'ס פּלעי, אי רעמעמבער עדווין בוטה האָט דאָס זעלבע אין האַמלעט געשפּיעלט, יו נאָ! ער קומט פאָר ווי אַן אַלטער דזשו און וויל ביי זיין געליעבטער אויסשניידען אַ פונט האַרץ; אי נאָ, איט'ס פיין, שש... שאַ... (ווינקט) מיר וועלען באַלד האָבען פאַן! קיפּ קוויעט (נעהמט אַ צייטונג, שפּילעט צו צום אַלטענ'ס רוקען) שטעהט אויף אַלד מען (העלפט איהם אויפשטעהן) האַ־האַ־האַ! (לאַכט שטאַרק; אַלע לאַכען מיט).

קינסטלער: (זעצט פאָר זיין געדאַנק) יאַ, זיין גאַנצעס לעבען זיך געפּלאָגט און געשטאָרבען ווי אַ נאַר, האַ־האַ־האַ! איהר לאַכט, אוריאַל אַקאָסטאַ שפּיעלט ביי אייך אין שעקספּיער'ס פּלעי האַמלעט, און שניידט אוים ביי שיילאָק'ען איין פונט סטייק, איהר זייט די מבינים, די קריטיקער, די פערעהרער דער קונסט, און איך! וואָס בין איך, אַ געשטאָרבענער קינסטלער, אַן אָבגעניצטער גאָט, וועלכען מען האָט ארונטערגעשמיסען פון זיין אַלטאַר, יאַ אַלטאַר, די ביהנע איז געוועזען מיין אַלטאַר, מיין מזבח, מיין קדשי קדשים, איין מעכ־טיגע קראַפט האָט מיר געצויגען צום טהעאַטער, מיין גאַנצעס לעבען איז געוועזען אויף דער ביהנע. די נאַטור, גאָט אַליין האָט מיך בע־שענקט מיט אַנדערע געפיהלען, מיין ליעבע צו דער קונסט איז אָבער געוועזען שטאַרקער פון אַלע געפיהלען, געגען מיין ווילען האָט עס מיך געצויגען, גליקליך געמאַכט, (אויפגערעגט, פּערוואונדערט) עי, וואָס מיינט איהר, איך האָב קיין שכל ניט געהאַט צו זיין אַ סאַלון־קיפּער? אָדער אַזאַ שווינדלער, ווי איינער פון אייך? איך האָב אָבער ניט גע־קענט, וויי־ל... נו ווייל איך ווייס אַליין ניט ווער עס האָט מיך אַזוי אונגליקליך געמאַכט, און זאָ פיעל ליעבע צו דער ריינער, געט־ליכער קונסט מיר געגעבען! אָ, עס וואַהר איין צייט ווען מיט דעם פייער וואָס עס ברענט אין מיר, האָב איך געקענט אָנצינדען טויזענ־דער הערצער, ווען מיט מיין בעגייסטערונג האָב איך געקענט די גרעסטע אוידיטאָריאומס, און היינט בין איך אַ געשטאָרבענער קינסט־

לער, אַן ארויסגעוואָרפענער שוישפּיעלער, איך שפּיעל יעצט דאָ אין סאַלון פאַר אייך פאַר אַ נדבה, אַ גלעזעל שנאַפּס. דאָ איז איצט מיין ביהנע, דאָ! ניט דאָרט! מען דאַרף מיך ניט איצט, ווייל לעמפּלעך מיט מאַשינעריי קענען פערבייטען אַ לעבעדיגען שוישפּיעלער מיט טאַלאַנט, מען דאַרף מיך ניט, ווייל אַן אַקטיאָר מיט טאַלאַנט איז יעצט איין איבעריגע לאַסט פאַר יעדען. מיינע בעסטע יאָהרען האָב איך אָבגעגעבען דער אידישער ביהנע, אַלע מיינע קרעפטע געאָפּפערט, איך האָב טריי געדיענט דער קונסט, ערפילט מיינע פליכטען, און יעצט (טרעהרען שטיקען איהם) אַן אַלטער, אַן אָרעמער, אַן עלענדער, אַ פערגעסענער לעבעדיגערהייד, אַ געשטאָרבענער וואַנדער איך אום פון שטוב צו שטוב, און זוך ווער וועט מיך טראַקטירען מיט אַ גלע־זעלע בראָנפּען. ווער וועט דעם אַלטען טרעמפּ געבען אַ ווינקעלע וואו אנידערצולייגען זיינע אַלטע, קראַנקע ביינער. און געוויס, ווען עס איז אין אַ קאַלטער ווינטער נאַכט וועט מען מיך געפינען נעבען אַ סטופּ, אָדער אַ לעערען יאַרד, אַ פערפראָרענעם (וויינט. ווידער מיט'ן פריהערדיגען טאָן) חאַ־חאַ־חאַ! וואָס איז, איהר ווילט איך זאָל אייך אַמוזירען? אייך געפעהלט באָבקעלעך? אָלרייט, הייסע באָב־קעלעך, הייסע... (זינגט מיט אַן איראָנישען שמייכעל און שטעקט יעדען אונטער'ן נאָז זיין הוט, וואו מען וואַרפט איהם סענטען. ער געהט מיט'ן הוט אויסגעצויגען ביז צו דער טהיר און זינגט) הייסע באָבקעלעך, יודעלעך, היים!

(דזשאַבליק מאַכט אַ גנב'ישע מינע און רופט מיט'ן ווינק די גאַנ־צע קאָמפּאַניע. זיי גנב'ענען זיך אַלע שטיל און לאַנגזאַם נאָך איהם, אַלע אָב.)

(פּ אָ ר ה אַ נ ג.)

דריטער טהייל

זי וויל ניט דעם שידוך

א דראמאטישע סצענע אין איין אקט

פון יעקב גארדין

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פּובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

זרח מאזאַליעס, אַ געזונטער, רויטער בעסאַ־ראַביער איד, 50 יאָהר אַלט.
חמאַליע, זיין טאָכטער.
דאָקטאָר שטיוועל, ניט לאַנג געענדיגט קורס, אַ ליטוואַק, טראָגט דונקעלע ברילען און איז זעהר קורצזיכטיג.
(די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ קליין בעסאַראַביש שטעדטעל).

(זרח׳ס הויז בעל־הבית׳יש מעבלירט)

זרח: (אליין) נו, דאַנקען און לויבען דעם השם יתברך, עס געהט ווי געשמירט... כע, כע! מען קען זאָגען, עס געהט אַזוי ווי אַ מאַמאַליגע געטונקט אין פּוטער גליטשט זיך אליין אין האַלז אריין... דאָס הייסט יאַ: מיט איין פּאַטש דער׳הרג׳ענען צוויי פליגען. ראשית, וועל איך האָבען אן איידעם אַ דאָקטאָר, אַ יאַ, דאָס איז שעהן? שנית, וועלען מיר אַלע מקנא זיין, די אויגען וועלען זיי ארויס... אַ יאַ, דאָס איז גוט? און שלישית — ווי איך פּטר נאָר אראָפּ מיין טאָכטער פון קאָפּ, האָב איך אליין חתונה... אַ יאַ, דאָס איז אויך ניט שלעכט? ביי אונז אין בעסאַראַביע, אַזאַ יונגער, געזונטער אַלמן ווי איך, ווערט אויפגעכאַפּט ווי אַ געשמאַקע גאַרשיצע... אַזוי הייסט עס: מיין טאָכטער, מיין חמאַליע, וועט זיין אַ מאַדאַם דאָקטאָרשע. פאַר וואָס ניט? אַמאָל איז אויף די דאָקטוירים געוועזן אַ יקרות... ביליגער ווי פאַר צוואַנציג טויזענד האָט מען גאָר ניט געקענט קריגען אַ חתן, איצט איז אויף זיי דער פּרייז געפאַלען, און איך, זרח מאַזאַליעס, קען זיך פערגינען אַ שידוך מיט אַ דאָקטאָר „מיט די צייהן“... כע, כע! ער נעהמט גאָר ניט איבער. וויפיעל מע גיט, נעהמט ער... די כלה האָט ער נעכטען געזעהן און זי געפעלט איהם... היינט קומט ער נאָך אַמאָל און שרייבען תנאים. ער זעהט אפילו אוים צו תם׳עוואַטע און איז, לא עליכם, אַ גרויסער קבצן, אָבער דאָך אַ דאָקטאָר. ניש קשה, ער איז נאָך אַן אינגעל, ניט לאַנג געענדיגט קורס און איז ביי אונז אין

בעסאַראַביע אַ נייער מענש — ער וועט חתונה האָבען, וועט ער ווע־רען אַ מענש, און וועט זיך אויסלערנען, ווי אַלע דאָקטוירים, צו שינ־דען פון טויטע און פון לעבעדיגע... איין חסרון — ער איז אַ ליט־וואַק. מיר זאָגען: בילקע — און ער זאָגט: בולקע... און וואָס מיר האָבען ליעב, האָט ער — האַלט... אָבער וואָס איז דער חילוק... דאָך אַ דאָקטאָר!... ער וועט באַלד קומען. מען דאַרף געהן אין קעלער אָנצאַפּען אַ פּאָר קריגלעך ווייִן. עי! חמאַליע! האָסט פאַרטיג די קאַרנאַצלעך? דער דאָקטאָר קומט באַלד! (נעהמט פון טיש צוויי קרו־גען, אב.)

ח מ אַ ל י ע: (בייז) קאַרנאַצלעך? אַ מכה! מיר געפעלט ניט דער שידוך... ער זאָל אַפילו זיין אַ דאָקטאָר ווי עס געהער צו זיין, וואָלט איך זיך נאָך אויך גערארפט פריהער גוט איבערלייגען... ווייס איך, ווערען אַ דאָקטאָרשע אין מיטען דרינען... שטענדיג האַל־טען זיך ווי זאָל דערשלינגען אַן ארשין, שטייף, ציערליך־מאַניערליך... קיס, קיסי, קיסאָ! ווער רעדט נאָך אַזאַ דאָקטאָר — ניט קיין דער־בראָטענער פריגעראַי... וואָס דאַרף איך אַזאַ שלימזל? מיר געפעלט בעסער יענקעל האַטארולעסקאָ... מיט איהם קען מען אַ שטיף טהאָן די ביינער זאָלען טרעשצען, און ביים דאָקטאָר וועט אַלץ זיין מיט אַ רעצעפּט... ניין, איך וויל ניט דעם שידוך... מיט'ן טאַטען קריגען זיך וויל איך ניט, אָבער איך וועל שוין זעהן מאַכען אַזוי, אַז דער דאָקטאָר זאָל זיך אַליין אָבטראָגען. (אַ גערויש) אהאַ! מע געהט... האָסטו געהערט אביסעל! איך וויל אַ חתן — גיבען זיי מיר אַ מעדיצין... איך וויל ניט אַזאַ שידוך! (אב).

(זרח קומט אריין מיט צוויי קרוגען וויין, נאָך איהם דער דאָקטאָר).

ז ר ח: יאָ, יאָ, הערר דאָקטאָר, קומט אריין! איהר זעהט דאָך, מיר ריכטען זיך אויף אייך... פון אייערט וועגען ערשט אָנגעצאַפּט צוויי אָקעס וויין... זיצט...

ד אָ ק ט אָ ר: וואָס? פאַר מיר צוויי אָקעס וויין? דאָס איז גוט! אַן אָקע איז דריי קוואַרט... צוויי אָקעס איז זעקס קוואַרט...

ז ר ח: מיר טרינקען דאָ אין בעסאַראַביע וויין ווי וואַסער... מע וועט אונז באַלד געבען קאַרנאַצלעך... מען קייט און מע זופּט...

ד אָ ק ט אָ ר: (צו זיך) איך האָב מורא, זיי זיינען דאָ אַלע אַלקאָהאָליקער און אַפּאָפּלעקטיקער... דאָס געהט איבער פון איין דור

צום אַנדערען, פון עלטערען צו קינדער... (הויך) האָט אייער טאָכטער אויך א חשק צום טרינקען?

ז ר ח: איך ווייס ניט, אויב זי האָט א חשק, אָבער זי זופט צו ביסלעך... ווער רעדט, אז זי עסט א פעטע מאמעליגוצע... נאָך א פשוט'ע מאמעליגע דורשט ניט אזוי ווי נאָך א מאמעליגוצע, וואָס איז אין פוטער מיט ברינזע... איהר ווילט א טרונק? זופט גלייך פון קריגעל, אָט אזוי ווי איך. (ער זופט פון איין קרוג).

ד אָ ק ט אָ ר: (צו זיך) מיינע קינדער וועלען מוזען זיין אזעלכע זולל־וסובא'ס ווי די אַלע רומענער און בעסאראביער אידען... אָבער מע דארף זעהן, צי האָבען זיי ניט אין דער משפחה נאָך אנ־דערע חלאת'ען... קינדער ירש'ענען דאָס פון זייערע עלטערען און עס געהט איבער פון איין דור צום צווייטען... הערר מאזאָליעס, אייער פערשטאָרבענע ווייב איז געוועזן אייער טאָכטער'ס מוטער?

(חמאַליע עפענט שטיל די טהיר און הערט זיך צו).

ז ר ח: א שאלה, ווי איך בין א איד.

ד אָ ק ט אָ ר: האָט זי געשטאַמט פון א געזונטער משפחה? ווארום פון עלטערען געהט איבער צו קינדער און פון איין דור צום אנדערען... איך וויל מיינע קינדער זאָלען געבוירען ווערען ווי די מע־דיצין פאָדערט.

ח מ א ל י ע: (שטיל) ער שרייבט שוין א מעדיצין פאר זיי־נע קינדער...

ז ר ח: איך ווייס ניט, ווי אזוי קינדער ווערען געבוירען נאָך דער מעדיצין, אָבער אין מיין משפחה און אין מיין ווייב'ס משפחה זיינען קינדער שטענדיג געבוירען געוואָרען, ווי זיי דארפען געבוירען ווערען... אזוי ווי ביי אַלע מענשען, אזוי ביי אונז... איך פערשטעה ניט, נאָך וואָס פרעגט איהר דאָס?

ד אָ ק ט אָ ר: קינדער ירש'ענען די אַלע זאכען פון זייערע על־טערען און עס געהט איבער פון איין דור צום אנדערען... איז אייער פערשטאָרבענע ווייב געוועזן א קרענקליכע?

ז ר ח: געוועזן געזונט ווי אַן אייוועען.

ח מ א ל י ע: (שטיל) איך וועל איהם שוין דערצעהלען, וואָס זיינע קינדער וועלען ירש'ענען (אב).

ד אָ ק ט אָ ר: טאָ פון וואָס איז אייער ווייב געשטאָרבען?
ז ר ח: פון'ם טויט.
ד אָ ק ט אָ ר: יאָ, אָבער פון וואָס איז דער טויט געקומען?
ז ר ח: איהר זאָלט עס ניט וויסען?!... דער מלאך המות קומט און זאָגט, מע דארף שטארבען — שטארבט מען... טויט קומט פון מלאך המות. אָבער, ווייס איך, איך בין ניט קיין געלערנטער אין אזעלכע זאכען, רעדט בעסער מיט מיין חמאליע'ן... זי האָט געהאט לעהרערם און לעהרערקעס... איהר האָט זי פערהערט אין פראָנצויזיש? זי איז אין פראַנצויזיש ווי ביי זיך אין דער היים... קען אינגאנצען אויסוועניג ווי אשרי יושבי ביתך... איהר וועט אפשר עסען אַ שטיקעל קאָטשקאָוואַל? דאָס מאכט דורשט צום וויין... חמאליע, וואו ביזטו, חמאליע? (אב, אין דערזעלבער טהיר ווי חמאליע איז פערשוואונדען).
ד אָ ק ט אָ ר: (אליין) איך דארף טאקע נויטיג די פּאָר גראָשען און מוז טאקע חתונה האָבען, אָבער מע דארף זיך גוט ארומקוקען... אפשר לעבט זייער משפחה אונטער'ן איינפלוס פון דעגענעראַציאָנען... קינדער ירש'ענען אלע זאכען פון זייערע עלטערען און עס געהט איבער פון דור צו דור... (אַ גערויש) און אַט קומט מיין כלה... זעהט זיך אָן צו זיין אַ געזונט מיידעל — און אפשר האָט זי עפּעס אַ זאַך וואָס זי האָט גע'ירש'ענט פון איהר מאמע אָדער פון איהר טאטען. (חמאליע קומט) פרייליין חמאליע, מיר טהוט הנאה אייך ווידער צו זעהן...
ח מ א ל י ע: מיך פרעהט עס אויך, הערר דאָקטאָר שטיוועל... אי, זאָגט, פאר וואָס איז אייער פאמיליען־נאָמען שטיוועל?... אייער פרוי וועט מען רופען מאדאם שטיוועל...
ד אָ ק ט אָ ר: פאר וואָס איז מיין פאמיליען נאָמען שטיוועל? נו, פאר וואָס איז אייער נאָמען מאזאָליעס? (לאַכט) מאזאָליעס — דאָס איז היהנער־אויגען, בע, כע! מאזאָליעס קענען קומען פון שטיוועל אָבער שטיוועל פון מאזאָליעס קענען ניט קומען... (ערנסט) איך וועל אייך זאָגען דעם אמת... איך שעם זיך ניט: מיין טאטע איז טאקע געווען באַן אונז אין דרויע אַ שוסטער...
ח מ א ל י ע: (קרימט איהם נאָך) באַן אונז!...
ד אָ ק ט אָ ר (לאַכט) באַן אונז זאָגט מען: באַן אונז — און

ביי אייך זאָגט מען „באַן אינו“.. נאַרישקייטען, דאָס איז זשאַרגאָן און דאָס איז זשאַרגאָן... באַן אונז אין שטוב וועלען מיר רעדען רוסיש... איך וועל אייך ניט רופען חמאַליע... איך וועל אייך רופען אמאַליע, דאָס איז בעסער?

ח מ א ל י ע: (מאַכט זיך נאַאיוו) וואָס איז בעסער?

ד אָ ק ט אָ ר: אמאַליע איז בעסער פון חמאַליע.

ח מ א ל י ע: פון וואַנען זאָל איך וויסען?

ד אָ ק ט אָ ר: זאָגט מיר, פריילין אמאַליע... (זי מאַכט זיך אַז זי הערט ניט) פריילין אמאַליע! (זי הויבט ניט אויף דעם קאָפּ) איך רעד דאָך צו אייך...

ח מ א ל י ע: צו מיר? און איך האָב געמיינט, אמאַליע איז אַן אַנדערע.

ד אָ ק ט אָ ר: זאָגט מיר, פריילין, קורירט איהר אייך אָפט?

ח מ א ל י ע: ניין, איך קוריר זיך נאָר ווען איך בין קראַנק...

ד אָ ק ט אָ ר: זייט איהר אָפט קראַנק?...

ח מ א ל י ע: ניין, איך בין קראַנק נאָר ווען איך בין ניט געזונט...

ד אָ ק ט אָ ר: (צו זיך) וואָס איז די מעשה? נעכטען איז זי דוכט מיר געוועזען קליגער... (הויך) פריילין, ענטשולדיגט, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען: דאָ, אין בעסאַראַביע און רומעניע טרינקט מען וויין א סך... איהר טרינקט אויך א סך?

ח מ א ל י ע: ניין, ניט קיין סך... צוויי־דריי אָקעס א טאָג... איך האָב ליעב עסען קאַטשקאַוואַל און פערטרינקען מיט וויין, פּעטשאַ סעראַטאַ און פערטרינקען מיט וויין; קנאַקען ניט און פערטרינקען מיט וויין, מאַנדלען — פערטרינקען מיט וויין.

ד אָ ק ט אָ ר: (צו זיך) אַלע סימפּטאָמען פון אַלקאָהאָליקער. אמאָל איז דער מוח פריי און אמאָל איז דער מוח פערשטאָפּט (הויך) זאָגט מיר, איז ביי אייך אין דער משפחה דאָ שווינדזיכטיגע, ראַחיטיקער, זאַלאָטושנע?

ח מ א ל י ע: נאָך וואָס פרעגט איהר דאָס?

ד אָ ק ט אָ ר: מע דאַרף אַלעס וויסען, וואָס אין דער משפחה... קינדער ירש׳ענען אַלע זאַכען פון עלטערען... עס געהט איבער פון איין דור צום צווייטען...

חמאליע: יא! ביי אונז אין דער משפחה איז דאָ אַלעס, וואָס עס איז דאָ אין אַנדערע משפחות.... איך האָב אַ קוזינע אין קעשינעוו, שטודירט זי אויף אַפּטייקער; און מיינס אַ פריינטעל אין יאַססע איז אַ סעקרעטער פון דער חברה בני ציון און איז שוין צוויי מאָל געווען אין ארץ ישראל... איהר זייט געווען אַמאָל אין ירושלים? מע זאָגט, דאָרטען איז אויך דאָ גוטער וויין און מע רעדט לשון קודש... הערר דאָקטאָר, איהר קענט מיר פערשרייבען אַ רעצעפּט פון קלייען?... מיין גליעד־שוועסטערקינד חאַסיע מאַזאָליעס האָט עס... אַלע זומער שלאָגען זיך איהר אוים אויפ'ן פּנים געלע קלייען.... זאָגט מיר, איך בעט אייך, קלייען געהען אויך איבער פון איין דור צום אַנדערען?

דאָקטאָר: (צו זיך) זי איז נעבעכטען ניט געווען אַזאַ פּראַ אָדם.

חמאליע: הערר דאָקטאָר, עס איז אַן אמת, מע זאָגט אַז מאָגען־קראַנקהייטען קומען דערפון, וואָס מע שלאָפט מיט אַן אָפענע מויל? דערפאַר ווען איך שלאָף, פערבייס איך די ליפּען מיט די צייהן און דעם נאָז בעגראָב איך טיעף אין קישען אריין...

דאָקטאָר: אַזוי שלאָפען איז אומגעזונט... אויב מיר וועלען חתונה האָבען, וועל איך אייך אָבגעוועהנען פון אַלע אונגעזונטע געוועהנהייטען...

חמאליע: איהר וועט מיך לערנען, ווי מע דאַרף שלאָפען?... דאָס קען זיך נאָר אַ דאָקטאָר פערגינען.... זאָגט, עס איז אַן אמת? מע זאָגט ביי יעדען ליטוואַק איז דאָ אַ צלם אין קאָפּ? דערפאַר רופט מען זיי צלם־קעפּ?...

דאָקטאָר: און באַן אונז זאָגט מען, אַז דאָ איז באַן אייך אַלע אַנשטאַט מאַרך — ווייכע מאַמעליגע אין קאָפּ... ע! פריילין, גלויבט ניט אין נאַרישקייטען, מענש איז אומעטום מענש און מאַמעליגע איז מאַמעליגע...

חמאליע: אַז מיר וועלען זיך קריגען, ווי אַזוי וועל איך אייך דאַרפען שעלטען, אַזוי ווי באַן אייך צי ווי ביי אונז?... באַן אייך שעלט מען: אַ קלאָג צו דיינע ביינער! אַ צרה אויף דיין קאָפּ! אַ מיתה מהומה אויף דיר! און ביי אונז זאָגט מען: פער'שרפ'עט זאָלסטו ווערען! אַ מכה דיר אין פּיסק! אַ מיתה משונה זאָל אויף דיר קומען!...

ד אָ ק ט אָ ר : (צו זיך) אַ שעהנע פּערספּעקטיווע! (הויך) פריילין, איך האָב ביי מיר אין שטוב וועל איך ניט הערען קיין קללות. איך האָב דאָס ניט ליעב...

ח מ א ל י ע : איהר האָט עס ניט ליעב? אָבער קאָרנעצלעך וועט איהר עסען? וואו איז עס דער טאַטע?... איין מינוט... (געהט. רעדט צו זיך) דער טאַטע איז מסתמא ווידער אין קעלער, און איך וועל איהם דאָ דערוויייל אַ ביסעל משוגע מאַכען. דער בלינדער, ער זעהט דאָך ניט, וואָס ביי איהם אונטער׳ן נאָז טהוט זיך... אי, אַזא מאַן קען פערנודיען צום טויט... ניין! איך וויל ניט דעם שידוך... ניש־קשה, ער׳ט שוין ביי מיר איבערגעהן פון איין דור צום אנדערען. (אָב).

ד אָ ק ט אָ ר : (אליין) איך האָב נעכטען גאָר ניט בעמערקט, אַז זי איז אַזא פּרא אדם, אָבער אַ ברירה האָב איך? שוין ניין חדשים געענדיגט קורס און האָב ניט קיין פּראַקטיקע, כאָטש לעג די צייהן אויף דער פּאָליצע... און די גאַנצע מעדיצין פערגעסט זיך. (נעמט אַרויס אַ ביכעל, טראַכט) נאַטרום בראָמע... קאַפּפּעין ציטריק... הם... למשל, אַ קראַנקער קלאָגט זיך, ער קען ניט שלאָפען? נו, פערשרייב איך איהם כינין און פושוואַס דאָוועדס... אי, ניין! דאָס איז גאָר פון שווי־צען... אַן אנדער פאַל... אַ קינד... הם... פערשרייב איך קאַלאָמעל (שרייבט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער. אַ געררויש) אי, מע געהט... (בע־האַלט דאָס פּאַפּירעל אין בוזעם־קעשענע) זי וועט ביי מיר ווערען אַ שטיקעל מענש... דאָך 15 הונדערט נדן... אַ משפחה... שוין דאָ איי־גענע פּאַציענטען... אי וועה, מיר דוכט, איך האָב דעם קינד פערשרי־בען אַ צו גרויסע דאָזע קאַלאָמעל. (זוכט דאָס פּאַפּירעל) ביי אַזא טעות קען מען אונגליקליך ווערען. (זוכט, חמאַליע קומט פון דער אוני־בערער טהיר פערקליידעט פאַר אַן אַלטער פרוי).

ח מ א ל י ע : גאָט העלף אייך! וואו זיינען זיי? גאָר ניטאַ? וואו איז עפּעס ר׳ זרח?

ד אָ ק ט אָ ר : פאַר אַ קינד פון זעקס חדשים איז גענוג אַ דאָזע קאַלאָמעל פון... זיי וועלען באַלד קומען... אפשר וואָלט איך בעסער גאָר אין גאַנצען קאַלאָמעל ניט פערשריבען?

ח מ א ל י ע : איהר זיינט דאָס דער דאָקטאָר וואָס שדכנ׳ט זיך צו זיי? אי, זאָל נאָט געבען מיט מזל... איך בין אַ שכנה... קען זיי אַלע נאָך פון די ווינדעלעך... חמאַליען, האָט קיין פעראיבעל ניט, האָב איך נאָך געקענט, ווען מיט איהר פלעגט זיך אַלע נאַכט טרעפען

א סיבה... אי, אלטע, גוטע פריינד... איך ווייס, אייער כלה וועט דאָך פאַר מיר ניט נעהמען קיין זיבען זעק באַרשט...

ד אָ ק ט אָ ר : אזוי? איהר קענט זי פון לאַנג? איז ביי זיי ניטאָ קיין קראַנקהייטען אין דער משפחה?

ח מ א ל י ע : אוי, אלע געזונט — אייזען... זיי קרענקען גאָר ניט... אלע אזוי — טראַך און געשטאָרבען... חמאליע'ס זיידע, עליו השלום, איהר עלטער־זיידע, אלע אזוי — טראַך און שוין אויסגעצויגען די פיס... אזא טויט רופט מען פּאַפּלעקסיע... אי! א גרינגער טויט!... טאַטע זיסער, אזוי ווי צדיקים שטאַרבען זיי דאָך... טראַך און שוין!...

ד אָ ק ט אָ ר : אפּאָפּלעקטיקער! איך האָב פריהער געזעהן אלע סימפּטאָמען... נו, און דאָס מיידעל?...

ח מ א ל י ע : אוי, אזא יאָהר זאָלען מיר שוין ביידע האָבען... איידער איהר האָט זיך גע'שדכנ'ט, האָבען אלע גערעדט אין שטעדטעל, זי האָט יאקבי חתונה פאַר יענקעלע האטארולעסקא... דעם אָקסענהענדלערס זוהן... מע האָט געזאָגט, עס האַלט שוין ביי זיי גאַנץ ווייט... העט! העט! צום סוף לאָזט זיך אויס, א דאָקטאָר גאָר... אָי, זאָל גאָט געבען מיט מזל... א גוט קינד, א כשר קינד... און דערצו נאָך אן אייגענעם מאַן א דאָקטאָר, וועט איהר אפשר השם יתברך העלפען, און וועט פאַר איהר נעבעך געפינען א רפואה שלמה... אי, הלואי, רבונו של עולם!... א פיין קינד, אן עהרליך קינד, און ווער, חלילה, עס וויל זיך צון איהר צוטשעפּען, זאָל עס ביי איהם איבערגעהן צו דור דורות... אי, אין אונזערע צייטען האָט מען אזא חלאת גאָר ניט געטאָרט הײלען... נאָר היינטיגע צייטען...

ד אָ ק ט אָ ר : זי האָט א חלאת? וואס איז דאָס?

ח מ א ל י ע : ניין, חלילה, אזוי איז זי געזונט... נאָר אז עס קומט די צייט... אָרימע חמאליע נעבאך... איך בין דאָך איהר אן אמת'ער גוטער פריינד, און זינט איהר מאַמע עליו השלום איז געשטאָרבען, ווער איז איהר נעבאך אזא גוטער פריינד ווי איך? אָי, טאַטע זיסער, איהר וועט מיר גלויבען? איך האָב זי ליעב ווי זיך אליין!

ד אָ ק ט אָ ר : אָבער וואס איז דאָס פאַר א חלאת?

ח מ א ל י ע : זי איז ניט פאַר אייך געדאכט...

ד אָ ק ט אָ ר : זי איז ניט פאַר מיר געדאכט — וואָס?

ח מ א ל י ע : זי האָט, אוי, זי האָט די שווארצע קראנקהייט, דאָס פאַליגע, וועה איז מיר... דאָס פאַליגע... זי פאַלט (צו זיך) ווען יאנקעלע גיט זי אַ גוטען שליידער (תויך) פּיענע פון מויל... ניט פאַר מיר געדאַכט... דריגעט מיט די פיס... נאָר היינטיגע צייטען, אַ מאַן אַ דאָקטאָר... זאָל גאָט העלפען... טאַטע זיסער! אַי, וואו זיינען זיי אַלע? האָט אייך אַ גוטען טאָג און זאָל אייך אויך גאָט העלפען. (אָב.)

ד אָ ק ט אָ ר : (אליין) אזוי? דאָס פאַליגע? עפּילעפּסיע? האָבען קינדער עפּילעפּטיקער?! ניין, דאָס הייסט שוין יאָ די מעדי־ציין זאָל געהן געגען דער מעדיצין... דאָס וועט שוין זיין מעהר וויפיעל אפילו אַ דאָקטאָר אָהן פּראַקטיקע קען זיך ערלויבען... קינדער עפּי־לעפּטיקער!... נאָך דאָס פעהלט מיר! (אַ גערויש) אהאַ דאָ קומט זרח מאַזאַליעס... זי האָט עפּילעפּסיע? הם! מע זעהט ביי איהר ניט די סימפּטאָמען... אַ דיאַגנאָזיס צו שטעלען איז זעהר שווער (זרח קומט שכור׳לער).

ז ר ח : ע! איהר זייט דאָ נאָר אליין? און וואו איז די מחותנ׳עסטע?.... עי, חמאליע! דו פערשטעהסט, איך זיץ אונמיסטען אין קעלער און זי איז נאָר אַנטלאָפען... חמאליע!

ד אָ ק ט אָ ר : איהר דארפט אייך ניט בעמיהען!... איך ווייס אַלעס... די גוטע, נאַאיווע אַלטע פרוי האָט מיר אונשולדיגערווייזע ענטדעקט די שרעקליכע געהיימניסען...

ז ר ח : וועלכע גוטע פרוי? וואָסער קאַץ? וואָסער בער? וואָס מיינט איהר?

ד אָ ק ט אָ ר : אַלס עהרליכער מאַן האָט איהר מיר געדאַרפט זאָגען די ווארהייט... איך האָב אייך געפרעגט... פאַר וואָס האָט איהר מיר ניט געזאָגט, דאָס אייער טאָכטער האָט דאָס פאַליגע?

ז ר ח : מיין טאָכטער האָט ניט קיין פאַליגע, הערר דאָקטאָר... אַז מע וואַרפט זי ניט אום, פאַלט זי ניט... וואָס האָט זיך דאָ אייך גע׳חלום׳ט? האָט איהר ניט אַ זלאַיק געטהאָן פון קריגעל? (קוקט אין קריגעל אריין).

ד אָ ק ט אָ ר : אייער גוטע, עהרליכע שכנה האָט מיר אַלעס, אַלעס דערצעהלט. עפּילעפּסיע! דאָס איז עפּילעפּסיע! (חמאליע קומט, נאַאיוו, פערוואונדערט).

ז ר ח : חמאליע, ווער איז דאָ געווען? וואו האָבען מיר אַ שכנה עפּילעפּסיע?

ח מ א ל י ע : טאַטע, דאָ איז קיינער ניט געווען... הערר דאָק־טאָר, איך בעט אייך, בערוהיגט אייך... שפּעטער, ווען אַלעס וועט זיין געענדיגט, וועלען מירביידע אַזוי גליקליך זיין... און דעם פּאַפּא וועט עס אויך פרעהען... עס איז דאָך אַזאַ עהרע פאר איהם, אַזאַ כבוד... און איהר, הערר דאָקטאָר שטיוועל... אָבער, מיין גאָט...

ד אָ ק ט אָ ר : (נעהמט זיין הוט) דאנק אייך פאר'ן כבוד, פאר דער עהרע... איך וויל ניט האָבען קיין קינדער מיט דאָס פּאַליגע... איך וויל ניט...

ז ר ח : מיינט ניט, אַז איך שטארב... זאָל נאָר זיין געלט, כבוד וועל איך קריגען אָהן אייך... איך האָב געמיינט, ער איז נאָר תם'עוואַ־טע — ער איז טאַקע גוט משוגע!

ח מ א ל י ע : (פערדעקט איהר געזיכט און מאַכט זיך אַז זי וויינט) טאַטע, דער דאָקטאָר וויל ניט דעם שידוך! טאַטעניו, ער וויל ניט.. ער געהט אוועק...

ז ר ח : נאָר נעהם זיך ניט אַזוי צום הארצען... היינט אַ דאָק־טאָר איז ניט קיין גרויסע מציאה...

ד אָ ק ט אָ ר : קינדער ירש'ענען עס פון זייערע עלטערען און עס געהט איבער פון איין דור צום צווייטען....

ח מ א ל י ע : (וויינט כלומר'שט פערצווייפעלט): טאַטעניו, דו הערסט? קינדער ירש'ענען דאָס פון זייערע עלטערען און עס געהט איבער פון איין דור צום צווייטען... וואָס וועל איך איצט טהאָן? וואָס וועל איך איצט טהאָן?...

ד אָ ק ט אָ ר : איך האָב מיטלייד, אָבער איך קען ניט... (געהט).

ח מ א ל י ע : דו הערסט, טאַטעניו, מיין אונגליק? ער קען ניט! ער קען ניט! וואָס וועל איך, אָרימע חמאַליע, איצט טהאָן?

ז ר ח : שאַ, וועסט חתונה האָבען מיט יענקעלע חאטארולעסקא!

ח מ א ל י ע : (ווינקט פרעהליך מיט איין אויג און מאַכט זיך וויינענדיג) אי, קינדער, זאָגט ער, ירש'ענען דאָס פון זייערע עלטערען און עס געהט איבער פון איין דור צום צווייטען דור (צו זיך) איאַ, איך האָט געזאָגט איך וויל ניט דעם שידוך? איך דארף ניט קיין מעדיציו — איך וויל אַ חתן...

(פ א ר ה א נ ג)

אַ טראַגעדיע דורך שפּאַס

אײן־אַקטער

פון יעקב גאָרדין

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פּובליקום. צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פּערזאָנען:

מיסעס האָרינשטיין, אַן אלמנה, אַרום 50 יאָהר.
מיסס לינא האָרינשטיין, איהר טאָכטער, 18 יאָהר.
מאַקס דובינאָ(וויץ), 30 יאָהר.
אייזיק סאָלאָמאָן, מרס. האָרינשטיין'ס באָרדער, 40 יאָהר.
בעריל קנאָכען, אַ שמש ביי דער חברה אנשי טשאָבאָטא, וועלכער איז אויך
א שדכן און אן אגענט פון ציטרעס, 50 יאָהר.

(א צימער אין אן אָרימען טענעמענט הויז, אויפ'ן טיש ברענט א לאָמפּ).

מיסעס האָרינשטיין: (קערט מיט אַ בעזים) לינא, לינא, וויפיעל איז די קלאָק? זי הערט ניט. מסתמא האָט זי ארויס־געשטעקט דעם קאָפּ טרו די ווינדע. עס איז שוין געווים זיבען אקלאָק, און מיין באָרדער איז נאָך ניטאָ. א שעהנע ביזנעס... לינא איז גע־קומען פון שאָפּ נעבעך האַנגרי — גיב איהר סאַפּער; נאָכדעם קומט דער באָרדער — גיב איהם סעפּרעט. מען קען קיינמאָל ניט ווערען רעדי מיט דער ארבייט... אי! ווען וועט שוין מיר גאָט העלפען, איך זאָל זיך ניט דאַרפען באַדרערען מיט באָרדערס... איך וויים, אנדערע מיסעסען מאַכען זיך א גאַנצען ציִמעס פון באָרדערס; וואָס איי קער? אמת, מיין באָרדער איז טאַקע א גוטער באָרדער, אַ שטילער באָרדער, צאָהלט אין טיים, טהוט אַ פייווער, ווען מען דאַרף א גמלות חסד, דאָך עני האַו, עס איז אַ טראָבעל. (מען קלאַפּט אין טיהר) הו איז דאָרט? קאַם אין. (בעריל קנאָכען מיט אַ גרויסער באָקס אונטער'ן אָרעם).

קנאָכען: גוט איווונינג, מאַדאַם! מיין נאָמען איז מיסטער בעריל קנאָכען. איך בין א שמש און א קאָלעקטאָר פון דער קאָנגרע־גיישאָן חברה אנשי טשאָבאָטא, דאָס הייסט, איך בין כמעט אַ רעוו־רענד.

מיסעס האָרינשטיין: קאָנגרעגיישאָן טשאָבאָטא? — אָלרייט. א רעווערענד? — וואָס יו וואָנט?

ק נ אָ כ ע ן : וואו איז אייער מיסטער? איך מיין אייער האַז־באַנד?

מ י ס ע ס ה אָ ר י נ ש ט י י ן : איך בין אַ ווידאָו. פיער יאָהר ליעגט שוין מיין מאַן פון יענער זייט גרענד סטריט פעררי. אויב איהר דאַרפט איהם, קען איך אייך געבען דעם דירעקשען פון דער סעמעטערי.

ק נ אָ כ ע ן : אָל רייט! אַן אַלמנה דאַרף זיך מיט מיר געווים ניט פייטען; איך בין אַ שדכן, מיסיס. אזא לֵיידי ווי אייך חתונה מאַכען איז ביי מיר אַ שפּיי טאָן, כע, כע! מיסעס, איהר זייט נאָך אָלרייט; בעט מיך, וועט איהר נאָך חתונה האָבען, און איהר וועט נאָך אי״ה האָבען קינדער, וואַי נאָט?

מ י ס ע ס ה אָ ר י נ ש ט י ן : (לאַכט) קינדער? איהר זייט קרייזי? איך בין שוין אַלט 52 יאָהר... נאַר, איך וויים, אַ קשיה אויף אַמעריקאַ. זיצט, נעהמט אַ סיט. מיסטער, וועגען מיר דאַרף מען זיך ניט איילען, מיר וועלען נאָך צייט האָבען; אַט פאַר מיין טעכטעריל, מיין לינאַ... אַ ביוטי, אַ גוירל מיט אַלע רעפערען.

ק נ אָ כ ע ן : אָלרייט, וואַי נאָט? ע, הערט, קויפט ביי מיר אַ ציטרע, אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט. אין יעדער שטוב דאַרף זיין אַן אינסטרומענט — אַ פערגעניגען! עס נעהמט זיך און עס שפּיעלט זיך אַליין — אַ קוואָדער אַ וואָך! (נעהמט אַרויס די ציטרע) אַ וואָך נאָר אַ קוואָדער? „האום סוויט האום", „מיי קאַנטרי"... (זינגט) „ברינג די ניום טו מאַטהער"... איהר הערט? אַ קוואָדער אַ וואָך. דאָס הייסט, אויב איהר ווילט, מעגט איהר ניט צאָהלען אויך, איהר מופט אריבער און אוים. אָדער אַפּילו דאָ — דער קאָלעק־טאָר קומט, גיט איהם אַ מכה... זאָגט אַליין, איז דאָס ניט אַ מציאה? (זינגט) „ברינג די ניום טו מאַטהער..."

מ י ס ע ס ה אָ ר י נ ש ט י י ן : וואָס איז די מעטער מיט יו, געהט, געהט, אַלטער גנב! ניט צאָהלען? פאַר וואָס ניט? לינאַ, לינאַ, קום נאָר אַהער!... זי האַלט מסתמא דעם קאָפּ טרו די ווינדע און הערט ניט. אָט פאָלגט מיך, קריעגט פאַר איהר אַ שידוך, די בעס־טע ביזנעס איז אַ שידוך.

ק נ אָ כ ע ן : וואַי נאָט? אָבער זאָגט מיר נאָר, זי האָט ניט קיין פעלער? אין אַמעריקאַ האָט יעדע גוירל אַ מכה בצדה, דאָס הייסט אַ בחור אויפ'ן קאָרנער.

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ ש ט י י ן : איי וויל טעל יו... צו איהר האָט זיך איינגעגנאַדעט איינער, ער איז א פּייפּער־הענגער, א ניים פעלער מיט מאַסטעש... אָבער ער, פערשטעהט איהר מיך, איז נאָ גוד, בי־קאָז א וואָך האָט ער ארבייט, זיבעצעהן וואָכען שלאָגט ער הינט; אויף א באָל דזשאָמפּען אָדער אויף א מאַסקעררייד אָנטאָן לאַנגע זאָ־קען ווי אן עקטער — דערויף איז ער א בריה, אָבער קוקען אין תוך אַריין — א נאָטינג לייק עני טינג... אָך, ווען איהר פיהרט אוים מיט מיין באָרדער! א מאַן א געזעצטער פון א יאָהר פערציג, האָט סטעדי ארבייט און א שטילען כאַראַקטער: ער קען ניט העצקען דאַרטען „אָל־בערט טוויסט מיט" „מיט טו קיקס" און געהט אום טאַקע ווי א בער אויף לאַפּעס, באַט ער האָט א ביינק בוך מיט א שעהנע פּויטעקע, און איז א ווערי ניים מען... זיין נאָמען איז מיסטער אייזיק סאָלאָמאָן, — איהר קענט איהם ניט? ער ארבייט ביי פּאַר... דאָס איז א מאַן, איך וויים לכל הפחות, ער האָט סאָמטינג ביי הים. סעי מיסטער, איהר קענט כאַפּען פון אזא ביזנעס א שעהנע קאָמישאָן, וואָרים, איך זעה, ער נעהמט איין נאָך מיין לינא'ן די כפּרה, און אליין שרכ'ענען זיך האָט ער מורא, ער איז ניט פון די דאַזיגע, וואָס שרכ'ענען זיך אליין...

ק נ אַ כ ע ן : וויבאַלד ער האָט מאַני, איז אָלרייט. איך וועל דאָס פיקסען אין א מינוט... אין חתונה ביזנעס געהט עס ביי מיר האַריאַפּ, איך וועל טרייען. (א גערויש).

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ ש ט י י ן : שש! מיין לינא געהט, פּליעז, דו איט. (לינא קומט אריין).

ק נ אַ כ ע ן : עס איז אָלרייט (שפּיעלט און זינגט) ברינג די ניום טו מאַטהער, צאָהלען אַ וואָך נאָר אַ קוואָדער....

ל י נ א : מאַמא, וואָס איז דאָס פאר א מיוזישען? העללאָ, פּראָפּעסאָר, האו דו יו דו? כאַ, כאַ, כאַ! (קרימט איהם נאָך) ברינג די ניום טו מאַטהער (זי זינגט און ער זינגט נאָך), כאַ, כאַ, יור איי ניים פעללאָו, שייק הענדס! (דריקט זיין האַנט) פון וואַנען האָט איהר זיך גענומען?

ק נאַ כ ע ן : פון דער העלער הויט! יו אַר א פּענסי גורל, איי לייק יו... קויפט אַ ציטרע... א קוואָדער א וואָך, א מוזיקאַלישער אינ־סטרומענט, עס שפּיעלט זיך אליין: איהר פּערטשעפּעט נאָר מיט'ן

פינגער, — געהט עס שוין אזוי ווי אויף נאָטען... ברינג די ניוס טו מאָטהער...

ל י נ א : איך לייק אייך אויך, יו אָלד טשעפּ ! כא, כא, כא ! דזשענטעלמען, נעהמט אייער אינסטרומענט און קליר אוט...

ק נ אָ כ ע ן : ששא ! דאַנט בי סאָטש אין א הארי, מיר ווע־לען נאָך מאכען ביזנעס. דער אינסטרומענט געפעלט אייך ניט — וועלען מיר רעדען מכח אן אנדער זאך. איך בין, פערשטעהט איהר מיך, א שדכן אויך...

מ י ס ע ס ה אָ ר י נ ש ט י י ן : איך האָב אייך געזאָגט, אויב איהר האָט סאָמטינג רעכטס, וועלען מיר געוויס מאכען ביזנעס, נו יא, וואָט נאָט?

ל י נ א : (קרימט נאָך קנאָכען) אָה ! סאָטש א ביזנעס, סוירטענ־לי, וואָי נאָט ? אויב סאָמטינג רעכטס, האָט די מאמע אויך ניט דאַ־געגען... ביזנעס איז ביזנעס, כא, כא, כא ! (מען קלאַפּט אין טהיר) מיין באָי געהט, קאָם אין ! (מאַקס אריין).

ל י נ א : מאַקס, קום אהער ; דער איד איז א מיוזיקאַל איי־דזשענט, און ער לעגט מיר פאַר עטוואס זעהר מוזיקאַלישעס (זי גיט א קלאַפּ איבער אַלע סטרונעס פון דער ציטרע) דו זעהסט, עס שפּיעלט זיך אַליין ! (קרימט נאָך קנאָכען) „ברינג די ניוס טו מאָטהער, און גיב אַ וואָך א קוואָדער“, כא, כא, כא ! ער רעדט מיר א שידוך !

ק נ אָ כ ע ן : יאָ, יאָ, און ניט אזא פעלער ווי מאַקס לויפער ! האַו דו יו דו, מיסטער ? (גיט מאַקס'ען די האַנט).

מ א ק ס : העלאָ, מיסטער בעריל קנאָכען, האַו איז ביזנעס ? אָלרייט ? (געהט צו לינא'ן).

מ י ס ע ס ה אָ ר י נ ש ט י י ן : איהר זייט בעקאַנט מיט פּיטער דובינאַ ?

ק נ אָ כ ע ן : א נייס קוועשצען ? מיינער א לאַנדסמאַן, איי נאָו הים אפילו וויטהאוט א סקין.

ל י נ א : אפילו וויטהאוט א סקין ! כא, כא, כא ! אוי, אי־רען, איך וועל שטאַרבען ! (לאַכט שטאַרק).

מ א ק ס : דאָס וויל ער זאָגען : אפילו אן אָפּגעשונדענעם וועט ער מיך דערקאָנען. מיסטער בעריל קנאָכען, דיינע וואָהיסקעס שפּיע־לען אויפ'ן ווינט, פונקט אזוי ווי א ציטרע.... דזשו... דזשו... (צופּט איהם ביים באָרד).

ק נ אַ כ ע ן : פליעז דאָנט מייק טו מי די ביזנעס אָף איי פּיג. (ער רעדט שטיל מיט דער מיסעס).

מ אַ ק ס : אַ קרעמענטשוקער ענגלישמאַן! לינאַ, דו ווייסט וואָס איך בין געקומען? פּראָפּעסאָר טשאַרלי הראַמאַי, פון אונזער דענסינג אַקעדעמי, גיט דעם 17טען אַ באָל מיט אַ באַנקעט מיט אַ רע־סעפּשאָן; מירביידע זיינען אין דער קאָמיטע און היינט איז אַ ביז־נעס מיטינג, מיר מוזען אַטענדען.

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ ש ט י י ן : שעהנע ביזנעס... פּראָפּע־סאָר חראַמאַי מיט אַ האַפּקע, אַז אָך און וועה!

ק נ אַ כ ע ן : פּ ר אָ פ ע ס אָ ר כראַמאַי — מסתמא ווי אַ חזיר, ווי אַ פרייע קאונטרי, ווהיי נאָט?...

ל י נ אַ : מיינד יור און ביזנעס, מיסטער! מאַקס, איך טהו זיך באַלד אָן, און מיר ווע‌לען באַלד געהן. אַ מאַי! אַ באַנקעט, אַ באָל, אַ רעסעפּשאָן! (זי זינגט און טאַנצט, מאַקס פייפט און שאָקעלט זיך אין טאַקט). ברינג דהי ניוס טו מאַטהער, און צאָהל אַ וואָך אַ קוואָדער. (מען קלינגט).

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ ש ט י י ן : אהא, מיסטער סאָלאָמאָן קלינגט. מען דאַרף געהן מאַכען רעדי דעם סאַפּער. קוק זי אָן! די טריפה'נע הויט ברענט אויף איהר! האַרעוועט אַ גאַנצען טאָג אין שאַפּ ווי אַן עזעל, און שפּרינגט ביי נאַכט ווי אַ ציעג. איי וויל טעל יו, ביי די אַמעריקאַנער גוירלס זיינען די פיס אויף ספּראָנזשינעס.

ל י נ אַ : יאַ, מיסטער, וואָט איז יור ניים?

ק נ אַ כ ע ן : מיי ניים איז מיסטער בעריל קנאַכען און ווהיי נאָט?

ל י נ אַ : יעס, מיסטער בעריל קנאַכען... איאַ, זאָלאַנג עס טאַנצט זיך, דאַרף מען טאַנצען? זאָלאַנג עס לאַכט זיך, דאַרף מען לאַכען? נאָכדעם וועט קומען אַ מיסטער מאַקס דובינאַ אָדער אַן אַטהער דעוויל, און וועט אָנהויבען די ביזנעס, ווי זאָגט איהר — די ביזנעס אָף איי פּיג, כאַ, כאַ, כאַ!

ק נ אַ כ ע ן : דערפאַר זאָג איך דאָך אייך, האָט חתונה פאַר אַזאַ האָזבאַנד, וואָס האָט פיינט די חזיר'שע ביזנעס. ביי אַזעלכע חברה (ציינט אויף מאַקס'ען) ליעגט אַ ווייב אין דר'ערד און באַקט ביי־נעל!

מ אַ ק ס : יעס סיר, מיט אַ לײדי בין איך אַלװעיז רעדי צו זײן אַ דזשענטעלמען, ביקאָז איי נאָו װערי װעל, אַ לײדי איז ניט אַ הזיר און אַ חזיר איז ניט אַ לײדי —

ק נ אַ כ ע ן : אַז אַ לײדי קען ניט זײן אַ חזיר, טאָ װי אַזױ קען אַ חזיר זײן אַ דזשענטעלמען... בלאָף ניט, מיסס לינאַ דאַרף אַ חתן, ער זאָל האָבען סאָמטינג אין קעשעני, מאָני, יו נאָו, און ער זאָל זײן טאַקע אַ מאַן און אַ מענש אויף דערצו, װהיי נאָט? (מען קלאַפּט אין טהיר) למשל צום בײשפּיעל... (סאָלאָמאָן קומט אַרײן: ער טראָגט אַן אַלטען שװאַרצען ראָק, געהט מיט שװערע טריט װי אַ בער, טראָגט אין האַנט אַ בלום און עטליכע אידישע צײטונגען).

ל י נ אַ : למשל, צום בײשפּיעל, מיסטער אײזיק סאָלאָמאָן, װהיי נאָט?

ס אָ ל אָ מ אָ ן : גוטען אבענד! עי, עי, עס איז אַזױ װאַרים דרױסען, מע שװיצט!

ל י נ אַ : דאַנט סעי, מע שװיצט, כאַ, כאַ, כאַ! און מיר האָבען דאָ ערשט געשפּראָכען פון אײך. איך האָב געזאָגט, אַז חתונה האָבען דאַרף מען נאָר פאַר אַזאַ מענשען װי מיסטער סאַלאמאַן אײזיק...

ס אָ ל אָ מ אָ ן : (פערשעמט) אָ! מיסס לינאַ ליעבט אימער פאָן, און איך האָב אַ בלום ג... גע... ק... געפונען אויף גרענד סטריט און האָב אײך געבראַכט (גיט איהר).

מ אַ ק ס : איהר זעהט, אין אמעריקא, איז סאַלאמאַן אײזיק אויך אַ דזשענטעלמען.

ס אָ ל אָ מ אָ ן : איך בין אין דערהײם ניט געװען ערגער װי דאָ און בין אין אמעריקאַ ניט בעסער װי איך בין דאָרט געװען...

ל י נ אַ : אַ בלום מיר? דאָס איז זעהר שעהן פון אײך, טהענק יו, אָבער איהר האָט זי געפונען אויפ'ן סטריט — װײס איך װער עס האָט זי אװעקגעשמיסען... (גיט איהם צוריק די בלום).

ס אָ ל אָ מ אָ ן : נײן, דאָס הײסט, ניט די בלום האָב איך געפונען, איך האָב געפונען אַ ניקעל, איהר פערשטעהט, איך בין פון שאָפּ געגאַנגען צופוס, הײסט עס איך האָב דאָך געפונען אַ ניקעל.

ל י נ אַ : צופוס דרײסיג בלאָק? — אײ, זײט איהר אַ קאַרגער, מיסטער סאָלאָמאָן!

מ אַ ק ס : איהר װײסט, מיסטער סאָלאָמאָן טראָגט זײן ראָק שוין זיעבצעהן יאָהר!

ס אַ ל אַ מ אַ ן : מיסס לינא לאַכט שטענדיג פון מיר... ווען אנדערע לאַכען פון מיר, טהוט מיר וועה דאַס הארץ, און ווען איהר לאַכט, פערדריסט מיך ניט... לאַכט אייך, געזונטערהייד און זייט לוסטיג און פרעהליך...

ק נ אַ כ ע ן : וואָס איז אַ גרעסערע בריה'שקייט? — טראָגען איין ראָק זיעבצעהן יאָהר, אָדער טראָגען איין יאָהר זיעבצעהן רעק?

ס אַ ל אַ מ אַ ן : מיסס לינא מיינט, איך שפּאַר געלד, ווייל איך בין אַ קארגער. געוויס, איך האָב גענוג געליטען, גענוג אריבער געטראָגען. אַט ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך שוין פיעל אויסגע־שטאַנען אין די וועסט, בין געווען אין די סאוט. איך האָב שוין אַ סך געזעהן און אַ סך איבערגעלעבט: געוויס, איך וויים, ווי שווער יעדער סענט קומט אָן און געדענק, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל קיין כח ניט האָבען מעהר צו ארבייטען — אויף וועמען קען איך זיך פערלאָזען? איך בין אליין, האָב קיין פריינד, קיין אייגענע.

ק נ אַ כ ע ן : פאר וואָס האָט איהר ניט חתונה? טאקע באמת, ווהיי נאָט?

ס אַ ל אַ מ אַ ן : חתונה? איך? כע, כע! וויים איך, ווי קום איך, ע... אַז איך דענק פון חתונה, — לאַכט מען פון מיר; און אַז איך וועל אָנהויבען דערפון צו דענקען — וועט מען איבער מיר וויי־נען.... מע דארף געהן עסען סאַפּער. (וויל געהן).

ק נ אַ כ ע ן : מיסטער, איך וועל עס פיקסען, פערלאָזט אייך אויף מיר! איך האָב די עהרע צו הינטערדוסען זיך — מיסטער בע־ריל קנאָבען, אַ סעקסטאָן פון דער קאָנגרעגיישאָן חברה אנשי טשאָבאָ־טא, במעט אַ רעוורענד, און אַ שדכן אויך דערצו — ווהיי נאָט? קויפט ביי מיר, איך בעט אייך, אַ ציטרע, אַ קוואָדער אַ וואָך; איהר קענט שפּיעלען „האָום סוויט האָום“ און אַנדערע זאַכען.

ס אַ ל אַ מ אַ ן : (לאַכט) מיין פריינד, „האָום סוויט האָום“ וועל איך קיינמאָל ניט שפּיעלען און פון אַנדערע זאַכען האַלט איך ניט.

ק נ אַ כ ע ן : פערלאָזט אייך אויף מיר, איהר וועט נאָך האָבען אַ האָום און איהר וועט נאָך האָבען אַ סוויט, ווהיי נאָט?

ל י נ א : און איהר וועט נאָך אי"ה האָבען קינדערלעך, און איי־ערע קינדערלעך וועלען האָבען אַן אייגענעם בוגי מען, בוגי מען, בוגי מען! כאַ, כאַ, כאַ!

מ אַ ק ס: איך עדוויין אייך, איהר זאָלט פאר דער חתונה טשענ־דזשען אייער נאָמען... אייזיק סאלאמאן איז כמעט ווי סאָלאָמאָן איי־זיק. — וועלכע גוירל וועט עס וועלען זיין מיסעס סאָלאָמאָן אייזיק?

ס אָ ל אָ מ אָ ן: מע ווערט ניט בעסער און ניט שעהנער, ווען מע בייט דעם נאָמען... וואס זאָל איך טהאָן? פאר מיר, הפּנים, איז ניט געוועזן קיין בעסערער נאָמען ווי אייזיק סאָלאָמאָן! איך שעהם זיך ניט מיט מיר, מיר פאסען ביידע איינער פאר'ן אנדערען...

ק נ אָ כ ע ן: מאקסעל, טעל מי, אז דו האסט געטשענדזשעט דיין נאָמען, ביזטו בעסער געוואָרען? אמאָל איז ער געווען דובינאָ־וויץ, האָט ער דעם וויץ אוועקגעוואָרפען און דובינאָ איז געבליבען. פרעג איך א קשיא (מיט א גמרא־ניגון) וואָלט ניט בעסער געווען אוועק־וואָרפען די דובינע און וויץ זאָל בלייבען? ווי מיינט איהר, מיסס לינא?

ל י נ א: כאַ, כאַ, כאַ! דאַט איז נייס! אָבער מיסטער קנאָ־כען, איידער א פוילער וויץ, זאָל בעסער זיין א געזונטע דובינע, כאַ, כאַ, כאַ! מאקס, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז דו ביסט אמאָל געווען דובינאָוויץ.

ק נ אָ כ ע ן: איהר פרעגט מ י ך, וועל איך אייך דערצעהלען, וואָס ער איז געווען. (זעצט זיך צו לינא'ן און רעדט שטיל) איהר ווערט נאָר פון איהם פטור, וועל איך אייך דערצעהלען. (זיי רעדען שטיל).

מ אַ ק ס: (צו סאָלאָמאָן) אַ, אידיש דזשואיש פייפּערס? שעהמט איהר אייך ניט צו לעזען אזא טרעש?

ס אָ ל אָ מ אָ ן: איך קען זעהר ווענינ ענגליש, און עס פרעהט מיך, וואס מיר קומט איצט צוניץ, וואָס מע האָט מיך אמאָל געפּלאגט מיט די קמצ'ען און פּתח'ען, אזוי ווייס איך אויך, וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט. יעדען טאָג לעז איך דאָ, ווי מענשען הענגען זיך, שיסען זיך און פערגיפטען זיך, און איך טראַכט מיר אָפט: דאַכט זיך, וואס קען שוין זיין אָן ערגער לעבען פון מיין לעבען? נאָך וואָס לעב איך? צוליעב וועמען לעב איך? וואָס האָב איך פונ'ם לעבען? און דאָך ווילט זיך לעבען. ווענינ — עס ווילט זיך נאָך עסען אויך... מע דאַרף טאַקע געהן עסען סאַפּער. (אָב).

ל י נ א: אזוי, לאָמיך הערען. (צו מאקס'ען) מיסטער דובינע

אַהן וויץ, ווילסט, אַז איך זאָל אַטענדען דעם מיטינג, פּליעז, געה קויף מיר פּאר אַ פּעני האָר־נאָדלען.

מ א ק ס : אָלרייט. (שטיל צו קנאָבען) מיסטער בעריל האלט די צונג, אויב דו ווילסט ניט קריגען געבראָכענע ביינער.

ק נ אָ ב ע ן : איך האָב דיך אין דער ערד, ווהיי נאָט? (מאַקס דראָהט מיט דער פויסט, אָב).

ל י נ א : איהר זייט אַ דזשענטעלמען.

ק נ אָ ב ע ן : אָף קאָרז!

ל י נ א : יעס... זאָג איך, דזשענטעלמען, זעהט איהר זאָלט ניט אריינפאַלען אין גרוב ווי אַ בלינד פערד — איך מיין מכח אַ שידוך...

ק נ אָ ב ע ן : פערלאָזט אייך אויף מיר... איהר מיינט, מאַקס איז נאָך אַ באָי? איך זאָג אייך, ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב מיט קינדער; זיי זיינען אין פּראָוויז׳ענס, און איך קען אייך באַלד ווייזען שוואַרץ אויף ווייס.

ל י נ א : אזוי? (זינגט) „ברינג דהי ניוס טו מאָטהער“.

ק נ אָ ב ע ן : אייער באָרדער זעהט זיך אָן אַ מענש, וואָס איז כ׳לעבען טאַקע אַ מענש, ער האָט געלד, סטעדי ארבייט, ביי איהם קען שוין זיך אַ ווייב קאָכען און פּרעגלען ווי אַ וואַרעניטשקע אין פּוטער...

ל י נ א : מיסטער קנאָבען, איהר רעדט מיר אַ שידוך? אי, לעבען און געזונט זאָלט איהר מיר זיין, 120 יאָהר זאָלט איהר לעבען אָהן אַ קאָפּ, חכם מיינער, ליעבער פריינד מיינער, טאַקע אויף דער אמת, אַ שידוך?

ק נ אָ ב ע ן : ווהיי נאָט? ששא! איהר וועט נאָכדעם אַליין הנאה האָבען. איך הער, די דובינע קריכט אויף די טרעפּ. איך וועל אריינגעהן צו מיסטער סאַלאמאָן, — ערשטענס אַ שידוך, צווייטענס אַ ציטרע, דריטענס דער אפּעטיט קאָלופּעט מיך אונטער׳ן הארצען. און איהר לעגט אייך איבער, ווהיי נאָט? (אָב אין צימער).

ל י נ א : מיר דאַכט זיך, איך וועל היינט האָבען זעהר פּיעל פאָן, כאַ, כאַ, כאַ! „ברינג דהי ניוס טו מאָטהער“ (מאַקס אריין) מאַקס, דו ווילסט האָבען פאָן?

מ א ק ס : וואָס האָט דיר דאָ געזאָגט בעריל ליגנער? אי האָב איך פיינט דעם רעוורענד פון אנשי טשאָבאטא!

לינא: הער, ווי איך זעה יעצט, האָט די מאַמע דעם מיסטער בעריל אימפּאָרטירט מיט דער אבזיכט צו פערשלייערען מיך.

מאקס: געוויס, עס איז אַן אָנגעשטעלטע זאַך.

לינא: זיי ווילען מיך אריינגארען אין זאק אריין, כא, כא, כא! זיי רעדען מיר מיסטער סאלאמאן פאר א חתן... אוי, איך וועל זיי א ביסעל פיהרען ביי דער נאָז... הער, איך וועל איהם ערלויבען מיין חתן ווערען און וועל זעהן, וואָס וועט דערפון ארויס! כא, כא, כא! קאָמיש — מיסטער סאלאמאן א פערליעבטער, און איך זיין כלה. די מאמע קלייבט נחת, בעריל קנאַכען טאנצט פאר שמחה, דער חתן איז אויפ'ן זיעבעטען הימעל. פּלוצלונג זאָג איך: ר' איד, קריכט אראָפּ פון זיעבעטען הימעל אויף דר'ערד! אוים שידוך! עס איז געווען נאָר א שפּאַס! אַ מאַי, וויפיעל פאַן! ווי געפעלט דיר?

מאקס: ווי זאָגט בעריל — וועהי נאָט? דער יאָלד האָט געלד, ער איז אזוי פערליעבט אין דיר, דאָס מיר וועלען קענען גאַנץ לייכט אויספּאָמפּען ביי איהם ביז איין סענט. דאָס וואָלט געווען זעהר א גוטע ביזנעס.

לינא: מיי דיער מעקס, דו רעדסט ווי א ראַסקאל! וואָס דאַרף איך זיין געלד? פאַן — דאָס איז אַן אנדער זאַך.

מאקס: איך מיין, מיר וואָלטען איהם שפּעטער אָפּגעגעבען, דערווייל וואָלטען מיר געקענט מאַכען א שעהנע חתונה מיט אַ גרויסען האָל מיט קערידזשעס...

לינא: ששאַ! איך הער, מען געהט, איך וועל זיך מאַכען, דאָס איך בין מיט דיר צוקריגט. (סאָלאָמאָן אריין, בלייבט שטעהן ביי דער טהיר) יעס, סער, יו קען גאָ! (שטיל) דו וועסט קומען שפּעטער.

מאקס: גוט, מיסס, איהר גלויבט מיר ניט!...

לינא: נאָ סער! איך גלויב אייך ניט, איך וויים, איהר זייט א לאַיער...

מאקס: ע, גאָ טו די דיקענס... א קראַנקע גוירל. (אָב. בייז).

סאָלאָמאָן: דער מיסטער.... ווי אזוי רופט מען איהם?... דער איידזשענט, ער זאָגט, איהר ווילט מיך זעהן...

לינא: איך? דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, איהר ווילט מיך זעהן און מיר עטוואס זאָגען...

סאָלאָמאָן: איך? מיסס לינא? וואס קען איך אייך זאָגען?

ל י נ אַ : איך ווייס, איהר זייט אַ שעהמעוודיגער, וועל איך אייך זאָגען: איך האָב געמיינט, אז אייך שטעהט גאָר ניט אָן צו דענקען פון אזאַ אָרים מיידעל ווי איך בין, פון אזאַ שטיפערקע און לייכטזיניגע, כאַ, כאַ, כאַ! איאַ, איך בין אַ לייכטזיניגע?

ס אַ ל אָ מ אָ ן : אַ שטיפערין זייט איהר, אָבער איך האָב אייך קיינמאָל ניט גערעכענט פאר אַ לייכטזיניגע, גאָט בעוואָהר!

ל י נ אַ : היינט אָבער, האָב איך ערפאהרען דאָס... כאַ, כאַ, כאַ! נאָך וואָס האָט איהר בעדארפט דורך אַ שדכן? וואָלט דען ניט בעסער געווען, מיר זאָלען עס סעטלען אליין?

ס אַ ל אָ מ אָ ן : (פערוווירט) פריילין לינא, איך פערשטעה ניט, וואָס מיינט איהר, כי, איך ווייס... איהר מאַכט פון מיר פּאָן...

ל י נ אַ : פּאָן גאָר? וואָס מיינט איהר, איך פערשטעה ניט. מיט אזאַ מענשען ווי מאַקס קען מען טאַנצען אַ וואַלצער — אָבער טאַנצען אַ גאַנץ לעבען איז מעגליך נאָר מיט אַ מענשען, וואָס מען קען זיך פערלאָזען אויף איהם. אויב איך געפעל אייך נאָר, דאַן.... כאַ, כאַ, כאַ! רעדט איהר בעסער!

ס אַ ל אָ מ אָ ן (זעצט זיך, די ברוסט וויגט זיך ביי איהם פון אויפרעגונג, ווישט דאָס געזיכט מיט אַ טיכעל) איך קוק אויף אייך און קען ניט פערשטעהן מאַכט איהר שפּאַס פון מיר, אָדער איהר מיינט עס ערענסט. איך קען ניט רעדען, איך וואָג ניט צו רעדען, אָבער ווען, ווען — איך מיין, אַנ'אַנדערסמאָל איז זעהר אַ גרויסע עבירה צו לאַכען פון אַ מענשען...

ל י נ אַ : וואָס איז דאַרטען? — איהר זייט נאָך ניט גאַנץ אַלט, איהר האָט געלד — אין אַמעריקאַ שפּיעלט עס אַ ראָלע — איהר זייט גאָר ניט, כאַ, כאַ, כאַ! זעהר שעהן, איך שלאָג זיך אליין אָן...

ס אַ ל אָ מ אָ ן : מיסס לינא, איהר מאַכט ניט קיין שפּאַס? איהר מיינט עס ערענסט. עס איז ניט בלויז אַ שטיפעריי? איהר מיינט... איהר זאָגט... אַ... איך זאָל גלויבען? געהט, געהט!

ל י נ אַ : איך זעה, אז איהר מאַכט פון מיר פּאָן, איך געפעל אייך גאָר ניט.

ס אַ לאָ מ אָ ן : איהר געפעהלט מיר ניט? איהר? ווען איהר שטיפט און לאַכט געפעהלט איהר מיר; ווען אפילו יעצט מאַכט איהר

חוזק פון מיר, געפעלט איהר מיר; ווען אפילו יעצט מאכט איהר מיר צום נאַרען, געפעהלט איהר מיר אויך. איהר זייט מיר געווען געפעלען נאָך מיט א יאָהר און מיט צוויי יאָהר צוריק; איהר זייט מיר געפעהלען יעצט, און איהר וועט מיר אימער געפעלען...

לינא: אויב איך געפעל אייך, פערשטעה איך ניט, פאַרוואס מיין מוטער וויל שוין ניט אייער שוויגער זיין, און איך — ווי זאָגט דער שדכן — והיי נאַט?

סאָלאָמאָן: איהר מאכט שפּאַס! איך גלויב ניט, איך קען ניט גלויבען! (פערוווירט) הערט אויף! הערט אויף בעסער! יעדע זאַך דאַרף זיין מיט א מאָס.

לינא: איך זאָג אייך די וואַרהייט: פערליעבט בין איך אין אייך ניט; איהר זייט אליין שולדיג, איהר האָט זיך געהאַלטען פון דער ווייטען; אָבער איהר געפעהלט מיר זעהר, און איך פערשטעה פּשוט: עס איז זעהר פּראַקטיש צו האָבען אזא מאַן. איך וויים — ביי אייך וועל איך ניט האָבען קיין צרות.

סאָלאָמאָן: צרות? ביי מיר? וואָס רעדט איהר? אויף די הענט וועל איך אייך טראָגען ווי א קינד, ווי די אויגען אין קאָפּ וועל איך אייך היטען, ווי מיין לעבען וועט איהר מיר טהייער זיין. (מיט טרעהרען) אוי, לינא, האָט רחמנות אויף מיר, מאכט איצט ניט פון מיר קיין שפּאַס. ווארום, חלילה, טאָמער — איך האָב דאָך אייך קיינמאָל קיין שלעכטעס ניט געטהאָן!

לינא: וואָס מיינט איהר, איך בין א קינד? איך מיין, אז חתונה האָבען איז א שפּאַס? כא, כא, כא! אשעהנע מיינונג האָט איהר פון מיר!

סאָלאָמאָן: איך האָב ניט געוואָגט צו רעדען, איך האָב זאָגאר מורא געהאַט צו האָפען... גוטע לינא! איך האָב געוואוסט, איהר האָט אַן עדעלעס הערץ! איך לויף באַלד זאָגען מיסעס האָרינג־שטיין (לאָזט זיך אין צימער) ניין! (לויפט צוריק) איך וועל פריהער לויפען אין סטריט אויף איין אויגענבליק... וואו איז מיין העט? איך קום באַלד! איך וועל פליהען, ווי א משוגע׳נער! איך וועל זיך אראָפּקאַטשען פון די טרעפּ! איך וועל שרייען אין מיטען גאַס: פריינד, ליע... פריינד מיינע! סאָלאָמאָן אייזיק איז משוגע! סאָ־לאָמאָן אייזיק א... משוגע! (לויפט שנעל אָב).

ל י נ אַ : מיר דאַכט זיך, עס איז ניט געווען זעהר קיין גרויסע חכמה פון מיר. מיך פערדריסט שוין. אַט האָסטו דיר. (זינגט טרויעריג) „טעל די ניוס טו מאַטהער“.

(מיסעס האַרינשטיין און קנאַבען)

ק נ אַ כ ע ן : לינא, איהר זייט אַ נייס גוירל, אַזאַ יאַהר אויף מיר... מיר האָבען אַלעס געהערט הינטער דער טהיר. וואהיי נאָט?

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ. : אויב עס וועט דערפון ארויס סאָמטינג, וועסטו מיר האָבען צו פערדאַנקען.

ק נ אַ כ ע ן : געוויס וועט דערפון עטוואָס ארויס, וואהיי נאָט? עס איז ניט מאַקס שאַרלאַטאַן, פערשטעהט איהר מיך. דו, לינא, מאַך זיך ניט נאַריש, בעסער הער וואָס איך זאָג דיר : דער מאַקס האָט אין פּראָווידענס אַ ווייב מיט צוויי קינדער, דאָס הייסט, ער האָט געגעבען אַ דיוואָרס און ער וועט דיר אויך געבען די זעלבע זאַך.

ל י נ אַ (וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען פערטראַכט) : עס איז אַ ליגען מיסטער בעריל! אָ! פּליז, דאָנט באַדער מי!

ק נ אַ כ ע ן : איך האָב פּיינט צו זאָגען אַ ליגען! פערגעסט ניט, איך בין כמעט אַ רעווערענד! פרעגט ביי די מעמבערס פון די אנשי טשאַבאָטין, ווער איז מיסטער קנאַבען? אָבער וואָס דאַרפט איהר מעהר? איך ברענג אייך מאָרגען אַ פאָטאָגראַפישע סטודיע פון זיין גאַנצע פאַמיליע?

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ. : וואָט אי קער? מאַקס מעג זיך איצט שלאָגען קאָפּ אין וואַנט! דו האָסט געגעבען סאַלאָמאָן דיין פּראָמיס. אין אַמעריקא איז דאָס קיין קלייניגקייט ניט. לינא, איך וועל איהם אַליין הייסען געהן אין קאָורט און מאַכען דיר אַ טרייעל פאַר די פּראָמיס אָף די ברידזש!

ק נ אַ כ ע ן : איהר מיינט : די ברידזש אָף פּראָמיס. סויערטענלי, וואהיי נאָט?... זי רעדט בעסער ניט, זי איז אַ גנב און פערשטעהט איהרע ביזנעס. איצט, לינא, וועט איהר שוין געווים ביי מיר קויפען די ציטרע! פערלאָזט זיך אויף מיר! ער וועט קויפען. ער וועט זיצען און הערען, און איהר וועט איהם זינגען : „ברינג די ניוס טו מאַטהער“...

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ. : ער איז ניט קיין בעלן געלד ספּענדען, הי איז איי הארד מען... אָבער לינא, וואָהין האָט דאָס געקענט מיס־

טער סאָלאָמאָן, אַזוי האָריאָפּ אוועקלויפען? איי בעטש יו, ער איז געלאָפּען קויפען פּאַי, מיט קייק, מיט קענדי! ער האָט זיך נעבעך מחיה געווען! ער איז לעבעדיג געוואָרען! אַי, די מאַנזביל, די מאַנזביל! דאכט זיך גאָר אַ דערשלאָגענער און ווי אַ נאַר!... די ווייבערשע ביזנעס איז שוין אָל רייט! סעי, מיסטער, מיר וועלען באַלד האָבען דאָ איי לאָט אָף נאַשעריי! ער וועט זיך פון גרוים שמחה פערגעסען, אַז ער איז אַ קאַרגער!

לינא: איך זאָג דיר: מעגסט שאַרפען די צייהן... געטראָפען דעם אָרט! מיסטער סאָלאָמאָן וועט זיך אויפהענגען פאַר אַ סענט, אוי, מיר הויבט אָן רייסען אַ צאָהן! (כאַפּט זיך פאַר'ן באַק).

קנאָכען: און איך זאָג אייך, אַז ער וועט אפילו די ציטרע פאַר אייך קויפען! איך האָב אַן אויג פון אַ תלמיד חכם, פערשטעהט איהר מיך, איך האָב געזעהן, ווי אַזוי ער צאַפּעלט זיך לעבען איהר, נו יאָ, ווהיי נאָט? (אַ געוויש. שטימען) אָט וועלען מיר איהם באַלד פרעגען. (מאַקס קומט מיט פּאַפּירען פול מיט קאָנדיטאָרען, סאָלאָמאָן טראָגט אין אַ באַנדעל זיין אַלטען ראָק, טראָגט אַ נייעם פּידזשאַק, וואָס ליגט אויף איהם ווי אַ זאַק) סעי מיסטער, איאָ, איהר וועט קויפען פאַר מיס לינאַ די ציטרע?

סאָלאָמאָן: (לעבעדיג און אויפגעלעגט) געוויס, אָבער ניט אויף אינסטאָלמענט; איך האָב ליעב באַלד בעצאָהלען מזומן! וויפיעל קאָסט עס?

קנאָכען: ווייס איך... מזומן — זעקס דאָלאַר. (סאָלאָמאָן צאָהלט).

סאָלאָמאָן: איך לויף אַזוי, אַזוי ווי אַ בער, זעה איך אויף'ן קאָרנער מאַקס'ען. מיסטער זאָג איך געשווינד, געהט קויפט פּאַי, קייקס, טשאָקאָלאַד... מיסעס האָרינשטיין, איך גראַטוליר אייך פון טיפען הערצען! גאָט זאָל אונז אַלע געבען גליק!... יאַ, לויף איך אַריין אין קלאָטהינג סטאָר, באַלד אַ סוט אהער! זאָל מען ניט זאָגען, איך טראָג זיעבצעהן יאָהר אַ ראָק, כאַ, כאַ, כאַ! איך האָב נאָר צייט געהאַט ארויפציהען דעם דזשעקעט. ווי געפעהלט אייך — איאַ ניש קשה?

מאַקס: פיין, אַ וואַהרער דיוד, כאַ, כאַ, כאַ!

סאָלאָמאָן: מיט'ן קאָסטיום באַלד אין דזשועלערי סטאָר.

זעהסט... עס קאָסט 23 דאָלער מיט'ן קייטעל (נעהמט אַרויס א זייגעריל מיט אַ קייטעל) איאַ, ס'איז ביליג?

מ י ס ע ס ה אַ ר י נ.: וואַט אַר יו טאָקינג עבאוט? מיר האָבען דאָך אייך געהאַלטען פאַר א קאַרגען...

ס אָ ל אָ מ אָ ן: א קאַרגער? וואָס פאַר א פרייד וואָלט מיר פריהער געווען צו ספּענדען געלד? אָבער איצט... מיס לינאַ, גע־פעלט עס אייך? (גיט איהר דאָס זייגעריל).

מ א ק ס: (שטיל) ער איז קרייזי פון שמחה, נעהם צו, נאַר...

ל י נ אַ: (צו מאַקס'ען) ליעוו מי עלאָן, פּליעז. (צו סאָלאָמאָן) ענטשולדיגט, איך וויים ניט, איך דאַרף ניט נעהמען. (סאָלאָמאָן קוקט אויף איהר און אויף די אַנדערע).

מ א ק ס: גאָ עהעד, לינאַ, עס איז זעהר פאַני, כאַ, כאַ, כאַ!

ל י נ אַ: (צו מאַקס'ען) איך בעט אייך, לאָזט מיך צורוה, געהט קיין פּראָווידענס לאַכען. גוטער מיסטער סאָלאָמאָן! איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען! פון טיעפען הערצען בערייהע איך מיין אונפאַרזיכטיגע שריט...

ס אָ ל אָ מ אָ ן: (מיט אַ ציטערענדע שטימע) וואָס איז?... וואָס מיינט איהר דערמיט, מיסס לינאַ?

ל י נ אַ: עס איז געווען זעהר אַ גרויסע דומהייט... איך האָב געמיינט, מאַכען בלויז א ביסעל שפּאַס — און איצט פערדריסט עס מיך — איך שווער אייך, איך האָב חרטה פון גאַנצען הארצען...

ס אָ ל אָ מ אָ ן: שפּאַס? דאָס איז געווען אַ שפּאַס?... איהר האָט חרטה?... וועה איז מיר! פרייליין לינאַ, איך האָב אייך גע־בעטען, האָט רחמנות אויף מיר!... איך בין וואַהנזיניג געוואָרען פאַר פרייד! ווען איך האָב בעגעגענט אין גאַס, האָב איך דערצעהלט מיין גליק!... איהר פערשטעהט — סאָלאָמאָן אייזיק האָט עס צו ערנסט גע־נומען!... אבי עס איז געווען נאַר פאַן?... וועה איז מיר, דאָס איז גע־ווען צופיעל... איך האָב געגלויבט, ווייל איך האָב געמיינט, איהר פערשטעהט, איהר זעהט, איהר פיהלט. איך וואָלט קיינמאָל ניט גע־וואַגט... איך וואָלט אין דער שטיל געטראָגען מיינע פערבאָרגענע גע־פיהלען, איהר אָבער האָט מיר אליין געגעבען האָפנונג. אָ, עס איז געווען בלויז א שפּאַס! לאַכען פון מיר איז ווייניג — איהר האָט מיט די פיס מיין הארץ צוגעטראָטען! וואָס איז דען מיין שולד? האָב

איך זיך דען ערלויבט צו זאָגען אייך, ווי טריי און ווי שטאַרק איך ליעב אייך? אָ, אונגליקליכער סאָלאָמאָן אייזיק (ער קלאַפּט זיך מיט די קו־לאַקעס אין קאָפּ און וויינט).

ל י נ א : גוטער, מיסטער סאָלאָמאָן! נאָט איז מיט אייך! וואָס טהוט איהר? איך בעט אייך, פערצייהט מיר און בערוהיגט אייך... איצט, ווען איך הויב אָן בערעכענען...

ס אָ ל אָ מ אָ ן : וואָס? איהר ווילט נאָך שפּאַס מאַכען? ניין! גענוג! (כאַפּט פון פּיסטעל־פּאַקעט אַרויס אַ רעוואָלווער) מיט מיר וועט שוין יעצט קיינער קיין שפּאַס מעהר ניט מאַכען... קיינער קען ניט פערשטעהן, וואָס פאר א שרעקליך אומגליק מיט מיר איז יעצט געשעהן!... גענוג! אלעס האָט זיך איבערגעריסען און געענדיגט. (שיסט זיך אַריין א קויל און פאַלט) גוטע מענשען.... האָט כאָטש איצט אויף מיר רחמנות און לאַכט מעהר ניט פון מיר...

ל י נ א : (פאַלט צו צום קערפּער מיט אַ ביטערען געוויין).

פאָרהאַנג.

פאַרוואָס מענער ליעבען

קאָמעדיע אין 1 אַקט

פון יעקב גאָרדין

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

זשיעני ליליענבלום, אַ רייכע פרייליין, 20 יאָהר אַלט.

איהר באָבע, 70 יאהר אַלט.

לעאָפּאָלד שוויינהאָפּער, אַן אדוואקאַט, זשעני׳ס חתן, 30 יאָהר אַלט.

אַ פאַריקמאַכער.

אַ קאַמער־מעדכען.

(אַ רייכער זאַל ביי די ליליענבלום׳ס; די באָבע, אַן אַלטע אידענע, רייך געקליידט, קומט אַריין).

באָבע: זשעני? ניטאָ! איך האָב געמיינט, זי איז דאָ, די שטיפערין (זעצט זיך). איי, איז זי פערצויגען, צובאַלעוועט, די שטיפערין... די וועלט וואַרפט אַרויף דעם גאַנצען בלבול אויף דער באָבע, אַלעס אויף דער באָבע... זשעני איז אַ שטיפערין — אויף דער באָבע! זשעני׳ן פעלט איין וויים איך וואָס — אויף דער באָבע! זשעני וואַרפט אַרויס אַ שטיקעל — אויף דער באָבע!... זאָל זיין אויף דער באָבע, אַ ברירה האָב איך... און דער אמת איז פּונקט פערקערט, זי האָט פון מיר געמאַכט אַ שטיפערין, און איך מוז אויף דער עלטער שטיפען מיט איהר. איך קען מיר ניט העלפען. אַז זי איז פּאָרט אַזאַ ליעבע און אַזאַ טייערע. מען קען איהר דען אָבזאָגען?.. ווען זי איז געוועזען אַלט צעהן יאָהר, איז געשטאָרבען מיין זוהן, איהר פאָטער, דער באַנקיר ליליענבלום, ע״ה. נאָכדעם איז אויך געשטאָרבען עליה השלום, איהר מוטער... און די באָבע איז געבליבען לעבען... אַ גרויסע ירושה מיט אַ באָבע, דאָס איז אַלעס וואָס איהר איז געבליבען... נו, ווי אַזוי האָב איך געקענט אַזאַ טייערע שטיפערין ניט נאָכגעבען? איז זי אויסגעוואַקסען פריי ווי אַ פויגעל אין וואַלד, ווי אַ ווילדער לאַשיקעל אין פעלד, אַזוי ווי אַ שעהנע בלום אין גאָרטען... נישקשה, זי מעג זיך פערגינען: יונג, שעהן, קלוג, רייך, געבילדעט... איי! איך זאָל זיין זי, וואָלט איך זיך אויך פערגינט... איצט איז איהר איינגעפאַלען אַ פּלאַן צו שפּיעלען אַ קאָמעדיע מיט איהר חתן,

מיט דעם אדוואָקאט לעאָפּאָלד שווייננהאָפּער... איהר האָט געהערט פון איהם? פּס! אַ גרויסער אדוואָקאט! ער קען מיט זיין צונג פון שווארץ מאַכען ווייס, בעווייזען אז דער גרעסטער גנב איז אן עהרענמאַן און די גרעסטע לומפּעריי איז אַ גערעכטע זאַך... נו, שפּיעלט זי מיט איהם איצט אַ קאָמעדיע, און ווער דאַרף עס אויסשטעהן? — די באָבע. עס איז שוין עטליכע וואָכען, אז איך שרייב פון איהרט־וועגען בריעף צום חתן... היינט, איהר זאָלט וויסען, וואָס איך שרייב? איהר פערשטעהט, זי הייסט מיר שרייבען אזעלכע זאַכען, אז — (אַ גערויש).

ז ש ע נ י: (הינטער די קוליסען) עי, שטיפעריין, שטיפעריין, וואו ביזטו?

ב אָ ב ע: זי רופט מיך שטיפעריין. (הויך) באָבע זשעני, דאָ בין איך.

ז ש ע נ י: (לויפט אריין) דו ביזט דאָ? קום אהער, מיין קינד, איך דאַרף דיר נויטיג. דו קענסט דאָך נאָך ניט און ווייסט נאָך ניט דיין ראָליע, וואָס דו וועסט היינט דאַרפען שפּיעלען, און די קאָמעדיע וועט זיך שוין באַלד אָנפאַנגען. הער, שטיפעריין, אויב דו וועסט שלעכט שפּיעלען, וועל איך דיך שטעלען אין ווינקעל מיט אַ בעזים, דו וועסט זעהן. (זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ, זינגט און שפּיעלט: „שטיל איז די נאַכט") וואָס איז דאָס, באָבעניו, דער פאַבריקמאַכער איז נאָך ניט געקומען?...

ב אָ ב ע: ער קומט באַלד... וואָס וועט דאָ זיין? וואָס דאַרפסטו אַ פאַבריקמאַכער?

ז ש ע נ י: באָבעניו, מען קען ניט שפּיעלען קיין קאָמעדיע אָהן אַ פאַבריקמאַכער. דו פערשטעהסט, מיין חתן דאַרף באַלד קומען, און אז מען האָט אַ חתן, הייסט עס, מען געהט חתונה האָבען; אז מען געהט חתונה האָבען, הייסט עס, מען געהט אָנפאַנגען דאָס ריכ־טיגע לעבען — און דאָס ריכטיגע לעבען קען ניט זיין אָהן פאַרב, אָהן שמינק, אָהן פריזור און אָהן אַ מאַסקע... צום ריכטיגען לעבען, באָבעניו, דאַרף מען זיך גרימירען, ווארים ריכטיג לעבען, הייסט אַ שלעכטע קאָמעדיע, אין וועלכע מען דאַרף שפּיעלען גוט אַ ראָליע... און עס איז אַ שווערע ראָליע. דו דאַרפסט עס וויסען, דו שפּיעלסט

דאָך שוין זיבעציג יאָהר. (קוקט אויפ'ן זייגער) אָבער גוואלד, לעאָ־פּאָלד וועט באלד קומען און דער פאַבריקמאכער איז נאָך ניטאָ.

ב אָ ב ע : דאָס ריכטיגע לעבען, שמינק, א חתן, א קאָמעדיע, א ראָליע, א פאַבריקמאכער. איך פערשטעה ניט, וואָס ווילסטו אויפ־טהאָן?

ז ש ע נ י : ווילסט אלעס וויסען? אז דו וועסט אלעס וויסען, וועסטו ווערען אן אלטעטשקע. ווי זאָגט דער סאטיריקער? (דעקלא־מירט):

ווילסטו פון לעבען געניסען,
דארפסטו קיין זאך ניט וויסען.
פערשטעה און וויים גאנץ ניט פיעל,
קיי שטרוי און לעב אין דער שטיל.
פרעג ניט קיין שאלות, קיין פראגען,
וועסטו זיך פערשפּאָרען צו פלאגען.
א ביישפּיעל נעהם זיך פון פיה,
פון עזלען, פון פערד און פון קיה —
אָהן פראגען האָבען זיי גליק;
ווי זיי גיב א הירזשע, א בריק!
שונאים קריגט מען פון טראכטען,
קיי שטרוי, וועלען אלע דיך אכטען...

ב אָ ב ע : איך קען ניט קייען קיין שטרוי מיט מיינע צייהן. פאר דיר איז דאָס א געשעפט. איך פרעג דיך: וואָס ווילסטו אָב־טהאָן?

ז ש ע נ י : (זעצט זיך לעבען איהר) ערנסט גערעדט? באָ־בעניו, מיר איז איינגעפאלען אויסצוגעפינען, פאר וואָס וויל לעאָפּאָלד מיט מיר חתונה האָבען?

ב אָ ב ע : וואָס הייסט פאר וואָס? נאר דו, פאר וואָס ווילען אלע מענער חתונה האָבען? ער האָט דיך ליעב, וויל ער מיט דיר חתונה האָבען.

ז ש ע נ י : פאר וואָס האָט ער מיך ליעב?

ב אָ ב ע : ווייל דו געפעלסט איהם.

ז ש ע נ י: פאַר וואָס געפעלט איך איהם?

ב אָ ב ע: פאַר אַלע זיבען זאַכען. ביזט אַ שעהנע, אַ רייכע, אַ קלוגע, אַ גוטעטשקע...

ז ש ע נ י: אַזוי? פאַר אַלע זיבען זאַכען? אַ דאַנק דער באָבע דיינער! ווען אָבער איך זאָל ניט האָבען די אַלע זיבען זאַכען?

ב אָ ב ע: וואָס הייסט, דו זאָלסט ניט האָבען, אַז דו האָסט זיי יאָ?

ז ש ע נ י: איך פרעג דאָך דיך, ווען אָבער איך זאָל ניט האָבען, ווען איך זאָל זיין ניט קיין שעהנע און ניט קיין רייכע? ווען איך זאָל זיין קלוג ווי די וועלט, גוט ווי אַן ענגעל, גייסטרייך ווי אַ גאָט, נאָר אַ געשטופּעלטע און אַ קורנאָסע, וואָלט ער מיך ליעב געהאַט?

ב אָ ב ע: דאָס ווייס איך ניט. דאָס דאַרפסטו שוין איהם פרעגען.

ז ש ע נ י: אָט דאָס וויל איך וויסען. איך וויל וויסען, פאַר וואָס ליעבען אונז די מענער, אויף וויפיעל די ליעבע איז גרינטליך און עהרליך. באָבעניו, צוליעב דעם וועלען מיר שפּיעלען די קאָמעדיע. פערשטעהסט, איך האָב אויסגעאַרבייט אַזאַ פּלאַן: איין בריעף האָסטו איהם געשריבען, אַז איך בין שטאַרק קראַנק און געפעהרליך...

ב אָ ב ע: מיינסט עס איז ניט געפעהרליך מיט דיר האָבען אַ משא ומתן?

ז ש ע נ י: שאַ! ערנסט! ווען ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט באַלד קומען צופאָהרען, אויב מען דאַרף, האָב איך דיר ווידער געהייסען שרייבען, אַז מיין קרענק איז אַן אַנשטעקיגע און אַז דער דאָקטאָר הייסט קיינעם צו מיר ניט צולאָזען — האָסט איהם געשריבען?

ב אָ ב ע: געוויס, אַ ברירה האָב איך געהאַט...

ז ש ע נ י: זעהסט, ער האָט ניט געפאָלגט זיין הייסע ליעבע, ער האָט בעסער געפאָלגט דעם דאָקטאָר און איז ניט געקומען... זיי האָבען ליעב, אָבער אַנשטעקען זיך האָבען זיי מורא...

ב אָ ב ע: איך האָב איהם געשריבען, דו ערלויבסט איהם ניט צו קומען, האָט ער דיך געפאָלגט.

ז ש ע נ י: יאָ, אַזעלכע זאַכען פאָלגען זיי, איך ווייס! אינ'ם לעצטען בריעף האָב איך דיר געהייסען שרייבען, אַז מיר איז בעסער

און ער מעג קומען, וועט ער קומען היינט... געוויס וועט ער קומען. אז מיר זיינען געזונד, האָבען זיי אונז ווידער ליעב. ער ווייס אָבער ניט, וואָס פאַר אַ קרענק איך האָב געקרענקט? איאָ, דו ווייסט אויך ניט? מיט פּאָקען!... דו ווייסט דאָך, פּאָקען פערקריפּלען דעם שעהנסטען פנים, די האָר פון קאָפּ קריכען אויס, די שעהנסטע נאָז ווערט אַ פּלאַטשיגע פּייפּעל... דו פערשטעהסט, דער פאַריקמאַכער מיט פאַרב און שמינק און אַ פאַלשען פאַריק וועט דאָס אַלעס מאַכען, ווי געהער צו זיין, און מיר וועלען זעהן, פאַר וואָס מען האָט אונז ליעב. פערשטאַנען? איך האָב געפּאָקט, ברודער, ווילסטו האָבען אַ געשטופּעלטע מאַדאַם?

באָבע: איי, פּאָקען גאָר? געשטופּעלט? פע! האָסט ניט געקענט אויסקלייבען אַ סימפּאַטישערע קרענק?

זשעני: נאָר פּאָקען, און שאַ, נישט גערעדט! דו זעה נאָר, זאָלסט גוט שפּיעלען דיין ראָליע. (ערנסט) באָבעניו, איך בעט דיך, מיין ניט, עס איז אַ קינדער־שפּיעל. די קאָמעדיע, וואָס איך דאַרף שפּיעלען, דאַרף ענטשיידען די וויכטיגסטע פראַגע פון מיין לעבען.

(קאַמער־מעדכען עפענט די טיר).

קאַמערמעדכען: דער פאַריקמאַכער איז געקומען.

זשעני: (שפּרינגט פרעהליך) געקומען? שיק איהם אריין אהער! אהער!

(פאַריקמאַכער קומט אריין מיט אַ סאַקוואַיאַזש).

זשעני: איהר אַרבייט אין אַ טעאַטער, איהר קענט גרימירען, מאַסקירען? איהר ווייסט ווי מען מאַכט פון מיאוס שעהן, פון שעהן מיאוס, פון יונג אַלט, פון אַלט יונג? קומט מיט מיר אין מיין צימער אריין! איהר האָט פאַרב, שמינק פאַלשע פאַריקען? ביי איך אין האַנט זיינען די מיטלען מיט דער הילפע פון וועלכער מענשען געהען אַרום אויף דער לעבענס־ביהנע... אויסווייזען, אזוי ווי מען זעהט אויס, איז ניט גוט? ווי? מען דאַרף אויסזעהן אזוי ווי מען ווייזט ניט אויס. קומט! (פאַריקמאַכער אָב). באָבעניו, געדענק. איך גיב דיר אַ פעראַנטוואָרטליכע ראָליע, און אויב דו וועסט שפּיעלען אזוי גוט ווי אַ בעהעלפערין, פערלירסטו דיין שטעלע אין

מיין טרופּע. אַלטער גנב, פערשטאַנען? אַ רעוואָואָר (אָב נאָכ'ן פּאָר־ריקמאַכער).

ב אָ ב ע: גוואַלד, פערשטעה, צי זי מאַכט שפּאַס, צי זי מיינט ערנסט... שטענדיג אַזוי, דאַכט זיך, זי שפּיעלט אַ קאָמעדיע, לאָזט זיך אויס אַ וויכטיגע היסטאָריע. אָדער פערקערט, דאַכט זיך אַ סע־ריאָזנע געשיכטע, לאָזט זיך אויס ביי איהר, אַ קאָמעדיע. אַזאַ משוגעת, אויסגעפינען פאַר וואָס מענער האָבען אונז ליעב... כע, כע! ערשטענס, עס איז שוין אַן אַלטע זאַך... מ'האָט שוין לאַנג אויסגעפונען פאַר וואָס, און צווייטענס, וואָס איז דער חילוק, פאַר וואָס זיי האָבען אונז ליעב, אַבי זיי האָבען ליעב. די היינטיגע יונגע לייט ווילען וויסען יעדע זאַך „פאַר וואָס?". למשל, זאָל מען זאָגען, וואָס אַרט מיך, פאַר וואָס געהט אַ רעגען? אַבי איך וויים, אַז עס געהט אַ רעגען, וואַקסט יעדע זאַך, און עס ווערט אַ בלאָטע. אַזוי איז די ליעבע אויך... (אַ גערויש). שאַ, מיר דאַכט זיך, אַ דראָזשקע איז צוגעפאָה־רען... זאָל דאָס שוין זיין לעאָפּאָלד? וויפיעל איז דער זייגער? אָ, שוין דריי... עס קען זיין, ער איז אַרויסגעפאָהרען מיט'ן ערשטען צוג, פינף אין דער פריה. זיי פאָהרען אַרויס פריה, אַז זיי זיינען פער־ליעבט. (קאַמער־מעדכען לויפט אַריין).

ק אַ מ ע ר מ ע ד כ ע ן: הערר לעאָפּאָלד איז געקומען, מאַדאַם!

ב אָ ב ע: אהאַ, מען דאַרף שוין אָנפאַנגען צו שפּיעלען די קאָ־מעדיע... עס איז נאָך גוט, וואָס זי האָט מ י ך ניט געמאַכט פאַר אַ געשטופּעלטע מיט אַ פּלאַטשיגער נאָז. (מאַכט זיך טרויעריג).

(לעאָפּאָלד קומט אַריין אין רייזע־קליידער, נאָך איהם אַ מאַן מיט טשעמאָדאַנעס, וועלכע ער שטעלט ביים טיר, און אָב. קאַמער־מעדכען נאָך איהם).

ל ע אָ פּ אָ ל ד: אָ, ליעבע גראַנד מאַמאַ, ווי געהט עס? (קושט זי). וואָס טהוט זשעני? איז זי שוין געזונט? ווי פיהלט זי היינט? וואָס איז געווען איהר קראַנקהייט? אָ, ווי פרעהט עס מיך, וואָס איך בין דאָ ווידער מיט אייך?

ב אָ ב ע: איך האָב מורא, דו וועסט זיך ניט פרעהען, ווען דו וועסט וויסען...

ל ע אָ פּ אָ ל ד: וואָס איז? וואָס איז געשעהן?

ב אָ ב ע: שטענדיג, ווען עס געהט שוין אַ זאַך, זאָגט מען

בעסער וואלט ניט געשעהען, דאס וואס איז געשעהען... אבער אז עס איז שוין געשעהען, איז געשעהען.

ל ע א פ א ל ד: שרעקט מיך ניט, איך בעט אייך... וואס איז געשעהען? וואס מיינט איהר דערמיט צו זאגען?

ב א ב ע: איי, פרעגט מיך בעסער ניט.

ל ע א פ א ל ד: וואס מיינט איהר? איך בעט אייך, פלאגט מיך ניט!

ב א ב ע: קיין מענש ווייסט ניט, וואס פאר אן אונגליק קען איהם טרעפען.

ל ע א פ א ל ד: וואס האט זיך דען געטראפען? איך בעט אייך.

ב א ב ע: איי, קיין מענש איז ניט זיכער.

ל ע א פ א ל ד: אבער דאך!

ב א ב ע: זי איז געווען זעהר שטארק קראנק, ארימע זשעני... איי, וואס זי איז נעבאך אויסגעשטאנען. (ווישט זיך די אויגען. פאר זיך): דערוויילע, דאכט זיך, שפיעל איך ניט שלעכט.

ל ע א פ א ל ד: אבער זי פיהלט זיך יעצט בעסער?

ב א ב ע: אי, מיר האבען געמיינט, זי וועט עס ניט איבערלע-בען...

ל ע א פ א ל ד: אבער יעצט איז זי דאך געזונט?

ב א ב ע: יעדען טאג א קאנסיליום פון דריי דאקטוירים מיט א פראפעסאר.

ל ע א פ א ל ד: אבער, מיין גאט, ווי פיהלט זי יעצט?

ב א ב ע: מיר האבען שוין געמיינט, אלע האפנונגען זיינען פערשוואונדען.

ל ע א פ א ל ד: אבער זי איז דאך היינט געזונט, איך האב געפרעגט ביי דער קאמער-מעדכען, האט זי געזאגט: פריילײן זשעני איז געזונט און מונטער...

ב א ב ע: די קאמער-מעדכען? אט האסטו... אה, נארישער מענש, מיר האבען איהר אונמיסטען בעפוילען, זי זאל אייך ניט אי-בערשרעקען מיט שלעכטע נאכריכטען.

ל ע א פ א ל ד: וואו איז זי?.. איך געה זי שוין זעהן. (וויל געהן).

ב א ב ע: גאט בעוואהר, מען דארף זי פריהער פארבערייטען...

זי איז אַזוי שוואַך... זי ערוואַרטעט אייך זעהר צו שטאַרק און די פרייד קען זי חלילה טויטען... און ווער דאַרף אַלעס אויסשטעהן? די אַלטע באָבע... אוי!... איך געה און וועל זי ברענגען. איי לעאָפּאָלד, וואָס פון איהר איז געוואָרען, איהר וועט זי ניט דערקענען... ניין! איהר וועט זי ניט דערקענען... איך בין געוועזען מיט איהר די גאַנצע צייט, קען איך זי דערקענען. איהר אָבער וועט זי ניט דערקענען... נעכטען ערשט האָט איהר דער דאָקטאָר ערלויבט צום ערשטען מאָל אַ קוק טהאָן אין שפּיגעל און פון נעכטען אָן האָט זי ניט אויפגעהערט צו וויינען... איך וועל איהם ניט געפעלען מעהר, זאָגט זי, און פערברעכט די הענט, איך וועל איהם ניט געפעלען מעהר. זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען, אויב איך ליג. אַי, אָט געה איך זי ברענגען. (געהט, פאר זיך) אָט אַזוי שלעפּט זי מיך אַריין אין אַלע איהרע קאָמעדיעס. אָבער איז ניט שלעכט? (אָב).

לעאָפּאָלד: נו, וואָס קען דאָרטען זיין? די וואָרהייט געזאָגט, איך האָב זעהר אַנגסט געהאַט צו פערלירען אַזאַ פּאַרטיע... שעהן, רייך... צום טייוועל! שעהנע כלות מיט פופציג טויזענד וואָל־גערען זיך ניט אין די גאַסען. געוויס, נאָך יעדער שווערער קראַנקהייט ווערט מען פערענדערט... אָבער מיט דער צייט, ווערט מען ווידער שטאַרק און רויט און פול און אַפּעטיטליך. די בלאַסע בעקעלעך פאַנ־גען ווידער אָן בליהען און די שעהנקייט קומט צוריק און עס ווילט זיך נאָך מעהר לעבען און געניסען. איך קען שווערען, דאָס נאָך דער קראַנקהייט וועט זשעני נאָך פּיקאַנטער זיין, איך וועל נאָר געווינען דערפון. אוי, די פרויען! זייער ערשטע זאָרג איז פּיליכט וועלען זיי מעהר ניט געפעלען. זייער איינינגער געדאַנק איז נאָר צו געפע־לען... זיי שעצען ניט זייער געזונט אַזוי טייער, ווי שעהנקייט. זיי וויסען ניט, דאָס מיר ווילען האָבען ניט נאָר שעהנע, נאָר אויך געזונטע ווייבער (געהט צום שפּיגעל און גלעט זיינע וואָנצעס). דאָס וואָס דער שפּיגעל זאָגט זיי, איז פאַר זיי וויכטיגער פון אַלעס אין דער וועלט. פאַרוואָס מיר מענער?... (פּאָזירט געגען שפּיגעל און קאָ־קעטירט). אָה, די פרויען! (אַ גערויש).

(די באָבע פיהרט אַריין זשעני'ן, וועלכע איז זעהר שוואַך און פער־וויקעלט אין וואַרימע קליידער; זי טראָגט אַ פּאַריק, וועלכער האָט זעהר וועניג האָר. איהר נאָז איז פערקריפּעלט און איהרע באַקען

בעדעקט מיט רויטע פלעקען. איהר קאָפּ און געזיכט זיינען פערבונ־
דען מיט אַ געדיכטען וואואַל, ביז זי נעהמט איהם ניט אַראָפּ זעהט
לעאָפּאָלד ניט איהר קאָפּ און איהר געזיכט.)

ז ש ע נ י: (מיט אַ שוואַכער שטימע) אָה, מיין לעאָפּאָלד!

ל ע אָ פּ אָ ל ד: מיין אָרימע זשעני, ווי פרעהט עס מיך, דיך ווידער צו זעהן. (וויל זי קושען).

ז ש ע נ י: ניין, ניין! מיין קראַנקהייט איז געווען צו גע־פעהרליך, צו אַנשטעקיג. דאַרפסט מיך ניט קושען, טייערער, די גע־פאַהר איז נאָך ניט פאַראיבער. איך בין גליקליך, איך בין העכסט צופרידען, אז איך קען דיך זעהן... אָה, וואָרום ביסטו פריהער ניט געקומען? (די באָבע העלפט איהר זעצען זיך).

ל ע אָ פּ אָ ל ד: האָסטו דען אַליין מיר ניט פערבאָטען צו קומען פריהער? אָבער איצט, ליעבע זשעני, בין איך דאָ. איך האָב פערלאָזען צוליעב דיר אַלע קליענטען און בין געקומען.

ז ש ע נ י: פערלאָזען אַלע קליענטען און געקומען צו מיר! אָ, דו ביסט זעהר ליעבענסווירדיג.

ל ע אָ פּ אָ ל ד: אָבער איצט, ליעבע זשעני, בין איך דאָ. דיין קראַנקהייט איז פאַראיבער... דו וועסט גיך גאַנץ געזונט ווערען און מיר וועלען זיין גליקליך...

ז ש ע נ י: גליקליך? איי, לעאָפּאָלד, איך האָב מורא, מיר וועלען שוין קיינמאָל גליקליך ניט זיין... דאָס הייסט, דו וועסט געוויס גליקליך זיין... ביסט אַ שעהנער מאַן, אַ פעהיגער מענש, אָבער איך?.. אָה, דו ווייסט ניט, דו ווייסט ניט. (וויינט).

ב אָ ב ע: זי וויינט שוין ווידער. אָט אַזוי ווי איהר זעהט. (ווישט כלומרשט איהרע טרעהרען).

ל ע אָ פּ אָ ל ד: אָה, דומהייטען, וואָס הייסט, דו וועסט ניט זיין גליקליך?

ז ש ע נ י: דו ווייסט ניט, וואָס מיין קראַנקהייט איז געווען...

ל ע אָ פּ אָ ל ד: וואָס איז דער אונטערשיעד? די קראַנקהייט איז פאַראיבער.

ז ש ע נ י: יא, די קראַנקהייט איז פאַראיבער, אָבער איהרע טרויעריגע רעזולטאַטען וועלען ניט פאַראיבער געהן ביז'ן טויט...

(פערצווייפעלט) יאַ, ביז'ן טויט וועט שוין אַזוי בלייבען. ביז'ן טויט! ביז'ן טויט!

באַבע: יאָ, אַפּנים אַזאַ וועט זי בלייבען ביז'ן טויט...

לעאָפּאָלד: וועלכע רעזולטאַטען? אַ, בערוהיג זיך, דיינע קרעפטען וועלען זיך גיך צוריקקעהרען, און דו וועסט זיין די וועלבע זשעני ווי פריהער.

זשעני: קיינמאָל וועל איך זיך ניט קענען בערוהיגען... מיין קראַנקהייט האָט מיין גליק רואינירט. מיינע קרעפטען וועלען זיך פּילייכט צוריקקעהרען, אָבער דיזעלבע זשעני וועל איך שוין קיינמאָל ניט זיין. איך וויים, דיר וועט זיין זעהר שווער די וואַרהייט צו ערפאַהרען, אָבער וואַצו זאָל איך דיך נאַרען? וואו אָבלעגען אויף שפּעטער וואָס מוז געשעהן? וואַצו פערבאַרגען דאָס, וואָס מוז ענטדעקט ווערען? לעאָפּאָלד, ווייסטו וואָס מיין קראַנקהייט איז געווען? (ער הערט געשפּאַנט) איך... אוי, באַבעניו, איך האָב ניט קיין מוטה, איהם די וואַרהייט צו זאָגען (וויינט) איך האָב ניט קיין מוטה...

באַבע: נו, וואָס קען מען העלפען? עס איז געוועזן פּאָקען.

לעאָפּאָלד: פּאָקען?! פּאָקען נאַר? מיין גאָט! אָבער איך האָף...

זשעני: אַה, אַרימער לעאָפּאָלד, האָף ניט... זעה, וואָס די שרעקליכע קראַנקהייט האָט פון מיר געמאַכט. (בינדט אויף דעם וואוּאַל) אַ, גאָט אין הימעל! גאָט אין הימעל! (וויינט).

לעאָפּאָלד: (אויסער זיך) אַיי, וועה איז מיר! וואָס זעה איך? זשעני, דו? ניין, ניין! עס איז אונמעגליך! די נאַטור קען ניט אַזוי גרויזאַם זיין. איך הער דיין זיסע שטימע, און איך גלויב ניט מיינע אויערען! איך זעה דיינע פריהערדיגע שעהנע אויגען און איך גלויב דאָך ניט, אַז דו ביסט עס... אוי, אונגליק! אונגליק! ניין, ניין! איך גלויב ניט, עס קען ניט זיין! עס קען ניט זיין!

זשעני: יאַ, עס איז אונגלויבליך, אָבער עס איז דאָך אַ טרויערינגער פאַקט... איך האָב שטאָלצירט מיט מיין שעהנקייט, האָט מיך די נאַטור בעשטראָפט... איי, לעאָפּאָלד, וואָס וועט איצט זיין מיט מיר? לעאָפּאָלד, לאָז מיך ניט פערצווייפלען, קום אהער... (ער געהט אונוווילענדיג) דו ווייס ניט, ווי זעהר איך האָב דיך ליעב, און ווי

שטאַרק איך לייד, איך וויל דיך צודריקען צו מיין קראַנק האַרץ, און...
(ער מאַכט זיך, אַזוי ווי ער בעמערקט ניט, אַז זי וויל איהם אומאַרמען און קערט זיך אַב) איך מוז דיך פרעגען, וואָס וועט איצט זיין, לעאָ־פאָלד? וואָס וועט זיין? (ער ווישט זיין געזיכט).

באַבע: (פאַר זיך) יאָ, מען מוז פרעגען, וואָס וועט איצט זיין? איך אַליין ווייס אויך ניט...

לעאָפאָלד: (זעצט זיך אַן אַ זייט) אַ, שיקזאַל, דאָס האָסטו מיר פערשפּראָכען. (שטיל) דאָך... אַזאַ רייכטום... וואָס קען מען העלפען? דאָס גרעסטע טייל פון גליק איז דאָך געבליבען... און דאַן וויפיעל מען וועט רעדען פון מיין נאָבעלער טהאַט: ער האָט זי ניט פערלאָזען... ער איז געבליבען טריי זיין וואָרט... ער האָט געהאַנ־דעלט ווי אַן ערעלמאַן, ווי אַ ריטער... לעאָפאָלד שוויינהאָפער ווערט פּלוצלונג אַ העלד...

זשעני: אָה, לעאָפאָלד, דו שווייגסט... איך ווייס, דיר איז שווער... אָבער דאַרפסט זיך ניט צווינגען צו רעדען, איך פערשטעהע שוין דיין ענטפער... יענע זשעני, וועלכע דו האָסט דיין וואָרט גע־געבען, לעבט ניט מעהר... ביסט פריי און בלייבסט אַן עהרליכער און בראַווער מאַן... איך האָב איצט קיין רעכט צו פּרעטענדירען.

לעאָפאָלד: ניין! דו האָסט מיך ניט פערשטאַנען. גע־וויס, דיין אונגליק האָט מיך איבעררראַשט, אָבער איך וועל זיך אַליין קיין מאָל פאַר קיין עהרליכען מאַן ניט רעכענען, אויב איך וועל דיר איצט פערלאָזען. יאָ, זשעני, אַן עהרליכער מאַן בין איך און נעהם ניט מיין וואָרט צוריק...

זשעני: אַ, געליעבטער, ווי גליקליך איך בין!... לעאָפאָלד, שעהנקייט איז ניט אַלעס. אַ גוטעס, ליעבענדעס האַרץ, אַן ערעלער כאַראַקטער, אמת'ע פריינדשאַפט און איבערגעבענהייט זיינען אויך וואָס ווערט, ניט וואהר?

לעאָפאָלד: יאָ, זשעני, איך ווייס, דו וועסט מיין טרייער פריינד זיין.

זשעני: און אַ פלייסיגע מיטאַרבייטערין און מיטהעלפערין.

לעאָפאָלד: דו ביסט געשיקט, קלוג, אינטעליגענט. וועסט זיין אַ זעלטענע פרוי, אַ מערקווירדיגע מוטער, אַ גוטע ווירטהין. איז

דען דאָס ניט דער פונדאַמענט, אויף וועלכען דאָס פאַמיליען־לעבען איז געבויט?

זשעני: אַ, ווי נאָבעל, ווי גרויסמוטיג!

באָבע: (שטיל) נו, האָסטו געדאַרפט פּאַקען?...

זשעני: (שטיל) האָב נאָך צייט. (הויך) גוטער, נאָבעלער לעאָפּאָלד, נאָך קיינמאָל איז אַ מאַן אַזוי געליעבט געווען, ווי דו. גלויבסטו דאָס?

לעאָפּאָלד: יא, איך גלויב פון גאַנצען הארצען.

זשעני: קען דען אַזאַ ליעבע ניט גליקליך מאַכען?

לעאָפּאָלד: אַ, פּאָלקאָמען, מען דאַרף גאָר ניט... קיין זאַך מעהר!

זשעני: אַ, גאָט, ווי גליקליך איך בין! יא, לעאָפּאָלד, איצט בין איך רוהיג. איצט האָב איך קיין מורא ניט דיר נאָך אַ ניט זעהר וויכטיגע נייעס צו ענטדעקען... זעהסטו, ווען איך בין אונ־ערוואַרטעט אַזוי העסליך געוואָרען, האָט עס מיך זעהר ווייניג געקי־מערט, דאָס די פופציג טויזענד אויף וועלכע דו האָסט גערעכענעט...

לעאָפּאָלד: (דערשראָקען) וואָס איז דען מיט'ן געלט?

זשעני: מיין אָנקעל, באַנקיער ליליענבלום, האָט דאָס געלט נאָך לאַנג פאַר מיין קראַנקהייט אויף דער בערזע פערלוירען.

לעאָפּאָלד און די באָבע: פערלוירען דאָס געלט?!

זשעני: ווען איך בין געווען שעהן, האָט עס מיך זעהר ווייניג געקימערט, איך וויים, דאָס מענער בעצאָהלען אָפט מעהר פון פופציג טויזענד פאַר אַ שעהנער פרוי...

לעאָפּאָלד: דאָס געלט פערלוירען!

זשעני: יא! אָבער איצט שפּיעלט דאָס ביי מיר קיין ראָ־ליע... דיינע נאָבעלע ווערטער האָבען מיך גאַנץ בערוהיגט... יא! יא! דו האָסט רעכט... די ליעבע גיט אונז דאָס פּאָלקאָמענע גליק און מעהר דאַרפען מיר גאָרנישט, קיין זאַך מעהר... דאָס געלט קימערט מיך איצט ניט אויף אַזוי פיעל! אַ, באָבעניו, ווי גליקליך איך בין!

באָבע (ערנסט): גליקליך! וועה איז מיר, פון געלט האָב איך גאָר ניט געוואוסט...

לעאָפּאָלד: פערלוירען דאָס געלט! הם! אָבער ווי האָט

ער געוואגט מיט דיין געלט שפּיעלען אויף דער בערזע? אזא געמיי־
נער מענש!

זשעני: איך האָב איהם ערלויבט, איך האָב געוואָלט פּרובען
מיין גליק...

באָבע: (אויסער זיך) פאר וואס האסטו מיר ניט געזאָגט?
אפשר וואָלט איך דיר ניט געראטען...

זשעני: (צו דער באָבע) איך דארף ניט קיין ראטגעבער.
(צו איהם) איך האָב געמיינט מיר וועט גליקען צו פערדאָפּלען מיין
קאפּיטאל און דאס וועט פאר אייךביידע זיין א סורפּרייז.

לעאָפּאָלד: דו האסט קיין רעכט ניט געהאט צו ריזיקירען
מיט דיין גאנצען פערמעגען. בין איך דען ניט פעראינטערעסירט אינ׳ם
געלט גראדע ווי דו?

זשעני: יא, איך האָב געמיינט, מיין געלט שפּיעלט ביי
דיר סאי ווי סאי קיין גרויסע ראָליע... דו ביסט א בעריהמטער אד־
וואקאט מיט א גרויסער פּראקטיקע, פערדיענסט יעדען יאָהר צעהן,
פופצעהן טויזענד דאָלאר. נו, וועל איך געווינען — וועסטו געוויס
זיין צופרידען, ווען אָבער איך וועל פערשפּילען, וועט עס דיר זעהר
ווייניג קימערען, ניט וואהר?

לעאָפּאָלד: דו רעדסט דומהייטען! דו ביסט אן אונער־
פאהרענעס מעדכען און דיין אָנקעל האט קיין רעכט ניט געהאט צו
ריזיקירען מיט מיין געלט... עס איז א קרימינעלעס פערברעכען... עס
איז א שווינדעל! ער וועט מיר בעצאָהלען דאס געלט, אדער ער וועט
איינגעשפּארט ווערען אין געפענגניס! (פאר זיך) געלט אויך ניט?
טייוועל, דאָנער וועטער!

זשעני: פערפאָלגען מיין אָנקעל? ניין, דאס ערלויב איך
ניט... פאר מיינע פאנטאזיען דארף דער אָנקעל ניט פעראנטוואָרטליך
זיין!

לעאָפּאָלד: אזוי מיינסטו... די געזעצען אָבער זאגען אנ־
דערש!

זשעני: ניין! איך ערלויב ניט!

לעאָפּאָלד: דו ערלויבסט ניט, אָה, איהר ערלויבט ניט?
איהר זייט א זעלבסשטענדיגער מענש? מיט אייגענאַרטיגע פאנטא־
זיען? איהר דארפט קיין געלט ניט? איהר דארפט קיין ראט ניט?

זעהר גוט, האנדעלט ווי איהר פערשטעהט, און טהוט וואָס איהר ווילט. (טהוט אָן זיין הוט און נעהמט זיינע זאַכען).

ז ש ע נ י: (פערצווייפעלט) וואָס ווילסטו טהאָן, לעאָפּאָלד? אָ, פערלאָז מיך ניט, איך בין נאָך אזוי שוואך, אזוי קראנק.

ל ע אָ פּ אָ ל ד: (מאַכט זיך פערטיג צו געהן) איך בין ניט קיין דאָקטאָר...

ז ש ע נ י: בין איך דיר דען ניט געווען טייער? האָסטו דען מיר ניט געליעבט?

ל ע אָ פּ אָ ל ד: יא, געוויס, אָבער איך זעה, מיר האָבען איי־נער דעם צווייטען ניט פערשטאַנען. און גאָט זיי דאנק, עס איז נאָך ניט שפּעט. (וויל געהן).

ז ש ע נ י: (רעדט ווי אַ געזונטע) יאָ, גאָט זיי דאנק, עס איז נאָך ניט שפּעט!... איין מינוט, הערר לעאָפּאָלד שווייגהאָפער, איך דארף אייך נאָך עפּעס מיטטיילען... באָבעניו, קום אהער (זאָגט עפּעס דער באָבע אויפ'ן אויער).

ב אָ ב ע: אזוי? אָי, דו... און איך האָב געמיינט... (שטיל) מען קען אָנהויבען פּאַקען פון דיר...

ז ש ע נ י: טס! הערר שווייגהאָפער, איין מינוט... (ווינקט) אָי, די פּאַקען, די פּאַקען! וואָס האָבען זיי פון אונזער ליעבע געמאַכט! (אב.)

ב אָ ב ע: הייסט עס, איהר פאָהרט אוועק?

ל ע אָ פּ אָ ל ד: יא, מאַדאַם.

ב אָ ב ע: אָבער איך האָף, ניט אויף לאַנג.

ל ע אָ פּ אָ ל ד: איך פאָהר, אום קיינמאָל זיך ניט אומצוקעה־רען...

ב אָ ב ע: ווען עס אייך דען ניט פערדריסען? איהר האָט דאָך זי טאַקע אזוי ליעב געהאַט?

ל ע אָ פּ אָ ל ד: איהר זייט אַ קלוגע אידענע, איך מעג מיט אייך רעדען גאנץ אָפען. זאָגט אַליין, עס איז אַ פערגעניגען צו האָבען אזא פרוי?... געוויס, איך האָב מיט איהר מיטלייד, אָבער... אָבער פאר וואָס זאָל איך מיין לעבען אָפּפערען?... נאַטירליך, ווען זי זאָל האָבען די פופציג טויזענד, נו, קען מען זיך טרייסטען אמווענינגסטען מיט'ן געלט... אָבער ווען קיין געלט איז אויך ניטאָ? ווארום זאָל

איך אזוי אונפּראַקטיש, אזוי דום זיין? איך בין ניט קיין שוואַ־כער, כאַראַקטערלאָזער מענש, וועלכער אָפּערט זיך ווייל ער האָט קיין מוט ניט צו האנדלען אזוי ווי ער פיהלט... געוויס, עס טהוט מיר לייד, אָבער איך בין אַן אויפריכטינער מענש און איך זאָג די וואַר־הייט.

ב אָ ב ע : יא, די וואַרהייט... איי, עס איז א ביטערע זאַך מיט דער וואַרהייט.

ל ע א פּ אָ ל ד : יאָ, די וואַרהייט איז מאַנכעסמאָל זעהר בי־טער. אָבער דאָס איז ניט אונזער שולד, דאָס איז די שולד פון דער וואַרהייט.

ב אָ ב ע : יא, די וואַרהייט איז נעבעך שולדיג... אָבער זעהט נאָר, אייך זאָל היינט אויך ניט ביטער ווערען פון דער וואַרהייט...

ל ע א פּ אָ ל ד : וואָס מיינט איהר?

ב אָ ב ע : און וואָס מיינט איהר?

ל ע אָ פּ אָ ל ד : ניין, זאָגט אַליין, נעהמען אזא פרוי! צווי־שען אונז גערעדט, זי איז דאָך איצט אַן אבשייליכע, שרעקליכע מיאוס׳קייט.

ב אָ ב ע : מיין זשעני אַן אבשייליכע? יונגערמאַן, איהר האָט זיך ניט גוט צוגעקוקט.

ל ע אָ פּ אָ ל ד : געוויס, זי איז אייער קינד, אָבער איז דען דאָס ניט וואהר? (זשעני קומט אריין, אָבגעווישט די פלעקען פון פּנים, דעם פּאַריק אין האַנט, געקליידעט ווי ביי דער ערשטער ערשיינונג, ער בעמערקט זי ניט).

ל ע אָ פּ אָ ל ד : ווי? נעהמען א ווייב אָהן געלט, נאָר מיט נאַרישע פאַנטאַזיען און מיט אזא העסליכען געזיכט.

ז ש ע נ י : נו, איך מיין, זעהר העסליך איז דאָס נאָך ניט... (בלייבט שטעהן ביי דער טהיר).

ל ע אָ פּ אָ ל ד : (ערשטוינט) ווי? איך פערשטעה ניט! וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

ב אָ ב ע : (פאַר זיך) זי האָט שוין איבערגעפּאַקט; איצט וועט ער פּאַקען...

ל ע אָ פּ אָ ל ד : איך קען ניט פערשטעהן... וואָס הייסט עס? מיין גאָט, איך קען ניט בעגרייפען...

ז ש ע נ י : עס איז ניט אזוי שווער צו בעגרייפען... זעהט, דער פאַבריק קען אייך אַלעם ערקלעהרען (מעסט אָן דעם פאַבריק און שמייסט איהם פאָרט).

ב אָ ב ע : זי האָט ניט געפּאַקט... און איהר אָנקעל, דער באַנ־קיר, האָט ניט געמאָזעלט...

ל ע אָ פּ אָ ל ד : א קאָמעדיע? א מאַסקאַראַד? פּי!

ז ש ע נ י : ווארום פּי? טהוט איהר דען דאָס ניט יעדען טאָג? איהר אלס אדוואָקאט, מאַכט יעדען טאָג, מיט פאַלשער פאַרב, פון העסליך שעהן, — איך האָב געטהאָן פערקעהרט...

ל ע א פּ אָ ל ד : א פאַרשטעלונג... (פריינדליך) זשעני, איהר האָט מיך געוואָלט מיסטיפיצירען, אָבנאַרען... און אויב דערפון זיינען פאַר אייך אַרויסגעקומען אונאַנגענעהמליכקייטען, איז דאָס אייער איי־גענע שולד.

ז ש ע נ י : נו, געוויס, איך מאַך קיינעם ניט שולדיג...

ל ע אָ פּ אָ ל ד : (ווערט פרעהליך) אָבער ווי פרעהט עס מיך, וואָס דאָס אַלעס איז געווען ניט מעהר ווי א שפּאַס... אַה, באַבעניו, ווי געפעלען אייך איהרע איינפאַלען? כאַ, כאַ, כאַ!

ב אָ ב ע : איהר זאָגט בעסער, ווי געפעלען אייך איהרע איינ־פאַלען?

ל ע אָ פּ א ל ד : אָבער עס איז געווען א שעהנער שפּאַס... כאַ, כאַ!

ז ש ע נ י : האָט איהר אויך ניט מעהר ווי שפּאַס געמאַכט? הא?

ל ע אָ פּ אָ ל ד : איך? ע... די ווארהייט געזאָגט, איך האָב עס גענומען ערנסט... ענטשולדיג מיר, טייערע, איך בין ניט קיין ענ־געל...

ז ש ע נ י : ענגעל? מען דאַרף ניט זיין קיין ענגעל. עס וועט זיין גאַנץ גענוג יעדער מענש זאָל א מענש זיין...

ל ע אָ פּ אָ ל ד : יאַ, מענש איז ניט מעהר ווי מענש... כאַ, כאַ, כאַ! אָבער דאָס איז געווען א שעהנער שפּאַס.

ז ש ע נ י : ליעבער פריינד, איהר מיינט, עס איז געווען בלויז א שפּאַס? זאָג איך אייך, אז איך האָב געוואָלט אויפלעזען איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען פון מיין לעבען. איהר מיינט, מען האָט אייך

גענאַרט און מיסטיפיצירט, זאָג איך אייך, אז איך האָב אַליין ניט גע־וואָלט גענאַרט און מיסטיפיצירט זיין פון דעם וועמען איך האָב געהאַט די אַבזיכט צו אָפּפערען מיין הארץ און מיין גאַנץ לעבען!... ווען מען האָט אונז פרויען ליעב, דאַרף פאַר אונז וויכטיג זיין, ניט די ליעבע פון די מענער, נאָר די אורזאַכע פאַר וואס זיי האָבען אונז ליעב... די ליעבע, וועלכע איז געגרינדעט אויף מאַטעריעלע אינטערעסען אָדער אויף אונריינע, בעסטיאַלע געפיהלען, איז קיין ליעבע ניט... אויף אַזאַ ליעבע בויען דאָס גליק פונ'ם גאַנצען לעבען איז גראַדע ווי צו בויען א גרויסען מויער אָהן א פונדאַמענט...

ב אָ ב ע: דאָס איז יאָ ווי דער עברי־טייטש זאָגט אין פּרק: די ליעבע וואָס הענגט אויף א זאַך, איז איהר סוף ניט מקוים צו ווע־רען.

ל ע אָ פּ אָ ל ד: איך מוז געשטעהן, אז איך האָב ניט געוואוסט, דאָס איהר זייט אימשטאַנד אזוי טיעפזיניג צו דענקען.

ז ש ע נ י: דאָס איז דאָך דאָס אונגליק. מיר געפעלען אייך איידער איהר קענט אונז. איהר שעצט אונז אָב איידער איהר פער־שטעהט אונז... איהר גיט אייך ניט די מיה אונז לערנען צו קענען. איך אינטערעסירען ווייניג אונזערע געדאַנקען און געפיהלען... האָט איהר נאָר בערעכענט, אז די און די מעג זיין אייער ווייב, טהוט איהר אונז א טובה און איהר נעהמט אונז...

ב אָ ב ע: נאָר, און וויפיעל מאָל קריכען זיי דערפאַר אליין אריין ווי בלינדע פערד אין גרוב אריין.

ל ע אָ פּ אָ ל ד: איך גיב צו, איך האָב פערדיענט, איהר זאָלט מיך אויסשטראָפען... איצט אָבער, גענוג, גיט מיר אייער האַנט און מיר וועלען ווידער גוטע פריינד ווערען.

ז ש ע נ י: איצט ווילט איהר פון אַלעם מאַכען א שפּאַס? דאָס וועט אייך ניט געלינגען... הערר אדוואָקאַט, ניט דאָס האָב איך ער־וואַרטעט פון דעם מאַן וועלכער האָט געדאַרפט זיין ניט נאָר מיין הערר געמאַהל, נאָר אויך מיין אויסערוועהלטער, מיין געליעבטער.

ל ע אָ פּ אָ ל ד: איך פערשטעה ניט, וואָס אייגענטליך האָט איהר ערוואַרטעט פון מיר. מען דאַרף אונז מענער ניט אידעאַלי־זירען... פון מיר ווי פון יעדען מאַן האָט איהר געקענט ערוואַרטען נאָר דאָס, וואָס מען דאַרף פון א מאַן ערוואַרטען.

ז ש ע נ י : ווען מען האָט אייך געשריעבען, אז איך בין גע־פעהרליך קראַנק, האָב איך ערוואַרטעט, איהר וועט קומען מיט'ן ערש־טען צוג, דערשראָקען, בעזאָרגט, פערצווייפעלט... איהר אָבער האָט געשיקט אנשטאט זיך, אן אָפיציעלען בריעף מיט דער פראַגע: דאַרף מען אייך דאָ האָבען צי ניין?... ווען מען האָט אייך געשריבען דאָס מיין קראַנקהייט איז געפעהרליך אנשטעקיג, האָב איך ערוואַרטעט, איהר וועט געוויס קומען...

ל ע אָ פּ אָ ל ד : איך האָף, איהר ווילט ניט בעהויפּטען, ווי אַלע אונוויסענדע מענשען, דאָס מ'דאַרף ניט זיין פאָרזיכטיג מיט אָנשטעקיגע קראַנקהייטען?

ז ש ע נ י : ניין! דאָס וויל איך ניט בעהויפּטען, אָבער איך וויל בעהויפּטען דאָס וואהרע ליעבע פרעגט ניט, וואס מען טאָר און וואָס מען טאָר נים. וואהרע ליעבע שרעקט זיך ניט פאַר געפאהר און וואַרט ניט אויף דער ערלויבניש פון א דאָקטאָר. אָבער אויסער דעם, ווער דאַרף בעדיענען און אָבהיטען אנשטעקיגע קראַנקע? פרעמ־דע, גלייכגילטיגע מענשען, וועלכע האָבען קיין ליעבע און קיין מיטגע־פיהל צום קראַנקען, וועלכע האָבען מורא זיך אָנצושטעקען, וועלכע זיינען געגען זייער ווילען און דורך זייער נויט, געצוואונגען צו בע־האַנדלען אזעלכע קראַנקע? זיי, אדער אייגענע, ליעבענדע מענשען זיינען פערפליכטעט צו אָפּפערען זייער לעבען פאַר די, וועמעס לע־בען זיי איז טהייער? איך מיין, ווען איהר זאָלט זיין קראַנק, וואָלט איך געוויס געקומען צו אייך... ווען אייער קראַנקהייט וואָלט גע־ווען אָנשטעקיג, וואָלט איך גאָר אָהן צווייפעל, באלד געווען ביי אייך. ווארום אין אזא פאַל קען גוט ווארטען און בעדיענען, נאָר א מענש, וואָס ליעבט און איז איבערגעבען... פערשטעהט איהר דאָס?

ל ע אָ פּ אָ ל ד : אַ, סענטימענטאַליזם!

ז ש ע נ י : אַ, איהר עגאָאיסטען! איך ווייס, איהר האָט פיינט צו זיין סענטימענטאַל, ווען עס האַנדעלט זיך פון אַן אַנדערען... ווען עס האַנדעלט זיך פון אייך אָבער, געפעלט אייך זעהר, מיר זאָלען זיין סענטימענטאַל.... נאָר דאָס מאַכט נים... געגען אייך רעדט מעהר פון אַלעם, ווי איהר האָט געהאַנדעלט מיט'ן געלט... פע! אזא מאַ־טעריאַליזם מאַכט דעם מענשען אבשייליכער ווי די קראַנקהייט פּאָקען.

ל ע אַ פּ אַ ל ד: אַזוי? נו, אמת, איך בין קיין אידעאַליסט ניט...

ז ש ע נ י: לײדער — ניט... איך וואָלט אייך פּערגעבען, וואָס איהר זייט אַן עגאָאיסט. אַלע מענער זיינען עגאָאיסטען... אַן „ער" מוז זיין אַן עגאָאיסט. וואס מעהר „ער" אַלץ מעהר עגאָאיסט... אָבער איך האָב ערוואַרטעט, דאָס איהר, אַלס אַנשטענדיגער עגאָ־איסט, וועט אָפּען זאָגען: איך וויל ניט האָבען קיין העסליכע פרוי... איהר אָבער האָט עס ניט געזאָגט, זאָלאַנג איהר האָט געמיינט, איך האָב געלט... איך האָב בעמערקט, מיט וואס פאַר אַ געפיהל פון עקעל, איהר האָט זיך אָבגעקערט פון מיר, ווען איך האָב אייך געוואָלט אומ־אַרמען, און דאָך צוליעב די פופציג טויזענד האָט איהר געוואָלט נעה־מען אַ פרוי, וועלכע איז אייך העסליך, אָבשטויסענד, אונערטרעג־ליך... הערר אדוואָקאַט, איהר האָט אייך געוואָלט פערקויפען פאַר געלט. אַ, הויכווירדיגער הערר, איהר זייט ערגער פון אונגליקליכע גאַסען־פרויען, וועלכע פערקויפען זיך צו די אויסגעלאַסענע מענער. זיי צווינגט די נויט און אייך — אַ פּראַקטישע רעכנונג! ווען איהר האָט געמיינט, אַז איך האָב געלט, האָט איהר געזאָגט, אַז מען דאַרף קיין זאַך אויסער ליעבע, איהר האָט הויך געשעצט די גייסטיגע טו־גענדען פון דער פרוי, איהר איבערגעבענהייט און טרייהייט, איהר האָט דאכט זיך גערעכענט אַז טייערער פון אַלעם איז אַן אינטעלי־גענטע מוטער, אַ געבילדעטע פרוי, אַ געשיקטע ווירטהין אין הויז. אָבער קוים האָב איך נאָר אויסגערעדט, אַז איך האָב די פופציג טוי־זענד פערלוירען, האָבען שוין די אַלע טוגענדען, דאָס גאַנצע גייס־טיגע רייכטום פערלוירען זייער ווערטה... איהר האָט שוין גענאָמען אייער הוט און איהר האָט געאײלט צו פאָהרען... איהר האָט קיין צייט ניט געהאַט, האַ?

ל ע אַ פּ אַ ל ד: אָבער...

ז ש ע נ י: קיין „אָבער", הערר לעאָפּאָלד... איך ווייס, איהר זייט אַ בעשעפטיגטער מענש, די קליענטען ערוואַרטען אייך... די צייט איז ביי אייך ווירקליך זעהר טייער און איך האָב קוים רעכט, אייך לענגער דאָ צו פערהאַלטען. און בעצאָהלען אייך דערפאַר מיט מיין געלט, האָב איך קיין אַבזיכט.

ל ע אַ פּ אַ ל ד: (סאַרקאַסטיש) אַ, דאַנקע, איך בין שוין בע־

לוינט... איך האָב אייך נעהענטער דערקענט און בין איבערצייגט, דאָס א פרוי, מיט אזעלכע גרויסע פאָדערונגען וואָלט מיך קיינמאָל ניט גליקליך געמאַכט.

זשעני: אויפריכטיגע, עהרליכע געפיהלען — דאָס הייסט ביי אייך צו גרויסע פאָדערונגען? איהר ווילט א פרוי זאָל אייך אָבגעבען איהר פערמעגען, אָפּפערען איהר לעבען, איהר זעעלע, איהר הארץ, איהר קערפּער און זאָל קיינע פאָדערונגען האָבען? ווי גרויס־מוטיג! פאַר פופציג טויזענד וואָלט ער מיר ערלויבט זיין אייביגע שקלאַפין צו זיין... ענטשולדיגט, איהר האָט ניט געטראָפען די ריכטיגע אדרעסע... האָבע די עהרע צו ווינשען אייך (ציינט אויף דער טהיר) א גליקליכע רייזע, אַ־רע־וואואר! (ער נעהמט זיינע זאַכען און געהט). באָבעניו, היינט האָבען (זי אומאַרמט די באָבע) מירביידע גוט געשפּיעלט, מיר ביידע פערדיענען אַפּלאָדיסמענטען.

לעאָפּאָלד: (ביי דער טהיר) קאָמעדיע!

זשעני: זיי מיינען, עס איז א קאָמעדיע! אוי, זיי ווייסען ניט, ווי טראַגיש אונזערע ראָליען זיינען!... (וויינט).

(פאָרהאַנג).

קאַפּיטאַן דרייפוס

אַ דראַמאַטישע סצענע אין איין אַקט

פון יעקב גאָרדין

דיזער איין־אַקטער, וואָס איז געשפּיעלט געוואָרען פון יעקב אַדלער, איז געשריבען געוואָרען מיט אַ יאָהר 19־20 יאָהר צוריק. צו יענער צייט, ווי עס איז נאָך צום טייל דער פאַל איצט, פלעגען אין אידישען טהעאַטער אָפּט געשפּיעלט ווערען צייט־פּיעסען. על כל צרה שלא תבוא: אַ סענסאַציאָנעלער מאָרד, אַ גרויסער סטרייק, אַ גרויסע עקספּלאָזיאָן, אַ פערפלייצונג, אַ גזרה אויף אידען, פלעגט וועגען דעם באַלד אַרויפשווימען אַ פּיעסע. דער גרעסטער מאַדים אויף אַזעלכע טהעאַטער־שטיק איז געווען פּראָפעסאָר מ. הורוויץ, וועל־כער פלעגט זיי פאַבריצירען מיט אונגלויבליכער שנעלקייט. פערשטעהט זיך, אַז ער האָט אויך די מעשה־דרייפוס ניט אויסגעלאָזען.

דאָס פאָלגענדע ווערק איז, ווי ווייט ס'איז מיר בעקאַנט, גאָרדין'ס איינ־ציגער צינז צום דערמאָנטען אידישען טהעאַטער־מנהג און צו דער בעריהמטער „אַפּער“. עס איז צום בעוואונדערען, וואָס כאָטש גאָרדין איז נאָך דעמאָלט געווען אין זיינע לעהר־יאָהרען אַלס אידישער דראַמאַטורג און אידישער שרייבער בכלל, איז דאָך דיזער איין־אַקטער געשריבען עכט דראַמאַטיש, קרעפ־טיג און אין אַ סטיל וואָס האָט פאַרב און שוואונג. — י. ע.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזער־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

אלפרעד דרייפוס.
לוסיא, זיין פרוי.
זייער קינד.
קאָלאָנעל הענרי.
מיליטערישער אויבער־ריכטער.
אָפיציער נומער 1.
געפענגנים־וועכטער.
גענעראלען, אָפיציערען, סאָלדאטען, פאָלק.

(ערשטעס בילד.)

אָווערטיורע — דאָס רוישען פון ים.

(אן ענגעס, דונקעלעס צימער אין געפענגניש אויפ'ן טייוועל'ס אינזעל. האלב אין די קוליסען א בעטעל, לעבען בעטעל א טישעל. דרייפוס, וועלכער איז אויף אַ לאַנגער קייט צוגעשמידט צום וואַנט, געהט עטליכע מאָל איבער'ן צימער און זעצט זיך אויפ'ן בעטעל. ער שווייגט. עס הערט זיך ווי דער ווינט יאָמערט און דער ים רוישט. פויזע. פלוצלונג שאָלט ווייט אַ האָרן און עס שלאָגט אַ פויק. דרייפוס כאַפּט זיך אויף אויפגערעגט און גיט א געשריי: „די צווייטע וואך", און הערט זיך איין ביז עס ווערט שטיל.)

דרייפוס: שוין, גענענדיגט! מיט אונגעדולד ערוואַרט איך יעדע נאַכט דעם אויגענבליק, ווען די צווייטע וואך קומט. דאָס אייביגע און מאָנאָטאָנע רוישען פון ים זעגט מיר די נערוועז ווי מיט א טעמפער זעג... יעדעס מאָל ווען דאָס וואסער שלאָגט זיך אָב אָן ברעג, גיט עס א קלאַפּ ווי מיט א האַמער איבער מיין קראַנק הארץ... פלוצלונג, אין דער שטילער פינסטערניס פון דער שרעקליכער נאַכט שאַלען אויף טענער, וועלכע גיבען מיר צו וויסען, אַז דאָ, ארום מיר רוישט נים נאָר די שטומע נאַטור — טענער קאַלטע און נים פיהלענדע, — וועלכע דערמאָנען מיך, אַז דאָ, אויפ'ן טייוועל'ס אינזעל

געפינען זיך אויף לעבעדיגע בעשעפעניסען... איך הער טריט פון פיע־לע מענשען, וועלכע מאַרשירען צוזאַמען, און איך פערגעס אויף אַן אויגענבליק מיין איינזאַמקייט און שרעקליכען עלענד... ווידער שטיל אויפ׳ן שווארצען אינזעל און איך בין ווידער אַליין. ווען איך בין גע־ווען אַרומגערינגעלט פון טויזענדער לעבעדיגע פריינדליכע און זאָ־גאַר פיינדליכע מענשען, האָב איך גאָר ניט געדענקט, וואָס פאַר אַ גליק עס איז צו זיין אין זייער מיטע. ווען איך האָב גערעדט צו אַלעמען און אַלע האָבען גערעדט צו מיר, האָב איך גאָר ניט פער־שטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויס גליק, וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד עס איז צו הערען דעם מענשענ׳ס שפּראַך, צו הערען זיין שטימע. דאָ, אין מיין פינסטערען קבר בין איך אַרומגערינגעלט פון שטומע און שפּראַכלאָזע חיות. מע רעדט צו מיר ניט און מע ענטפערט מיר ניט!... אַלע אונרעכטען וואָלט איך זיי פערגעבען, אַלע גרויזאַמקייטען וואָלט איך פערגעסען, ווען זיי זאָלען מיר נאָר געבען אַ געמיינעם, ווילדען און אבשייליכען פערברעכער, ער זאָל דאָ זיצען מיט מיר און איך זאָל קענען רעדען צו איהם און הערען זיין שטימע... (ער לויפט צום וואַנט און קלאַפּט) ניין! איך וויל ניט בלייבען אַליין! מיין איינזאַמ־קייט שרעקט מיך! איך וויל זעהן דאָס געזיכט פון מיין פייניגער... איך וויל אַם וועניגסטען הערען דעם אָטעם פון מיין טיראַן!... קום אַהער! קום צו מיר! (דער וועכטער ערשיינט מיט אַ לאַמטערנע.)

ו ו ע כ ט ע ר (מאַכט אַ מינע, ווי ער פרעגט איהם וואָס ער וויל.)

ד ר י י פ ו ס: דו פרעגסט מיך, וואָס איך וויל? גאָר ניט. איך וויל דיך זעהן. איך וויל הערען דיינע טריט, איך וויל הערען דעם קלאַנג פון דיינע שליסלען, איך וויל זעהן דיעזע, בלאַסע שטראַהלען פון דיין לאַמטערנע... איך האָב מורא זיין דאָ אַליין מיט מיינע גע־דאַנקען פון פערצווייפלונג. (דער וועכטער ווייזט מיט׳ן האַנט אויפ׳ן בעטעל.)

ד ר י י פ ו ס: שלאָפען? איך קען ניט. דער שלאָף לויפט פון מיינע אויגען אַזוי ווי דאָס מיטלייד איז ווייט פון אייערע הער־צער... מיינע קרעפטען פערלאָזען מיך... קערקער־מייסטער! הענקער! מענש! ברודער! איך בין קראַנק! איך בין קראַנק! (וויינט און פערדעקט זיין געזיכט.)

ו ו ע כ ט ע ר: (טרייסעלט איהם שטאַרק פאַר׳ן קאָלנער פון כאַ־לאַט, ווייזט בייז אויפ׳ן בעטעל און סטראַשעט מיט׳ן פויסט. אב.)

ד ר י י פ ו ס: ווידער פינסטער און שטיל, און דאָרט ווייט, אין דעם שעהנעם פּאַריז קאָכט איצט און שטורעמט, אַלע גאַסען זיינען פערגאָסען מיט עלעקטרישען פייער, מענשליכע שטימען קלינ־גען און שאַלען, אין די אָפּערען־זאַלען רוישט מוזיק, די פערשידע־נע קאַפע־הייזער זיינען פול מיט פרעהליכע בעזוכער... וואָס פאַר אַ שרעקליכער קאָנטראַסט! מיין טייערע, ליעבע פרוי שלאָפט דאָרט איצט געוויס מיט אַ שווערען, אומרוהיגען שלאָף. דער שעהנער, לוס־טיגער פּאַריז איז פאַר איהר דער פינסטערער אינזעל פון׳ם טייוועל. מיינע זיפצען און קרעכצען ווערען ניט צושלאָגען דאָ אָן דיזע שוואַר־צע וועגט — ניין! איבער׳ן אָקעאַן טראָגען זיי זיך צו איהר.... זי הערט און זי פיהלט און זי ליידט. לוסיא, איין בליק אויף דיר און דאַן שטאַרבען. (פלוצלונג פערווירט) איך געה פון זינען אַראָפּ. איך וועל מיין קאָפּ אָן וואַנט צושמעטערען, איך וועל זיך אליין מיט מיין אייזערנער קייט דערווערגען! איך וויים, מיינע טיראַנען ערוואַרטען עס, זיי פערלאַנגען עס... דער טויט קען מיך בעפרייען פון אַלע שמער־צען אין לעבען... און איך דאַרף, מוז נאָך לעבען. איך דאַרף לעבען אום צו רעטען מיין נאָמען און די עהרע פון מיינע קינדער. איך מוז לעבען, אום אָבצורייניגען דעם שענדליכען פלעק פון מיינע אומ־שולדיג־ליידענדע ברידער, די אידען... ניט נאָר די אידען! אַ שענד־ליכער פלעק ליעגט אויף דער גאַנצער ציוויליזאַציאָן, אויף דער גאַנ־צער מענשהייט, און איך מוז לעבען ביז דער פלעק וועט ריינגעוואַ־שען ווערען... ניט איך אליין, ניט אַלפרעד דרייפוס אליין שמאַכ־טעט דאָ אין געפענגנים, אויפ׳ן טייוועל׳ס אינזעל. מיט מיר צו־זאַמען שמאַכטעט דאָ אַלעס וואָס קען גערופען ווערען מיט׳ן נאָמען מענש און מיט׳ן נאָמען הומאַניטעט!... (דער ים רוישט.) אַנדערע גליקליכע שלאָפען איצט און צו מיר קומט ניט דער שלאָף... פריהער פלעגט דאָס רוישען פון ים מיך איינוויעגען, פערהיפּנאָטיזירען, און איצט, פערקעהרט, רייצט דאָס מיך אויף און מאַכט מיך אונגעדולדיג, אונרוהיג... איך דעק זיך איבער איבער׳ן קאָפּ, איך פערשטאָפּ מיי־נע אויערען, און איך וויל ניט הערען דאָס גערויש, איך וויל אַנטלוי־פען פון דעם, און עס רוישט, עס רוישט אונענדליך... דער אָקעאַן רוישט לעבען מיר, אַרום מיר, אין מיר, אייביג איינס און דאָס זעל־בע... ניט דער אָקעאַן רוישט דאָס, דאָס שרייען צום הימעל די טרעהרען פון אונגליקליכע! ניט דער ווינט יאָמערט עס, דאָס טראָ־

נען זיך איבער דער וועלט די זיפצען און קרעכצען פון מענשען!
(דער ים רוישט) מיט וואס קען מען פערטױיבען דיזען אייביגען גע־
רויש און יאָמער? (שרייט) הערט אויף! הערט אויף! הערט אויף!

ו ו ע כ ט ע ר: (קומט אריין און ווייזט בייז, ער זאָל זיך גלייך לייגען שלאָפען.)

ד ר י י פ ו ס: ביזט געקומען? רעד צו מיר! זאָג מיר איין וואָרט. שימף מיך, דערצעהל פון מיין ערנידערונג און שאנדע! בע־לײדיג מיך און מיינע ברידער, די אידען! שריי... זוויווא לע ארמע דע פראנס! נאָר רעד! זאָג מיר איין וואָרט!

ו ו ע כ ט ע ר: (נעהמט אַרויס א רעוואָלווער און סטראשעט מיט איהם).

ד ר י י פ ו ס: איך וויים, איהר זוכט די קלענסטע געלעגענ־הייט מיך צו ערמאָרדען. ניט דו, בלינדער שקלאַף, די וואס שטעהען איבער דיר, ווילען פון מיר בעפרייט ווערען. דער געפאנגענער האלט זיי אין געפענגניס.... כא, כא! איך בין אויפ'ן טייוועל'ס אינזעל אין קייטען געשמיעדט און האלט דאָרט, אין פאריז מיינע גרויסע, מעכ־טיגע פיינד אין געפענגניס. ניין! איך וועל זיי ניט בעפרייען!... מיין גוטער פריינד, איך וויל לעבען, איך וועל רוהיג זיין און רוהיג דול־דען. דו האָסט דאָ צו בעפעהלען, און איך דארף געהאָרכזאם זיין. (לעגט זיך אויפ'ן בעטעל. וועכטער אָב.)

ד ר י י פ ו ס: (זעצט זיך אויפ'ן בעטעל) דער שלאָף ברענגט מיר קיין בערוהיגונג ניט. בייזע חלומות שרעקען מיך... יעדען אבענד זעה איך די בילדער פון מיין פערגאנגענעם לעבען... קוים שליסען זיך מיינע אויגען צו, זעה איך זיך אַלס גליקליכער פאמיליען־מאַן און פאָטער. דאַן מיין אונערוואָרטעטע פערהאפטונג, די טרערען פון מיין ליעבענדער פרוי... מיינע גרויזאמע, אונגערעכטע ריכטער... מיין דע־גראדאציאָן אויפ'ן גרויסען, אָפענעם פּלאַץ... סאָלדאטען ארום מיר... פּאַלק, נײַנעריגע צושויער... מע רייסט פון מיר מיינע עפּאָלעטען, מע ברעכט איבער מיין שווערד... אומגליק! שאנדע! שמאך! (ער פערדעקט זיין געזיכט, דער ים רוישט). איין מאָל נאָר איז צו מיר גע־קומען א זיסער, גוטער טרוים... איך האָב געפיהלט, ווי אין מיין ברוסט וואַקסט א גרויסע, אונגעהויערע קראפט און מיין שטימע ווערט מו־טיג און שטאַרק. אך, ווי נאָר איך האָב מיט א וואונדערליכער שטי־

מע אויסגערופען: „וועלט, פערנעהם: איך בין אונשולדיג!“ זיינען
אומגעפאלען די ווענט פון מיין געפענגניס, די קייטען האָבען זיך צו־
שאָטען אין שטויב און אש... איבער'ן ים און אָקעאן האָט מיין שטי־
מע געקלונגען, די גאַנצע מענשען־וועלט האָט אָנגעהויבען ציטערען...
און פון דער ערד ביז צו די הימלען האָט געדונערט דער אויסגעשריי:
„מענשען, ערוואַכט פון אייער שענדליכען שלאָף! ערוואַכט און בע־
פרייט די אונשולדיגע!“ און אַלע אונגליקליכע ביי וועמען די פריי־
הייט איז גערויבט, אַלע וואס שמאַכטען אין די פינסטערע געפענג־
ניסע, אַלע וואָס ליידען אין די שאַכטען פון סיביר, אַלע וואָס קרעכ־
צען אין די קייטען פון אונרעכט, אַלע זיינען אויפגעמונטערט גע־
וואָרען פון האָפנונג און פרייד... „מענשען ערוואַכט פון אייער שענד־
ליכען שלאָף!“ אָ, עס איז געווען א זיסער, טרויסטפולער חלום. (עס
דערהערען זיך טריט. דער וועכטער שליסט אָפּ די טהיר) ער געהט ווידער
אהער מיט'ן רעוואָלווער... איך ווייס, ער האָט געפרעגט און מען האָט
איהם ערלויבט מיך צו טויטען אין דער שטיל... זיי געהען מיך ערמאָר־
דען... איך ערוואַרט עס יעדע נאַכט... (וועכטער אריין) איך וויל קעמפּ־
פען פאַר מיין אונגליקליך לעבען! (שפּרינגט אויף א פערווירטער)
מאָרד! מאָרד! (דער וועכטער שטעלט די לאַמטערנע אויפ'ן טיש און
דערלאַנגט איהם אַ טעלעגראַמע). וואָס? אַ טעלעגראַמע? מיר? (ער
נעהמט זי מיט ציטערענדע הענט). אונטערגעשריבען לוסיא? דאָס איז
ניט קיין חלום? איז דאָס אין דער ווירקליכקייט?... וועה איז מיר!
א קאַלטער שוויים בעדעקט מיין געזיכט... די פיס האקען זיך מיר אונ־
טער... (ער שפּאַרט זיך אָן און לעזט:) מיין טייערער אַלפרעד, קאַ־
לאָניאַל הענרי האָט געמוזט זיין געשטענדניס אָבלעגען, דאָס ער האָט
געפעלשט פּאַפּירען אין דיין נאָמען. ער איז געווען פערהאַפּטעט
און אין געפענגניס האָט ער מיט א ראַזיר־מעסער זיך דאָס לעבען גע־
נומען... ליעבער, שטאַרק זיך, ס'איז דאָ אַ האָפנונג אויף אַ רעוויזיאָן...
אייביג דיינע — לוסיא. (ער בלייבט איבערראַשט. דער וועכטער ווייזט
איהם, ער זאָל זיך לעגען שלאָפען). יאָ, יאָ, דו מעגסט איצט אוועקגעהן
מיט דיין אָרימער לאַמטערנע, און מיין פינסטערער קעמעריל בלייבט
איצט פול מיט ליכט. שטראַלען פון גוטע האָפנונגען בעלויכטען מיין
געפענגניס. די שטונדע פון רעוואַנזש קומט, עס קלינגט דער גלאָק
פון בעפרייאונג. (דער וועכטער שטויסט איהם צום בעטעל, ער לעגט
זיך) אי, מיין לוסיא! מיין לוסיא! (ער וויינט. וועכטער אָב).

וואָס טהוט זיך איצט אין פּאַריז? וואָס פיהלט איצט מיין טרייע, געליעבטע פרוי? ניין, ניין, איך וויל ניט דענקען, איך וויל ניט פיהלען. איך וועל בלייבען שטיל און וואַרטען מיט געדולד... עס וועט קומען! רויש, רויש, גרויסער אָקעאַן! פערוויג מיינע געדאַנקען, פערטויב מיינע געפיהלען... איך וועל וואַרטען און האָפען... איך וועל האָפען און וואַרטען!... לוסיא!... מיין לוסיא!... (ער ווערט שטיל. דער ים רוישט אַלץ שטילער און שטילער).

(עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ „דראַפּ", וועלכע שטעלט פאָר אַ גאַס אין פּאַריז. דער אָרקעסטער שפּיעלט עטליכע טאַקטען פון דער מאַרסעליעזע, נאָכדעם הערט זיך גלעקלעך קלינגען. פערשיעדענע פרעהליכע געשרייען און אַ כאָהר פון „קאַרמען". אין דער צייט נעהמט דער געפאַנגענער הינטער'ן צודעק פון זיך אַראָפּ זיין אַרעסטאַנטען מאַנטעל. ווי דער כאָר ווערט אַנשווייגען דערהערט זיך לוסיא'ס פרעהליכע שטימע)

ל ו ס י א: (הינטער די קוליסען) אַלפרעד! אַלפרעד! קום נאָר אַהער! וואָס טהוסטו דאָרט? (ער שטעהט אויף פון בעטעל אין פולער אוניפאָרם פון אַ קאַפּיטאַן און געהט. דער „דראַפּ" געהט אויף און די ביהנע שטעלט פאָר אַ רייכען זאַל, פערגאָסען מיט ליכט. לוסיא, זעהר רייך געקליידעט, פיהרט אַנקעגען אַ מיידעלע פון אַ 4-5 יאָהר) זעה נאָר, אַלפרעד, אונזער לאַ פּאָלפּע! אונזער ענגעל!

ק י נ ד: פּאַפּאַ, זעה מיין ניי קלייד! (אַלפרעד בעטראַכט דאָס קינד, איז ענטציקט).

ל ו ס י א: ערשט געקומען פון דער מאָדיסטין. דו זאָלסט זעהן, וואָס פאַר אַ קלייד איך האָב מיר בעשטעלט — קאָם איל פאָ! אָבער זעה נאָר, ווי עס פּאַסט איהר? שעהן? יא?

ד ר י י פ ו ס: דאַרפסט נאָך פרעגען? אָ, דו מיין שעהנעם פּופּכען! (קושט דאָס קינד) מיר וועלען היינט פאָהרען שפּאַציערען, יא. טראַלאַ לאַ לאַ (נעהמט דאָס קינד, זינגט און וואַלסירט).

ל ו ס י א: פאָרזיכטיג... איהר הענטעל...

ד ר י י פ ו ס: פאָרזיכטיג מיט איהר הענטעל, אָבער מיט דיין הענטעל דאַרף מען דאָך ניט פאָרזיכטיג זיין. (דריקט איהר די האַנט, זי גיט אַ געשריי, ער נעהמט זי אַרום, זינגט און וואַלסירט מיט איהר).

ל ו ס י א: קום נאָר אַהער, דו מיין בראַווער אָפיציער, זעץ דיך. (ביידע זעצען זיך, דאָס קינד אויף זיינע קניע). דערצעהל מיר נאָר, וואָס איז מיט דיר היינט? ביזט אויפגעלעגט און לוסטיג גאָר ניט ווי געוועהנליך. עס מוז עפּעס זיין, מיך וועסטו ניט נאַרען.

ד ר י י פ ו ס: מיין קלוגע לוסיא זעהט און פערשטעהט אַלץ. דו האָסט רעכט, איך בין היינט גוט אויפגעלייגט. דו ווייסט דאָך, איך האָב אין שטאַב פיעל קריינקונג, איך פיהל דאָס איך האָב דאָרט צווישען די אַלע שטאַב־אָפיציערען קיינע פריינד און קיינע קאַמעראַדען איך לאָז אויף זיך אַרויף אַ בראַוואַדאַ, האַלט זיך מיט יעדען צו פריי, מאַך זיך לוסטיג, אָבער אין דער ווירקליכקייט פיהל איך מיך דאָרט ווי אַ שאָף צווישען וועלף. זיי פערגינען מיר ניט מיינע גוטע פעהיגקייטען, זיי זיינען מיר מקנא דאָס, וואָס איך בין רייך, מיין קאַריערע שטעהט יעדען פון זיי ווי אַ ביין אין האַלז, אָפט הער איך הינטער מיין רוקען גיפטיגע בעמערקונגען: „דער פרעכער איד! דער אונפערשעהמטער סעמיט!" שטעל זיך פאָר, היינט זיינען צו מיר אַלע געוועזען פריינדליך און גוט. זאָגאַר מיין ערגסטער פיינד, קאַפּיטאַן הענרי, האָט מיך געבעטען העלפען איהם אַ שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע צו לעזען... זיי זיינען דאָך אַלע גראָבע יונגען און האָבען פערשטאָפּטע קעפּ. בע, בע! אַז מען דאַרף מאַרך, קומט מען צום אידען... מיט איין וואָרט, לוסיא, איך בין אויפגעלעגט, און געה באַלד און נעהם מיר אַ גוטע האַוואַנע סיגאַרע... אַן עכטע רעגאַליע... (מען קלינגט) אהאַ! געווים געסט! צו דיר דאַמען מיט אַ וויזיט... בע, בע! לוסיא, איך וועל דיינע געסט עמפּפאַנגען מיט אַ מאַרש (זעצט זיך שטיפענדיג ביי דער פּיאַנאָ און נעהמט עטליכע אַקאָרדען. עס עפענט זיך די טהיר און עס קומען אַריין אָפיציער נומער 1 און עטליכע זשאַנדאַרען).

אָ פ י צ י ע ר: קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס! אין נאָמען פון אונזערע געזעצען און מיט'ן בעפעהל פונ'ם הערר קריעגס־מיניסטער זייט איהר אַרעסטירט. (לעגט אויף איהם אַרויף זיין האַנט).

ד ר י י פ ו ס: איך? ווי קען עס זיין? פאַר וואָס?

ל ו ס י א: אַלפרעד! וואָס בעדייט עס?... וואָס איז געשעהן?

אָ פ י צ י ע ר: דרייפוס, איהר ווערט בעשולדיגט, דאָס איהר האָט אייער פאָטערלאַנד פעררעטהען, איהר האָט וויכטיגע שטאַבּס־געהיימניסע צו פרעמדע רעגיערונגען פערקויפט...

לוסיא: מיין גאָט!

דרייפוס: עס איז אַ געמיינער ליגען!

אָפיציער: אייך דראָהט אַ שרעקליכע שטראָף... און איהר געווינט אייער קאָפּ צוריק, אויב איהר וועט איבערצייגען, אז עס איז ווירקליך אַ ליגען. קומט!

לוסיא: אַן אונערוואַרטעט, אַ שרעקליך אומגליק. וועה! וועה איז צו מיר!

קינד: פּאַפּאַ, וואָס ווילען זיי טהאָן? (די מוטער נעהמט אַרום דאָס קינד און וויינט).

דרייפוס: זיי רוהיג, לוסיא, עס איז געוויס אַ מיספּער־שטענדניס. איך וועל באַלד בעפרייט ווערען. דו וועסט זעהן... לעב וואָהל, מאַשער אמי. (קושט דאָס קינד) לעב וואָהל, לוסיא! (אומאַרמט זי) ווייז ניט, טהייערע, איך בעט דיך, וויין ניט, עס איז אַ קלייניג־קייט... אַלעס וועט זיך באַלד אויפקלערען...

לוסיא: ניין, ניין. איך פיהל, אַ גרויס אומגליק דראָהט אונז אַלעמען, אַלפרעד! אַלפרעד! (וויינט).

קינד: פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! (זיי פיהרען איהם אַוועק).

(דער „דראָפּ“ פאַלט צוריק, עס איז ווידער אַ געפענגניס. דריי־פוס אין זיין אוניפאָרם זיצט אויף אַ בעטעל).

דרייפוס: פאַלשע ריכטער, פאַלשע עדות, פאַלשע פּאַפּירען, אַלע געמיינהייטען אַבגעטהאָן, יעדעס אונרייין מיטעל אָנגעווענדעט אום צו בעשולדיגען אַן אונבעוואוסטע אידישען קאַפּיטאַן... וואו איז דער זין דערפון? וועלכע ציעלען זיינען אין דיעזען פערברעכען פערבאָר־גען, ווי קען איך עס בעגרייפען? ווי זאָל איך דאָס פערשטעהן? איינס ווייס איך נאָר און פערשטעה: איך בין פעראורטיילט! פער־אורטיילט!

(אָפיציער נומער 1)

אָפיציער: דרייפוס, איך בין צו אייך געקומען פון איינעם פון אונזערע הויכע בעאַמטע מיט אַ פאָרשלאַג, וואָס וועט אייך געוויס דערפרעהען. הערט, איהר פערשטעהט דאָך, דאָס פאַר אייך איז אַלעס אין דער וועלט פערלאָרען. פריהער האָט איהר אייך געקענט נאַרען מיט פאַלשע האָפנונגען, אָבער יעצט, אז איהר זייט שוין פעראורטיילט אייער לעבען־לאַנג צו שמאַכטען אויפ'ן טייוועלס אינזעל, איז ניט בע־

סער פאַר אייך, איהר זאָלט שטאַרבען דאָ, איידער מען זאָל אייך דעגראַדירען, מען זאָל אייך שענדען אַלס אָפיציער און מענש? שטאַרבט באַלד — און איהר שטאַרבט נאָך אַלס קאַפּיטאַן דרייפוס. אונזערע הויכע בעאַמטע האָבען מיטלייד מיט אייך און ערלויבען אייך דאָ צו שטאַרבען... היער איז דאָס מיטעל. (ער גיט איהם אַ ראַזיר־מעסער).

ד ר י י פ ו ס : איך דאַנק פאַר דער פריינדשאַפט און ענטזאַג זיך פון דיעזען נאָבעלען פאָרשלאַג.

אָ פ י צ י ע ר : אַלס איד בלייבט איהר דאָך אַ פייגלינג און אַ שוואַכלינג. איז דען דער טויט ניט בעסער איידער פאַר די אויגען פון טויזענדע מענשען דעגראַדירט צו ווערען? איז דען דער טויט ניט לייכטער איידער אייביגע געפענגשאַפט אויפ'ן טייוועל'ס אינזעל? געוויס איז די עהרע פון דער אַרמעע בעפלעקט געוואָרען דורך אייער פּראָצעס, וועט אייער דעגראַדאַציאָן די שאַנדע נאָך גרעסער מאַכען.

ד ר י י פ ו ס : אַ איד בין איך, אָבער אַ פייגלינג און אַ נאַר איז דער, וואָס מאַכט מיר דיעזען פאָרשלאַג! ערגער פון צעהן טויטען איז מיר געווען איבערצולעבען דיעזען שענדליכען פּראָצעס, און איך לעב דאָך! ערגער פון צעהן טויטען איז מיר דער געדאַנק, דאָס אַ הענקער וועט מיך באַלד שענדען אויף אַ אָפענעם פּלאַץ, ערגער פון הונדערט טויטען איז מיר צו שיידען זיך פון מיין געליעבטער פרוי און קינד. איך ווייס אויפ'ן טייוועל'ס אינזעל, וועל איך יעדען אויגענבליק געמאַטערט ווערען, איך וועל ליידען מאַנגעל און הונגער, ערנידערונג און בעליידיגונגען. אַ פייגלינג אויף מיין אָרט וואָלט געוויס בעסער געוואָלט שטאַרבען — איך בין אַן אָפיציער פון דער פראַנצויזישער אַרמעע און בעשליס מיך צו ליידען און לעבען. איך וויל לעבען, ווייל איך בין אונשולדיג און האָף, אַז מיין אונשולד וועט בעוויזען ווערען... ניט איך, די וועלכע האָבען מיך שולדיג געפונען, די האָבען די עהרע פון דער אַרמעע געשענדעט! און ריין וועט ווערען די עהרע פון דער אַרמעע נאָר דאַן, ווען מיין אונשולד וועט ווידער אַנערקענט ווערען. צוליעב מיין עהרע און די עהרע פון דער אַרמעע, דאַרף איך לעבען און ליידען! נעהמט דאָס, — נעהמט, עס וועט נאָך צוניץ קומען פאַר איינעם פון אייך. (גיט איהם צוריק דאָס ראַזיר־מעסער).

אָ פ י צ י ע ר : ווי נידריג דער איד זאָל ניט פאַלען — ער בלייבט אימער פרעך און אונפערשעהמט. פוי, צום טייוועל! (אָב.)

דרייפוס: די שווערסטע לאַסט אין דער וועלט איז יעצט פאַר מיר דאָס לעבען. און דאָך וועל איך דיזע שווערע לאַסט טראָגען זאָ לאַנג איך וועל האָבען קרעפטען צו האָפען און צו וואַרטען. שטאַרבען דאַרפען די שולדיגע; ווער אָבער עס איז אונשולדיג, ווי שווער עס זאָל איהם ניט זיין, דאַרף ער לעבען און קעמפּפען!... (אָרקעסטער שפּיעלט אַ וואָיענעם מאַרש) אי! די רעגימענטען מאַרשירען שוין אויפ'ן פּלאַץ, באַלד וועט מען קומען מיך רופען... וועט מיין לוסיאַ ניט קומען פון מיר אבשיעד נעהמען און זעהן מיך צום לעצטען מאָל? צום לעצטען מאָל! וואָס פאַר אַ שרעקליך וואָרט דאָס איז!

(אַ גערויש. אַ סאָלדאַט פיהרט אַריין לוסיאַ'ן. זי איז אין שוואַרצען געקליידעט).

סאָלדאַט: אהער, מאַדאַם, דאָ איז עס. (אָב).

(ביידע קוקען זיך לאַנג אָן. דאַן פאַלט זי אין זיינע אָרעמס. ביידע וויינען).

דרייפוס: לאָמיר שווייגען, לוסיאַ, וואָרום עס איז ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקען אונזער אונגליק.

לוסיאַ: אָ, אַלפרעד, ווער האָט עס געקענט ערוואַרטען אזא ביטערע, אזא שענדליכע ענדע?

אלפרעד: לוסיאַ, אויב דאָס, וואָס מענשען רופען אָן מיט'ן נאָמען גערעכטיגקייט עקזיסטירט ווירקליך אויף דער וועלט, איז דאָס נאָך ניט די ענדע... אין אַ יאָהר אַרום, אין צעהן יאָהר אַרום, נאָך מיין טויט, אַלעם איינס — די וואַרהייט וועט מוזען ערקלערט ווערען.

לוסיאַ: אָבער אונזער גליק האָט זיך שוין אין יעדענפאַל געענדיגט... אַלפרעד, קען עס זיין, אז מיר זעהען זיך צום לעצטען מאָל... מע וועט דיך אוועקנעהמען ווייט אויף אַ וויסטען אינזעל, און מיר וועלען איינער פאַר'ן אַנדערען זיין ווי אָפּגעשטאָרבענע... קיינמאָל וועל איך ניט קענען קומען צו דיר, קיינמאָל דיך ניט זעהן, קיינמאָל מיט דיר ניט רעדען. דער גרויסער אָקעאַן וועט דיך פון מיר אָפּטיילען.

אלפרעד: מיך שרעקט ניט די גרויסע ווייטקייט, וואָס וועט זיין צווישען מיר און דיר, מיך שרעקט ניט מיין ערנידערונג און מאַרטער, מיך שרעקט ניט דאָס געפענגניס מיט די קייטען — מיך שרעקט נאָר איין זאַך, לוסיאַ, מיך שרעקט נאָר, פיליכט גלויבסטו אויך ניט, דאָס איך בין אונשולדיג... ווען דו, מיין איינציגער פריינד, מיין איינ-

ציגער פערטיידיגער און בעשיצער, ווען דו גלויבסט אויך ניט אין מיין אונשולד, און אויף דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ זאָגאַר קיין איין זעלע, קיין איין האַרץ, קיין איין קאָפּ, וואָס זאָל מיט מיר מיטפיהלען און פערשטעהן מיינע שמערצען, דאַן איז ווירקליך אַלעס געענדיגט, און מיר זיינען איינער פאַר'ן אַנדערען אָבגעשטאָרבען. ווי אָבער...

ל ו ס י א : אַלפרעד, מיין האַרץ פיהלט מיט דיר, מיין קאָפּ דענקט מיט דיר, מיין זעעלע געהערט דיר...

אַ ל פ ר ע ד : דאַן זיינען מיר נאָך ניט אָבגעשטאָרבען איינער פיר'ן אַנדערען. דו לעבסט דאָ, אום צו קעמפּפען פיר מיין בעפרייאונג! דו לעבסט דאָ, אום צו בעווייזען מיין אונשולד! און איך וועל לעבען און ליידען דאָרט, וויל איך וועל האָפען ווען עס איז צו קומען צו דיר און צו אונזער קינד... אָ, לוסיא, גיב מיר מוטה צו לעבען! לאָז מיך ניט פערצווייפלען!

ל ו ס י א : אַלפרעד, איך האָב ניט געוואוסט, ווי שטאַרק און ענערגיש דו ביזט, ביז דאָס אומגליק איז ניט געקומען. אָבער איך... אָהן דיר וועט די גאַנצע וועלט פאַר מיר זיין אַ טייוועל'ס אינזעל... און דער טייוועל'ס אינזעל וועט איצט זיין מיין גאַנצע וועלט. (סאָלדאַט קומט אַריין) מען געהט שוין נאָך דיר? מען וועט אונז באַלד צושיידען...

ס אַ ל ד אַ ט : קאַפּיטאַן, אַ פּאַטרול ערוואַרטעט אייך...

ל ו ס י א : שוין!... איז דאָס שוין די לעצטע מינוט? אַלפרעד, אויב עס איז דאָ אַ גאָט, ווי קען ער עס ערלויבען?...

ד ר י י פ ו ס : לעב וואָהל, מיין טרייע, מיין געליעבטע! (פאַלט איהר אויפ'ן האלז. ביידע וויינען).

ל ו ס י א : אָי, ווי שווער, ווי שרעקליך!... ווארום זאָגסטו מיר ניט: אויפס ווידערזעהן? אָי, אַלפרעד, דו אַליין גלויבסט אויך ניט דאָס מיר וועלען זיך אַמאָל נאָך ווידערזעהן?

ד ר י י פ ו ס : ניין. איך גלויב און איך האָף. מיין טהייערע לוסיא, אויפס ווידערזעהן! (זיי קושען זיך).

ד ר י י פ ו ס : לוסיא, איך בעט דיך דו זאָלסט ניט זיין דאָרט, וואו מען וועט מיך באַלד שענדען... דיינע אויגען זאָלען מיין שאַנדע ניט זעהן און דיין עדעלעס האַרץ זאָל ניט בלוטיגען אומזיסט. זאָגסט עס מיר צו?

ל ו ס י א : איך וויים ניט... איך וועל געהן... אַלפרעד, לעב

וואָהל! לעב וואָהל! אויפס ווידערזעהן! ניין! נעהם מיך מיט! איך קען ניט בלייבען! איך וועל עס ניט איבערטראָגען... (לאָזט איהם ניט געהן, דער סאָלדאַט רייסט איהם אָב מיט גוואַלט און פיהרט איהם).

דרייפוס: מיין לוסיא, מיין קינד! לעבט וואָהל! אָ, לעבט וואָהל! (מען פיהרט איהם אָב).

לוסיא: (לויפט נאָך איהם, פאַלט און לויפט ווידער) מיין אַלפרעד! מיין אונגליקליכער אַלפרעד! (לאָזט זיך לויפען נאָך איהם).

(אַ „דראָפּ“ געהט אויף אַ גרויסען, אָפענעם פּלאַץ. פיעל סאָלדאַטען פון פערשיעדענע רעגימענטען, מיט האָרניסטען און באַראַבאַנשציקעס, אָפיציערען, גענעראַלען, בעאַמטע. פון וויטען דאָס פאָלק. מיליטערישער אויבער־ריכטער, אָפיציער נומער 1. סאָלדאַטען מיט בלאַנקע שווערדען ברענגען דרייפוס׳ען. שפּעטער קומט לוסיא מיט אַן אונבעקאַנטען און בלייבט שטעהן פון דער וויט. די האָרניסטען גיבען אַ סיגנאַל, עס שלאָגע די פּויקען און די סאָלדאַטען נעהמען אַלע „נאַ קאַראַאול!“)

ריכטער: זאָל פאַרגעלעזען ווערען די רעזאָלוציאָן פון מיליטערישען אויבער־געריכט.

אָפיציער: (לעזט פון אַ פּאַפּיער) מיט אונצווייפעלהאַפטע און ריכטיגע פאַקטען און בעווייזע איז איבערצייגט געוואָרען דאָס דער געוועזענער קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס האָט געהאַנדעלט אַלס פערּרעטהער געגען זיין פאָטערלאַנד און געגען דער גאַנצער אַרמעע פון פראַנקרייך אַלס פערברעכער...

דרייפוס: (שרייט) זאָל די גאַנצע וועלט הערען מיין לעצטעס וואָרט: גאָט איז מיין עדות, דאָס איך בין אונשולדיג!

(אַ טומעל, פיעלע שטימען: „איד!“, „פערפלוכטער איד!“, „שמוציגער איד!“, „ניעדער מיט די אידען!“).

אָפיציער: דאָס מיליטערישע אויבער־געריכט האָט אַלפרעד דרייפוס׳ען ווירקליך שולדיג געפונען אין דיעזען פערברעכען, און אַנשטאַט צו פעראורטיילען איהם צום טויט, ווערט איהם די גנאָדע געשענקט, און ער איז פעראורטיילט פערשיקט צו ווערען אויף׳ן אַזוי גערופענעם טייוועל׳ס אינזעל, וואו ער דאַרף פערבלייבען ביז זיין טויט. און בעפאָר דיעזער אורטייל וועט אויסגעפיהרט ווערען, זאָל ער אין

דער געגנוואַרט פון פערשיעדענע טיילען פון אונזער אַרמעע דעגראַ־
דירט ווערען נאָך די רעגלען און די געזעצע.

ריכטער: זאָל עס געשעהן.

(די האָרניסטען און באַראַבאַנעס ווי פריהער. אַ סאָלדאַט רייסט
פון איהם אַראָפּ די עפּאָלעטען, ציהט אַרויס זיין שווערד, צווינגט
איהם צו קניען און צוברעכט דאָס שווערד איבער'ן קאָפּ).

דרייפוס: אויב עס איז דאַ אַ גאָט אין הימעל, הערט ער
יעצט מיין אויסגעשריי: „איך בין ניט שולדיג!" אויב עס זיינען דאַ
מענשען אויף דער וועלט, זאָלען זיי וויסען, איך בין ניט שולדיג!

אַלע: פעררעטהער! פערפלוכטער איד! געמיינער איד!
ניעדער מיט אַלע אידען!

דרייפוס: עס וועט קומען דער טאָג...

(די טרובעס און באַראַבאַנעס פערהילכען זיין שטימע).

אָפיציער: וויוו לאַ פראַנס! הורראַ! (אַלע שרייען הורראַ).

ריכטער: פיהרט איהם אוועק!

דרייפוס: (דערזעהט לוסיא'ן) לעב וואָהל! ברודער, זיי
געזונט! געדענקט, איך בין ניט שולדיג... איך...

(פיעלע סאָלדאַטען פערשטאָפּען איהם דאָס מויל און שלעפּען איהם,
מוזיק שפּיעלט אַ טרויער־מאַרש).

לוסיא: אַלפרעד, אַ, מיין אונגליקליכער אַלפרעד...

(דער „דראָפּ" פאַלט צוריק, אַלעס בלייבט שטעהן ביז דער „דראָפּ"
געהט ווידער אויף. דרייפוס זיצט אויפ'ן בעטעל אין זיין
אַרעסטאַנטען־מאַנטעל. דער ים רוישט ווי פריהער).

דרייפוס: (הערט זיך לאַנגזאַם צו) דער ים רוישט היינט
פונקט ווי ער האָט גערוישט נעכטען, ווי ער האָט גערוישט מיט יאָה־
רען צוריק, ווי ער האָט גערוישט אין דעם נעבעלדיגען, טרויערדיגען
טאָג, ווען מיינע פערשמיעדטע פיס האָבען צום ערשטען מאָל בעטראָ־
טען דיעזען טייוועלשען אינזעל. און אָט אזוי וועט ער רוישען מאָרגען,
וועט רוישען אין פיעלע יאָהרען ארום... די טעג געהען, די יאָהרען שוויג־
דען, און מיין לעבען וועט זיך ענדיגען דאַ, אין דעם פינסטערען גראָב,
מיין נאָמען וועט פערגעסען ווערען, דאָס שרעקליכע אונרעכט, וואָס איז
געגען מיר בעגאַנגען געוואָרען, וועט קיינעם מעהר ניט אינטערעסירען,

און דאָס קאַלטע מעער וועט רוישען און שטורמען ווי פריהער... וואָס בעדייטען געגען דער טיעפּנים פון אָקעאַן דיזע טראָפּענס וואַסער, וועלכע דער מענש רופט עס טרעהרען? וואָס בעדייטען געגען די גרויסע וואַלען דעם מענשענ׳ס אויפרעגונג און דאָס רוישען פון זיין בלוט? וואָס בעדייטען געגען דעם אָקעאַנ׳ס שטורמס, וועלכע רוישען אין הארץ פון קליינעם מענשעלע? אונזער גרויסער אידישער דיכטער איז געווען גערעכט: „הבל הבלים, הכל הבל״... (אַ גערויש) אהא! ווער געהט עס צו מיר אזוי שפּעט אין דער נאַכט? געווים ניט קיין גוטע פריינד... איך וויים, זיי געהען מיך טויטען. זיי האָבען ניט ערוואַרטעט, דאָס דער אונגליקליכער, עלענדער איד זאָל אזוי לאַנג לעבען און אזוי פיעל אריבערטראָגען... זיי האָבען פערגעסען, דאָס איך שטאַם פון אַ פאָלק, וואָס האָט די פעהיגקייט, ווי „דער אייביגער איד״ אייביג צו ליידען און אייביג צו לעבען בלייבען. קומט, דאָס לעבען שרעקט מיך ניט מעהר און דער טויט וועט מיך ניט דערפרעהען.

(צוויי גענעראַלען און דער וועכטער קומען אריין).

גענעראַל־ריכטער: קאַפּיטאַן דרייפוס! די פראַנצויזישע ארמעע האָט אונז געשיקט בעטען ביי אייך אום פערצייהונג. פראַנקרייך וויל גוטמאַכען איהר פעהלער. אייער אונשולד איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, און אונזער גרויסע רעפּובליק וויל צוריק פעסטשטעלען אייער גוטען נאָמען און אייער עהרע. די ריכטיגע פערברעכער זיינען פערהאַפטעט און דער אונשולדיגער איז פריי!... קומט, אין אייער פאָטערלאַנד ערוואַרטעט אייך פרייד, גליק און עהרע! קומט, יעדע מינוט, וואָס איהר זיצט דאָ לענגער, מאַכט גרעסער אונזער שולד געגען אייך.

דרייפוס: זאָגט די וואַרהייט, איהר מאַכט שפּאַס פון דעם אונגליקליכען אָרימען אידען?... וואו האָט דער איד אַ פאָטערלאַנד?

גענעראַל: פראַנקרייך איז אייער פאָטערלאַנד! די אמאָליגע פראַנקרייך האָט ערוואַכט! פראַנקרייך, וואו עס האָבען אמאָל געהערשט גרויסע אידעאַלען, וואו עס איז צום ערשטען מאָל אויסגערופען געוואָרען: „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט!״

(דער אָרקעסטער שפּיעלט מאַרסעליעזע. קרעשצענדאָ).

דרייפוס: לוסיא, איך געה צוריק!... פראַנקרייך, איך קעהר

זיך צוריק אין דיינע אָרעמס!... איך האָב ניט געצווייפעלט, דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועט די וואַרהייט דאָך מוזען זיעגען! די וואַרהייט איז שטאַרקער פון יעדער פּאָליטיק, שטאַרקער פון יעדע אַרמעע!...

(דער „דראָפּ" געהט אויף צוריק, סאָלדאַטען און פאָלק ווי פריהער, מוזיק שפּיעלט די מאַרסעליעזע).

אַלע: עס לעבע דער אונשולדיגער איד! עס לעבע קאַפּיטאַן דרייפוס!

(פון איין זייט קומט לוסיא מיט'ן קינד און דרייפוס'עס ברודער, פון דער אַנדער זייט פיהרען גענעראַלען דרייפוס'ען. ער איז אין אַ פראַק).

דרייפוס: לוסיא, מיין רעטערין! מיין בעשיצערין! מיין ענגעל! (פאַלען איינער דעם צווייטען אין די אָרעמס און וויינען) מיין קינד! קינד מיינס! מיין פרייד! (קושט שטאַרק דאָס קינד. פיעלע אין פּובליקום וויינען) מיין ברודער! (אומאַרעמט איהם).

לוסיא: געדענקסט, איך האָב דיר געזאָגט ביי אונזער טרויעריגער אַבשיעד, „אויפס וויעדערזעהען!" און מיר זעהען זיך ענדליך וויעדער, מיין אָרימער אַלפרעד...

דרייפוס: מיר זעהען זיך וויעדער, וויל דו האָסט ניט גערוהט, ניט געשפּאָרט קיין מיה, ניט געשוינט דיין געזונדהייט, ניט געקוקט אויף קיינע הינדערניסע. — דו, דו אַליין ביזט מיין רעטערין!

לוסיא: זיי ניט אונגערעכט... ניט איך! עס גיבען פיעלע גוטע מענשען אויף דער וועלט, וועלכע האָבען מיר געשטיצט און מיר מיטגעהאָלפען נאָר אינ'ם נאָמען פון גערעכטיגקייט! פערגעס ניט, וויפיעל דיר צוליעב האָט געליטען אונזער גרויסער דיכטער און נאָבעלער דענקער עמיל זאָלא!

גענעראַל־ריכטער: זאָל פאַרגעלעזען ווערען די רעזאָלוציאָנען פון פּאַרלאַמענט און סענאַט.

אַפיציער: (לעזט) צווייפעלהאַפט און ניט ריכטיגע בעווייזע האָבען געבראַכט דערצו, דאָס פיעלע יאָהרען צוריק איז פעראורטיילט געוואָרען דער אונשולדיגער קאַפּיטאַן אַלפרעד דר יפוס...

אַלע: ער איז אונשולדיג! עס לעבע דער איד דרייפוס!

אַפיציער: פראַנקרייך וויל יעצט איהר אונגליקליכען

פעהלער גוט מאכען און קעהרט דעם אונשולדיגען צוריק אום אלע זיינע רעכטע און פאר די אויגען פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט בעט זי פערציייהונג דעם, וועלכער האט אהן שולד אזוי שווער געליטען.

(מען טהוט איהם אָן זיין יוניפאָרם, און מען גיט איהם אָב די שווערד).

אלע: הורראַ! עס לעבע קאפיטאַן דרייפוס! הורראַ!

אָפיציער: וויוו לע ארמעע!

אלע: וויוו לע ארמעע!

דרייפוס: יעצט ווען מיינע עפּאָלעטען און מיין שווערד געהערען מיר, יעצט וועל איך אייך עטוואס ערקלערען. (נעהמט דאָס שווערד און צובּרעכט. אלע ערשטוינט). איך צוברעך מיין שווערד, ווייל אין די פערגאנגענע אונגליקליכע יאהרען האב איך געהאט גענוג צייט נאָכצודענקען, און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס א שווערד קען יעדען א וואונד מאכען, קען אָבער קיינעם קיין עהרע ניט מאכען. יעדער מענש דארף אליין נעהמען זיין שווערד אין האנט נאָר דאַן, ווען ער געהט קעמפּפען פאר גערעכטיגקייט, געהט בעשיצען און בעפריי־ען אונטערדירקטע און אונגליקליכע! אויך דיעזע יוניפאָרם איז נאָר א שעהנעם קינדער־שפּיעל! (טהוט צוריק אָן דעם פראַק) איך בין ביר־גער און איך שריי ניט מעהר: „וויוו לע ארמעע!“ איך קען נאָר הויך אויסרופען: „עס לעבע דאָס פאָלק פון פראנקרייך! עס לעבע די רעפּובּליק!“

אלע: עס לעבע די רעפובליק!

דרייפוס: אונזער ארמעע איז גראַדע ווי די אמאָליגע פּרעטאָריאַנער אין רוים. די אימפּעראַטאָרען האָבען דעם שוץ און דיענסט פון דיעזע סאָלדאַטען. די פּרעטאָריאַנער האָבען אָבער באלד דערפיהלט זייערע מאכט און האָבען געצוואונגען די אימפּעראַטאָרען אליין צו זיין זייערע דיענער און זייערע קנעכט. און ווען דער אימפּע־ראַטאָר איז זיי ניט געווען געפעלען, האָבען זיי איהם ערמאָרדעט. מיר האָבען איינגעריכטעט אן ארמעע, זי זאָל דאָס פאָלק דיענען און בע־שיצען, זיי אָבער האָבען דאָס גאנצע פאָלק פערשקלאַפּט און דראָהען מיט מאָרד דער רעפּובליק אליין!... מיין פינסטערער קערקער, מיינע שווערע קייטען האָבען מיך אויסגעלערענט צו פערשטעהן, דאָס קיין

אונשולדיגער בירגער קען זיך ניט ערלויבען צו שרייען! „וויוו לע אַרמעע!" ניין! וויוו לאַ פראַנס! עס לעבע דאָס פאָלק! עס לעבע די רעפּובליק!

אַ ל ע : הוררא! הוררא! (מוזיק שפּיעלט פּאַרטאַ די מאַרסעליעזע, אַלע מאַכען מיט די היט און שרייען).

(דער „דראַפּ" פאַלט. דרייפוס שלאָפט אין געפענגניס ווי אין ערשטען בילד. עס הערען זיך נאָך לאַנג די טענער פון דער מאַרסעליעזע).

ד ר י י פ ו ס : (זעצט זיך און הערט זיך צו) איך הער נאָך די זיסע טענער. מע שפּיעלט אונזער פאָלק־הימן, אונזער מאַרסעליעזע. (מוזיק הערט אויף) וואָס איז דאָס? האָב איך ווירקליך אַזוי גערעדט צום פאָלק און צו דער אַרמעע? איך האָב געוואַגט? איז עס געווען אַ חלום? אַ פאַנטאַזיע? נאַכט־געשפּענסטער, וועלכע ווערען פערשוואונדען, ווען עס קומען אָן די שטראַלען פון דער זון? (דער ים רוישט ווידער שטאַרק). יאָ, עס איז אַ חלום! דער ים רוישט ווידער! דאָ בין איך אויפ'ן טייוועל'ס אינזעל! די אַלטע בעקאַנטע קייטען אויף מיינע פיס... אָבער די טעלעגראַמע וועגען הענרי'ס טויט און וועגען דער רעוויזיאָן? האָב איך עס אויך נאָר אין חלום געזעהען? (לויפט צום טיש). ניין! ניין! דאָ איז די טעלעגראַמע! די שטונדען פון רעוואַנזש קומט! עס קלינגט דער גלאָק פון בעפרייאונג!... (מאַרסעליעזע).

(פ אָ ר ה א נ ג)

יאקעל דער אפער'ן מאכער

איין־אקטער

פון יעקב גארדין

דיזער איין־אקטער, וואס איז א שנײדענדיגע סאטירע אויפ'ן אידישען טעאטער, איז, לויט אלע אינוועניגסטע סמנים, פערפאסט געווארען אין אנפאנג פון די נײנציגער יאהרען, ניט לאנג נאכדעם ווי גארדין האט אנגעהויבען שרײבען פאר דער אידישער ביהנע. די גאנגבארסטע סחורה אין אידישען טעאטער זענען דאמאלסט געווען די „היסטארישע אפעראס“, אין וועלכע פראפעסאר הורוויץ און יאזעף לאטײנער פלעגען זוכען אײנער דעם צווײטען אריבערצושטײגען. דיזע „היסטארישע אפעראס“, וועלכע זײנען זעהר אפט גאר ניט געווען, ניט היסטאריש און ניט אידיש, פלעגען אויפגעפיהרט ווערען מיט די שרײענדסטע עפעקטען און געוואלטיגסטע סענסאציעס, און פלעגען דעקלאמירט ווערען אויף א משונה'דיגען ווילדען אופן. עס פלעגט, למשל, פאסירען, אז צו „יוסף מיט זײנע ברידער“ פלעגען די אנטרעפאניארען רעקלאמירען, אז אויף דער ביהנע וועלען זײן ניט ווייניגער פון הונדערט לעבעדיגע שאף, און אלס ראיה לדבר פלעגט איבער די אידישע גאסען ארומפאהרען א גרויסער וואגען, בעהאנגען מיט אפישען און פיהרענדיג אין א שטײג עפעס א שעפס. אין „בלעם'ס עזעל“ פלעגט אויף דער ביהנע זײן אן עזעל. אין אן אנדער „היסטארישע אפערא“ — אן אדלער, און אז. וו. אין איצטיגען איין־אקטער ווערט אויך אויסגעלאכט די מוזיק פון דער אידישער ביהנע, וועלכע האט נאך איצט אויך ניט קײן זעהר גוטען נאמען. די מאדע פון קופליעטען ארײנשלעפען איז נאך הײנט אויך בתקפה אין די ביליגערע פיעסען. דער עפיזאדעל מיט'ן דראמאטורג, וואס מען האט איהם פערשפארט אין א גרוב אונטער דער ביהנע, געהערט צו די פיעלע אלטע אידישע טעאטער־אנעקדאטען, וואו עס דערצעהלט זיך וועגען פסקים וואס אקטיארען פלעגען אבטהאן „נאוואטנע“ פיעסען־שרײבער.

דער איצטיגער איין־אקטער איז בלויז א טײל פון א גאנצער ענערגישער קאמפאניע, וואס גארדין האט אין יענע יאהרען אנגעפיהרט געגען די „היסטארישע אפעראס“ און זײער גלײבען, אין זײנע פיעסען, אין דער פרעסע און פון דער רעדנער־פלאטפארמע. — י. ע.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פּערזאָנען:

מיסטער שלומיאל אַקס, דירעקטאָר פון אַ אידישען טהעאַטער.

הערר יאָקעל שצאַוועל, אַ קאָמפּאָזיטאָר פון „אידישע אָפּערען“.

פּראָפעסאָר טרייטעל הינער־פּיסעל, פּערפאַסער פון אידישע פּיעסען.

פּייגע פּיטשיאַ, אַ פּרימאַדאָנאַ.

שרגא פּענטיוך, אַ נייער אַקטיאָר.

אַקטיאָרען, כאָר מוזיקאַנטען.

(די סצענע שטעלט פאָר די ביהנע פון טהעאַטער. פון איין זייט אַ פּיאַנאָ, פון דער אַנדערער — אַ גרויסער טיש. עטליכע שטו־מען. פון הינטער די סצענע הערט מען, ווי יאָקעל געהט און זינגט: „און ער געהט, און ער געהט, די דעראַם טעדראַם“, און אַז. וו.)

יאָקעל: (קומט אַריין מיט'ן זעלבען געזאַנג און מיט זעהר פיעל פּאַרטיטורען אונטער'ן אַרם) האַ? וואָס איז דאָס? אפילו קיין זכר ניטאָ!... אפילו קיין שטיקעל אַקטיאָר אויף חרוסת... די רעפּעטי־ציאָן איז בעשטימט אויף פּונקט עלף, און יעצט איז שוין האַלב נאָך איינס... אידישע פּינקטליכקייט!... (זוכט אין די טאַשען). וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר? דאַכט זיך, איך האָב ערגעץ געהאַט אַ האַלבען סיגאַרעט! ע! עס איז געווען אַ צייט, ווען איך האָב געראוי־כערט פיינע ציגאַרען, ווען איך האָב ליעב געהאַט גוטע מוזיק, און ווען איך האָב פערשטאַנען די וואַהרע ציעלען פון דער הייליגער קונסט... אָבער (זינגט: „און ער געהט, און ער געהט... דרי טראַ דאַם באַם“...) מיין שלים־מזל האַט מיר די אַלע נאַרישקייטען מיט אַ דרוטשאָק ארויסגעשלאָגען פון קאָפּ!... ווער בין איך איצט? ר' יאָקעל שצאַוועל, דער אידישער אָפּערען־מאַכער!... מיט מיינע מוזיקאַ־

לישע קענטניסע דאַרף איך דיענען דעם גייסט פון דער בויערי... כע, כע, כע!... (זינגט: „און ער געהט, און ער געהט, און ער געהט", און אז. וו. זעצט זיך צום פאָרטאָפּיאַנאָ, נעהמט עטליכע אַקאָרדען, פערטראַכט זיך, הויבט אָן זינגען נומער 1).

שלומיאל אַקס: (הינטער דער סצענע) העי, איהר דראַנגאַטשעס! יאַלדען! וואו זייט איהר דאָרטען? (ער קומט אריין מיט פיעל העפטען, אייניגע שווערדען און אַ בייטש).

יאַקעל: (זינגט שטיל, ווי פריהער).

שלומיאל: דאָס ביזטו, אַלטער זולל וסובא'ניק?...

יאַקעל: גוט מאָרגען, הערר דירעקטאָר!...

שלומיאל: וואו זיינע זיי אַלע? וואָס איז דאָס פאַר אַן אונגליק? מע דאַרף היינט פּאָרלעזען אַ נייע פּיעסע, היינט מאַכען פון דער פּיעסע אַ היסטאָרישע אָפּערא, היינט צופּאַסען צו דער אָפּערא אַ קנאַקענדיגען נאָמען, היינט מאַכען אַ רעפּעטיציאָן און היינטיגען שבת שוין אויפפיהרען זי אויף דער ביהנע מיט גלענצענע סצענעריס, איבערראַשענדע עפעקטען, אָריענטאַליש געזאַנג, אַפריקאַנישע טענץ, אַראַבישע פערד, היספּאַנישע שאַף, אידישע, עכט היסטאָרישע ציגען, טערקישע קאָסטיומען, חינעזישע שיף, רוסישע ניהיליסטען, איטאַליענישע מעלאָדיען, אינדיאַנישע מאַרשען, דייטשע שווערדען...

יאַקעל: (שטיל) און ער געהט, און ער געהט, און ער געהט... טידראַם, און אז. וו.

שלומיאל: יאָ, עס זאָל קנאַקען און קלאַפּען... אין ערשטען אַקט, אַ גרויסער, דרייצעהן־גאָרענדיגער טורעם און אויפ'ן דאַך זאָלען אונשולדיגע ענגלען טאַנצען אַ קאַנקאַן... אין צווייטען אַקט זאָלען פאַרקומען פליענען, וועלכע ברענגען דעם פרינץ אַ גערים און אַ פוד באָקסער פון דער פּרינצעסין. אין דריטען אַקט זאָל פאָרקומען אַ געשטודירטער הונט, וועלכער שפּיעלט שאַך מיט'ן קיסר. אין פערטען אַקט זאָל פאַרקומען אַ אידישער צדיק, וועלכער מאַכט מופתים...

יאַקעל: און ער געהט, און ער געהט, און ער געהט, און אז. וו.

שלומיאל: וואָס ברומסטו דאָרטען, דו יאַלד?

יאַקעל: ניין! גאָר ניט, אזוי.. עס הייסט נאָר... נאָר איך וויס, איהר וועט מיר אריינפאָהרען אין טאַטען אריין...

שׁ ל ו מ י א ל : רעד ווייטער, דראַנג !... נו, מירקע, גיב לשון... וואָס ווילסטו זאָגען ?...

י אָ ק ע ל : ווי לאַנג נאָך וועט איהר גלויבען אין די קנאַקענ־דיגע אָפּערען מיט די שרייענדיגע מאָנאָלאָגען, קוויטשענדיגע מעלאָ־דיען, רוישענדע אַריען און דונערדיגע טענץ ?... איהר זייט דאָך יאָ אַן אַלטער אַרטיסט מיט טאַלאַנט און פערשטאַנד... און זעהט וואָס אַנדערע בעהעלפערס, טהעאַטער פּאָדריאַטשיקעס, קונסט־ליוועראַנטען טהוען און שטופּט אויך נאָך די קאַרעטע ?... פּע ! מיאוס...

שׁ ל ו מ י א ל : אַלטער יאָלד וואָס דו ביזט !... מיין טאַלענט און פערשטאַנד האָבען מיר נאָך ניט פערדאָרבען דעם מאָגען אַזוי, אַז איך זאָל קענען לעבען מיט לופט... איך וויל קייען... פּאַפּע, ברודער ! פּאַפּע איז אַ גרויסע זאַך... און אַז איך זעה, אַז ערנסטע דראַמען, וועל־כע פאָדערען קונסט און טאַלענט, צווינגען מיך לעגען די צייהן אויף דער פּאָלעצע און אַז, פערקעהרט, אַ קנאַקענדיגע היסטאָרישע אָפּערא, מיט הומבאַג, בלאָפס, געפּילדער, גלאַנצענדע שמאַטעס, נאַרישע קינ־דערשע מעשיות גיט מיר בולקע, מוז איך דאָך... דו, יאָלד איינער !... מוז איך... אָט זעה, איך בין געקומען מיט עטליכע שערליך, וועל איך אין איין שעה צושניידען אַ שפּאָגעל נייע היסטאָרישע אָפּערא... אַ סצענע פון דאָרט, אַן אַקט צושטוקעווען פון דאַנען, אַ צוויי אַקטען גנב'ענען פון אַן אַלטער אָפּערעטע, אַן עפּילאָג אַרויסלאַטכענען פון אַ פראַנצויזישער מעלאָדראַמע, אַ פּראָלאָג מיט חכמות פאַר די קאָמיקער, פון באַרנום און בייליס צירק... האָסט, ברודער, אַ נייע, קנאַקענדיגע, סוקסעספאָלע, ערפאָלגרייכע היסטאָרישע אָפּערא !... און די דראַנ־גאַטשעס גיבען געלד און שרייען „בראַוואָ“ !... יאָקעל, זיי ניט קיין יאָלד, שרייב אָפּעראַס... דאָס הייסט, גנב'ע מוזיק און שווייג...

י אָ ק ע ל : (זינגט ווי פריהער) אַזוי ? נו, און נאָך וואָס איז די בייטש ?... ווילט איהר דען די אַרטיסטען אייערע אונטערפּיוצקען, האַ ?

שׁ ל ו מ י א ל : ניין ! בעוואָהרע גאָט !... איך וויל גאָר ניט בעליידיגען די פערד... יאָלד ! דו וועסט זעהן וואָס פאַר אַ נייעם עפעקט איך האָב אויסגעטראַכט. עס איז אַן איינפאַל... אַ גוטער איינפאַל מאַכט געלד... כדומה למשל, טראַכט אויס, אַז די פּרימאַדאָנא זאָל אויף דער ביהנע פּלוצלונג ווערען אַ קאַטשקע און אָוועקלעגען אייער... וואָס פאַר אַן אַפּלאָז, וואָס פאַר אַ שמחה !... וואָס פאַר אַ גדולה...

מע וועט לויפען פון ארבע פנות דאָן טאָן ווי אויפ׳ן בייז וואונדער... אָט איך וועל יעצט אין אונזער נייער אָפּערא אריינפיהרען צוויי נייע פּערזאָנען... וויי פערד... און איך וועל קנאַקען מיט׳ן בייטש און שרייען: האָפּ! האָפּ! לאַ! לאַ! דאָס וועט ציהען... און שעקספּיער, וואָס וועט דיר געבען? אַ פּייכטע מכה מיט צוויי געשוזירען!...

(אַקטיאָרען און אַקטריסעס אריין).

י אָ ק ע ל: געוואלד, וואָס איז נעבעך שעקספּיער שולדיג, אז איהר מאכט פון איהם אַ תל?... שעקספּיער און פּראָפעסאָר טרייטעל הינערפּיסעל איז ביי איך גלייך. איהר וואַרפט ארויס פון שעקספּיער׳ס קלאַסישע ווערק סצענעס, שטעלט אריין נאַרישע קופּלעטען, שטוקעוועט צו אייגענע וויצען און שפּיעלט אזוי, אז דאָס פּובליקום פערשטעהט ניט וואָס איהר זאָגט, און די אַקטיאָרען פערשטעהען ניט וואָס וויל פון זיי שעקספּיער... אַ! איך האָב געזעהן אויף דער אידישער ביהנע שעקספּיער׳ס טראַגעדיע „אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטרא“... אַנטאָניוס שטעלט זיך אין דער פּאָזע פון אַ פעלד־גזלן, קריצט מיט די צייהן, גלאַנצט מיט די אויגען, פאַרשקעט מיט די ליפּען און שרייט: „גוואלד, קלעאָפּאַטרא, איך ליעב דיך!“ און קלעאָפּאַטרא צושטעלט די פיס ווי אַ בהמה, פערקרימט דעם מויל ווי אַ אינגעל, וואָס מען האָט איהם ערשט אָבגעשמיסען, מאכט אַ זויערע מינע, גלייך ווי זי האָט ערשט פערביסען מיט אַ לימענע, און קוויטשעט: „עס איז צום שוויצען, ווען מאַן זאָ נאָה צום הארצען איין הייסע ליעבע טראָגט... אַ, אַנטאָניוס, געה ניט פאָרט פון מיר!...“ דאַ שטעלען זיי זיךביידע לעבען סופליער׳סביידעל און זינגען אַ דועט:

„געה ניט פון מיר!
איי וועה איז מיר!
אין הארצען אַ געשוויר!
עס איז היים און איך פריהר!“

דער כאָר ענטפערט פאָרטיסימאָ: אַנטאָניוס מיינער, שווארצער ציגיינער!... שור, בור, כי לעולם חסדו... חי וקים! הוררע! הוררע!“

א ל ע: בראוואָ, ר׳ יאָקעל, בראוואָ! (אַפּלאָדירען און לאַכען).

(אין דער צייט הערט מען אימעצען שרייען פון הינטער דער פּאָדלאָגע פון דער ביהנע).

שׁ ל ו מ י א ל : עי, דראַנגען, ווער איז דאָס? ווער שרייט דאָס?

אַ ק ט י אָ ר : מע האָט געקענט פערשפּאַרען ערגעץ אַ הונט אָדער אַ חזיר? (די אַקטיאָרען שושקען זיך און לאַכען).

שׁ ל ו מ י א ל : און איך האָב געמיינט, עס איז אונזער אויטאָר... אַזוי ווי זיין קול... נו, דראַנגאַטשעס, מע דאַרף עפּעס טהאָן... וואו איז אונזער פּראָפעסאָר מיט זיין היסטאָרישער דראמא? טרייטעל! מיסטער הינערפּיסעל! עי!

(אַ פּרימאַדאָנאַ און אַ נייער אַקטיאָר אַריין).

פּ ר י מ אַ ד אָ נ אַ : קען איך זעהן מיסטער בהמה?

אַ ל ע : וועמען?

פּ ר י מ אַ ד אָ נ אַ : מיסטער בהמה... ניין, איך מיין מיסטער ביק...

שׁ ל ו מ י א ל : ביזט אַליין אַ בהמה, דו שלומפּערקע... מיין נאָמען איז הערר אָקס... שלומיאל אָקס!

פּ ר י מ אַ ד אָ נ אַ : איך געדענק אָבער עפּעס אַ ראָהאַטע סקאַטינע, נאָר צו אָקס, צו ביק, האָב איך פערגעסען... סעי, מיסטער, איך האָב אַ געוואַלדיגע שטימע און וויל זיין אַ פּרימאַדאָנע...

שׁ ל ו מ י א ל : אַ פּרימאַדאָנאַ? בראַוואָ!... פּונקט צו דער נייער אָפּערא!

י אָ ק ע ל : קומט נאָר אַהער, מאַמזעלכען, לעזט איהר נאָטען?

פּ ר י מ אַ ד אָ נ אַ : קיין נאָטען קען איך ניט, אָבער מיין חתן איז אַן אַפּרייטאָר און האָט אַ גרויסען טאַלענט צום שפּילען... ער וויל זיין אַ קאָמיקער אין אייער קאָמפּאַניע...

נ י י ע ר אַ ק ט י אָ ר : (פּאָנפּעט) יאָ, איך בין אַ קאָמיקער... איך ווייס אַלע ליעדער, אַלע קופּלעטען פון אידישען טהעאַטער... קען טאַנצען און האָב שוין געשפּיעלט אין אַ סטייבעל די ראָלע פון אוריאל אקאָסטע... איך בין אַ מעמבער אין דריי־און־צוואַנציג דראַמאַטישע פּעראיינען, און אַז מע דאַרף, מאַך איך אַליין אַ פּיעסע אויך. „די האָרבאַטע בעטלערין אָדער פּעטע קניידלעך און מאָגערע כלות", דאָס איז מיין דראַמאַ...

שלומיאל: הוש! דו דראַנג! הוש!

פרימאַדאָנאַ: מיין שטימע האָט ניט קיין אָנפאַנג און קיין ענדע... אז איך וויל, הויב איך זיך אויף ביז'ן רוף, און אז איך וויל, לאָז איך זיך אַראָפּ ביז'ן סעלער... אַז איך וויל, זינג איך מיט א קוויטש... אַז איך עפען דאָס פענסטער און גיב אַ געשריי: מאַקס! הערט מען פון האַרלעם ביז קעסל גאַרדען...

יאָקעל: נו, זאָגט: דאָ... רע... (פּרימאַדאָנאַ זינגט „לאַ“. אַלע לאַכען).

שלומיאל: דו, שלומפּערקע, בלייב!... יאָקעל, זי וועט זיין אונזער נייע פּרימאַדאָנאַ. מיר וועלען אַנאָנסירען: „אונזער נייע טאַלאַנטפאָלע פּרימאַדאָנאַ מיט איהר צוקער זיסער שטימע, די אידישע פּאַטטי, די נאַכטיגאַל פון לבנון, די קעניגען דער קונסט, די צויבער פלייטע פון ירושלים... דער סטאַר פון דער אידישער ביהנע...“

יאָקעל: און ער געהט, און ער געהט, און ער געהט... וואָס הייסט? נו, און זינגען?...

שלומיאל: ניש־קשה, זי האָט אַ געזונטע געמבע... און דאָס איז דער עיקר...

(זי שרייט, פון הינטער דער פּאָדלאָגע שרייט מען אויך).

שלומיאל: וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ שווארץ יאָהר? 'געהט און הייסט עפענען אַ ברעט. עי, דראַנג, ווער איז דאָרט?

טרייטעל הינערפּיסעל: (פון אונטען) דאָס בין איך, הערר דירעקטאָר, געוואַלד!

שלומיאל: דאָס זייט איהר, טרייטעל הינערפּיסעל? איך זאָג אָבער, אז דאָס איז אונזער אויטאָר און זיי זאָגען מיר, אַז עס איז אַ הונט אָדער אַ חזיר! שלעפּט איהם אַרויס! (מע שלעפּט איהם אַרויס מיט אַ שטריק).

הינערפּיסעל: אַי, אַ חלירע זאָל אויף זיי קומען... פון עלף אַ זייגער ליעג איך דאָרט... איך בין געקומען פאַרלעזען די פּיעסע, האָבען זיי מיך אריינגענאַרט אהין און פערשפּאַרט... אַי! אַי!

אלע: כאַ! כאַ!

פּרימאַדאָנאַ: סעי, מיסטער, בלייב איך די פּרימאַדאָנאַ? איך וויל וויסען בעצייטענס, ווייל איך בין אַ פינישערין אין אַ שאָפּ...

ש ל ו מ י א ל : יאָ, יאָ, שלומפּערקע, דו בלייבסט... ווי איז דיין נאָמען?

פּ ר י מ א ד אָ נ א : פּייגע פּיטשאַ... נו, און מיין חתן דער קאָמיקער?

ש ל ו מ י א ל : ער ניט... זעהסט, ביי איהם איז אויף די פּלייצעס ניט קיין קאָפּ... דאָס איז אַ קעבעדזש... און דאָס איז ביי איהם קיין נאָז ניט, דאָס איז אַ קאַטשען. נו, מיסטער הינערפּיסעל... ארויס מיט אייער דראַמע.

נ י י ע ר א ק ט י אָ ר : אַ קעבעדזש גאָר! אַ געמיינער ליגען. מיט אַ קעבעדזש קען מען ניט אויסלערנען אויף אויסענווייניג „ברייגע ניט, טענה ניט!", „אַי, קוגעל!", „דער קאַטער איז דאָ" און „אָט טאַבי האַנזיא קניש, געלטוניו!"...

ה י נ ע ר פּ י ס ע ל : (פּאַזירט) אָט איז מיין מייסטערווערק: ערשטער אַקט, צווייטער אַקט, דריטער אַקט, פיערטער אַקט, פינפטער אַקט (ער גיט פינף שטיקלעך פּאַפּיער). דאָ דערצעהלט זיך, וואָס דער העלד טהוט, וואוהין די פּרימאַדאָנאַ געהט, ווען דער מערדער שיסט, וואָס דער כאָר זינגט, איהר פערשטעהט? און וואָס די אַקטיאָרען זאָלען רעדען, ווייסען זיי שוין אַליין: זיי זיינען דאָך ניט קיין גרינהאָרנס... און דעם טיפּ... וועט זיי דער פּאַריקמאַכער מאַכען... די אָפּערא רופט זיך: „צפון ודרום אָדער די הרי חושך".

ש ל ו מ י א ל : אַי, אַ חאָליערע זאָל אויף אייך קומען מיט אייער שרייבעריי! דראָנגאַטשעס! יאָלדען! פּאַרטאַטשעס!... גיט אהער... ווי רופט זיך די אָפּערא? „צפון ודרום אָדער די חרי חושך" — ניט גוט... זי וועט זיך רופען: „מזרח ומערב, אָדער די בייזע שוויגער, אָדער די צוויי מוזיקאַלישע פערד". מיט צוויי אָדערען וועט זיין גרעסער דער סוקסעס...

י אָ ק ע ל : צוויי פערד גאָר? פערד איז שוין קיין נייעס ניט אין אידישען טהעאַטער... פּיהרט ארויף חזרים!...

ש ל ו מ י א ל : חזרים וועט זיך באַלד אָנהויבען אַ קריגעריי, ווער איז אַ גרעסערער קינסטלער... עי, יאָקעל, מאַך באַלד אַ דועט פאַר צוויי פערד... פּראָזאַ וועל איך אַריינהאַקען פון דער אָפּערא „חאַדזשי מוראַט"... מיסטער טרייטעל הינערפּיסעל, אַ קאָמיקער איז דאָ? אַ קאָמישע ראָליע?

הינערפיסעל: מע קען ארײנשטעלען — עס לאָזט זיך!...

שלומיאל: אבי עס לאָזט זיך. ארײנשטעלען די קאָמישע ראָליע פון לא פּארעללא... קופּליעטען גבנ'ענען פון דער „שעהנע אונ־גאַרין"! עי! חברה, געשווינד, נעהמט אייך צו דער ארבײט... מאכט אייך ראָליען מיט קלאסישע פּראָזא, מיט קנאַקענדיגע מאָנאָלאָגען! איהר זײט דאָך ניט קײן גרינהאָרנס (ער גיט זײ פּאַפּיר). נו, יאָקעל, באלד אהער מוזיק!... מאך מיר דאָ אויפ'ן שטעל אַן אָפּערא. עס זאָל הײסען: מוזיק פון מײערבעער, בעארבײטעט פאר דער אידישער ביהנע פון אונער גרויסען קאָמפּאָזיטאָר יאָקעל שצאַוועל!...

יאָקעל: געוואלד, וואָס ווילט איהר פון מײן לעבען האָבען? שוין געבען מוזיק!... איך בין ניט קײן מלאך...

שלומיאל: גנב'ענען פערטיגע מוזיק דארף מען זײן א מלאך? יאָלד! נעהם מײערבעער'ס אָפּערא און שנײד א קוף...

יאָקעל: נו, נו! אז אײך איז ליעב, איז מיר ניחא (נעהמט אַן אַקאָרד פון די „הוגענאָטען", זינגט).

אקטיאָרען: די מוזיק איז דאָ אין דער אָפּערא „שמענדריק".

יאָקעל: נו, און דאָס? (ער מישט איבער עטליכע בלעטער און זינגט).

אקטיאָרען: דאָס איז פון „די צוויי שמואל שמעלקעס".

יאָקעל: א פּגירה זאָל אויף אײך קומען... נו, און דאָס? (זינגט).

אקטיאָרען: דאָס איז פון אונזער אָפּערא „די פּ'ינצעסין פון הר גרזים".

יאָקעל: מײערבעער האָט ארויסגע'גנב'עט זײן מוזיק פון אונזערע אידישע אָפּערען, און מיר דארפען יעצט גנב'ענען בײ איהם צוריק!... עס איז יאָהרען... הא?!...

שלומיאל: ער וועט בורטשען און וועט גאָרניט טהאָן, ביז מע וועט איהם ניט צוגעבען א ביסעל היץ (זוכט בײ זיך אין טאַש). געהט ברענגט איהם א פּײנט ביער! ווער האָט צעהן סענט... לײהט מיר... (מע לויפט נאָך ביער).

יאָקעל: גיט מיר א פּאַפּיראָס!... דער רוח זאָל אײך נעהמען, דער טײוועל זאָל אײך כאַפּען... פער'שרפ'עט זאָלט איהר ווערען!... (מען ברענגט ביער).

שלומיאל: טרינק, יאָקעל, און מאַך ניט קיין פוילע שטיק! (יאָקעל טרינקט). די אָפּערא הויבט זיך אָן מיט א דועט פון צוויי מוזיקאַלישע פערד... ניין! האָר אויס... עס איז פינסטער... עס דונערט און בליצט... און עס איז א בעשווערונג... יאָקעל, דו הערסט? א געמיינע בעשווערונג... מיסטער הינערפיסעל, גיט איהם עברי!

הינערפיסעל: הם! הם! עס דונערט די דונערען, עס בליצען די בליצען, עס פייפען די ווינטען, זיי לויפען פון הינטען...

יאָקעל: (ער ווערט לעבעדיג) א בעשווערונג מוז זיין א בעשווערונג... חברה אָבער!... (זינגט)) עס דונערען... עס דונערען!... געוואַלד גיט מיר ווערטער, איך זאָל קענען צופּאַסען! עברי! עברי!

שלומיאל: דראַנג, וואָס פאַר עברי!... נעהם אשמנו, בגדנו, יום זה מכובד, מן המצר! מיין ליעבער אויגוסטין... וואָס הייסט? אין א היסטאָרישע אָפּערא שפּיעלט עפּעס עברי א ראָליע.

יאָקעל: אַזוי, טאָ הערט־זשע! (נעהמט עטליכע אַקאָרדען און זינגט אַליין):

יום זה מכובד
מכל הימים,
שרה'קע, מיין ווייב,
דערלאַנג דעם צימעס!

כאָר: הללויה! אנקת מסלדך.

יאָקעל: (זינגט) אדוני קעניג, שענק מיר מיין לעבען!
פרימאַדאָנא און כאָר: אי! אי! אי! אי!

יאָקעל: דער גלות איז גרויס און דער גלות איז לאַנג דאַרום איז פּטום הקטורת הצרי והצפורן אַי קוגעל! געוואַלד פּאָטער קוגעל!

כאָר: קוגעל געוואַלד קוגעל!... יאַנקעל, כאַפּ דעם איינגעל האַסטיג!...

יאָקעל: (טרינקט) א בעשווערונג האָט איהר, וואָס נאָך? א דועט פאַר פיער פערד, א כאָראַל פאַר פערציג שאָף, א קוואַרטעט פאַר היסטאָרישע ציעגען... פּאָדערט איצט וואָס איהר ווילט... דער מוזיקאַלישער פאַנטאַן האָט זיך ביי מיר געעפענט...

ש ל ו מ י א ל : יאָקעל! די בעשווערונג איז גרויסארטיג! פראַכטפאָל! גנעטליך! טאַטע מיינער, קום איך וועל דיך א קוש טהאָן... חברה יאָלדען, צוּאוואַרעמט איהם, ברענגט נאָך ביער... וויסקי! (זוכט אין קעשענע) ווער האט קליין געלד? (אַלע לעגען זיך צונויף נאָך וויסקי) איך זעה שוין אז די אָפּערא וועט האָבען א גרעסע־רען סוקסעס פון דער „פרינצעסין פון הר גרזים"... צוויי פערד און א נייע פרימאַדאָנא דערצו! (מע ברענגט וויסקי) טאַטע מיינער! נעהם אביסעלע!

פ ר י מ א ד אָ נ א : מיסטער יאָקעל, גיט מיר פריהער א מע־לאָדיע, און נאָך דעם די פערד... אז ניט, וועט מען דאָך ניט וויסען, ווער איז די פרימאַדאָנא.

ש ל ו מ י א ל : שאַ לאָזט איהם! איהר וועט זעהן, ער וועט באַלד אָנהויבען מאַכען מופתים... אַ קליינינקייט יאָקעל!... (טרינקט) לאָז ער זיך נאָר צושאָקלען!...

י אָ ק ע ל : (טרינקט) איהר וועט זיין צופריעדען עכברוישים... אי די פערד, אי אַלע פּערזאָנען... אַמאָל וואָלט איך אייך געשיקט לעזאזל... היינט אָבער איז די בויערי מיט די אמעריקאנער באָמס... שטאַרקער פון מיר... געדענקסט, שלומיאל, אמאָל... אין דער יוגענד... מיר האָבען ביידע געטרוימט פון וואהרע קונסט... פון עסטעטישע אויפגאבען?...

ש ל ו מ י א ל : יאָ, דראַנגאַטש מיינער טהייערער, עס איז גע־ווען א צייט... דאמאָלס האָט אונז דער הונגער און נויט אזוי ניט גע־שראָקען... ברידער, אמעריקא ווייס ניט פון קיין חכמות! דאָ נעהמט דיך א לויפער ביים קארק און זאָגט: „טודרום, דו יו" און דו מוזט דויען... עס העלפט ניט, ברידער! (פערטראַכט זיך).

י אָ ק ע ל : יאָ, עס איז געווען א צייט!... וואו האסטו די גאָל־דענע יוגענד? שלומיאל, געדענקסט דעם ראָמאַנס:

אָ, יוגענד, ווי שעהן דו ביזט!
די זאָננע לייכטעט,
דער פריהלינג בליהט
אינם געבירגע,

יאָקעל דער אָבער'ן מאַכער

צאַג דער ווינטער הינהיין,
דאַס אַלטע ווינקט,
דאָך אין די הערצער בליהט די יוגענד,
זאָ ווארם, זאָ ריין!

(נעהמט אַן אַקאָרד און זינגט: אָ יוגענד, א. ז. וו.)

שלומיאל: ריינע ווערטער, זיסע מוזיק! אָ! ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען אונזער פובליקום זאָל פון אונז פאָדערען ערנסטע ווערטער, ריינע, וואהרע קונסט, שעהנע מוזיק!... עס איז דאָ ביי אונז טאַלאַנטען, עס איז דאָ פעהיגקייטען... אָבער וואָס זיינען מיר שולדיג, אז מע פאָדערט עס פון אונז ניט!... איהר פאָדערט פון אונז אמעריקאַנער מאַשין ארבייט, טאַנדעט, מוזען מיר אייך געבען!... אונטערשטיצט אונז אין אַזעלכע גוטע שטרעבונגען, וועלען מיר אייך צייגען, אז א אידישער טהעאַטער קען שטעהן גלייך מיט אַלע טהעאַטערע אויף דער וועלט! און אַז מיט אונזער אָרימען זשאַרגאָן קען מען דיענען דער ווארהייט און פראָפאַגאַנדירען ערהאַבענע אידעען גראַדע ווי מיט די רייכסטע שפּראַכען פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער!...

(פאָרהאַנג).

נאָך דער שחיטה

אַ דראַמאַטישע סצענע אין איין אַקט

פון יעקב גאָרדין

דיזער איין־אַקטער פון יעקב גאָרדין איז געשריבען געוואָרען אַלס אַן עפּילאָג צו זיין דראַמאַ „די שחיטה“, און איז געווידמעט געוואָרען פון דעם פערפאַסער צו דעם אונפערגעסליכען זיגמונד מאָגולעסקאָ, אַלס אַ דאַנקבאַרע אנערקענונג פאַר זיין אויסגעצייכענטער שאַפונג אין זיין שפּיעלען די ראָלע פון ר׳ זיסעל קרוינעס. עס איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען אין טהאַליאַ טעאַטער, אין דעם יאָהר 1903, צו מאָגולעסקאָ׳ס אַן עהרען־אבענד. — א. דזש. ג.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אַדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

ר׳ זיסעל קרוינעס, אַ מורה הוראה, נאָהענט זיעבציג יאָהר.
קרוינע, זיין ווייב, דיזעלבע יאָהרען.
ר׳ אלקנה, געוועזענער פּריקאַזטשיק פון צלאל ראַפּאָפּאָרט.

(צימער ביי ר׳ זיסלען אין הויז, ווי אין דער „שחיטה“. עס איז טונקעל, אַ הוהן איז צוגעבונדען צום פיסעל פון בעט. קרוינע קומט מיט אַ לאָמפּ.)

קרוינע: (שטעלט דעם לאָמפּ אויפ׳ן טיש) איהר וועט מיר אַט הפנים גלויבען? איך גיס אין לאָמפּ היינט ביינאַכט שוין צום צוויי־טען מאָל פּעטראָמאָליום, אַי! לאָזען אַ אידענע אַליין ביינאַכט, איז אַ גרויסע רציחה. גאָר ניט! מיין ר׳ זיסעל איז אוועקגעגאַנגען פּראַ־ווען תקון חצות אין בית המדרש אריין... איך האָב איהם געזאָגט: ווילסט פּראַווען תקון חצות, פּראַווע אין דער היים... ניין! און איך דאַרף דאָ זיצען אַליין... און היינט איז נאָך פּונקט מיטוואָך ביינאַכט... אַ שווערע נאַכט, ניט פאַר קיין אידענע געדאַכט, אַי, אונזער אָרימע, אונגליקליכע אסתר׳קע איז געבאָך אין באָלניצע, ניט פאַר קיין מענשען געדאַכט, איהרע גערדאַנקען, וועה איז מיר, איהרע גערדאַנקען... (צייגט אויפ׳ן קאָפּ) שמואל יאָסעל איז אויך ניטאָ, ער איז אוועק צוריק קיין באָבער... ער איז דאָרטען שוחט און מוהל און שליח צבור... איך גע־דענק, אין יענע פינסטערע נאַכט, ווען זיסעל האָט איהר געזאָגט, אַז די ראשי תיבות פון שליח צבור איז ש״ץ, האָט זי געזאָגט, אַז עס איז מסתמא, ניט אַזאַ שאַץ, ווי אַ דייטשקע האָט... נו, יאָ, אַ דייטשקע האָט, אָט אַ פּנים גאָר אַן אַנדער שליח צבור... און ער... אַי! איהר זאָלט מיר אפילו געבען אַ רענדיל, וואָלט איך ניט ארויסגעקוקט איצט אין הויז אריין... דאָרט איז פינסטער און מיר ווייזט זיך אויס, אַז אויפ׳ן בוי־דעם לעבען קוימען כראָפּעט אימעצער... פּונקט ווי ער מיט׳ן איבער־געשניטענעם האַלז... אַי! אַי! (פּערדעקט איהר געזיכט. מען קלאַפּט אין פענסטער. דערשראָקען) ווער איז דאָרטען?

ר׳ זיסעל: (הינטער די קוליסען) שרעק דיך ניט, קרויפּע לעבען, דאָס בין איך, די חכמים זאָגען... (זי שפּאַרט אָב די טהיר, ר׳ זי־סעל געהט אַריין, ער טהוט אָן דעם כאַלאַט).

קרוינע: נו, זאָג אליין, אדרבה, ביזט דו ניט א פערד גזלן? וואָס הייסט, אין אזא צייט לאָזט דו מיך אליין? מיר איז דאָ עט־ליכע מאָל געוואָרען מלאָשנע.

ר׳ זיסעל: די חכמים זאָגען: אויף דריי אשמורות ווערט געטיילט די נאכט. די ערשטע אשמורה — דער אייזעל שלאָפט ניט; די צווייטע אשמורה — הינט האווקענען; די דריטע אשמורה — די ווייב שמועסט מיט׳ן מאַן... נאַרעלע דו, איך וואָלט געוואָלט ווי־סען, פאַר וואָס שלאָפסט דו איצט ניט? היכא תימצא (מיט א ניגון) די אשמורה ווען א ווייב שמועסט מיט׳ן מאַן איז דאָך נאָך ניט געקו־מען, די אשמורה ווען אן אייזעל שלאָפט ניט איז שוין פערביי... וואָס־זשע, דו שלאָפסט ניט, ווייל עס איז פונקט די אשמורה ווען כלבים נובחים... כע־כע! געה שלאָפען געזונטערהייד...

קרוינע: וואָס גלייבווערטעלסטו זיך.... און וואָס מאַכסט דו זיך הארץ, מיינסט איך זעה ניט, אז דו ביזט אויך ניט אזוי יום־טוב׳־דיג?

ר׳ זיסעל: שוטה, פון וואָס קען מען דאָרטען ווערען יום־טוב׳דיג? רחמנא לצלן... געה שלאָפען, איך וועל נאָך אריינקוקען אין א ספר. רוה זיך אויס... די חכמים זאָגען: דיה לצרה בשעתה... עס איז געננוג ווען מען לײדעט פון א צרה אין איהר צייט. (קרוינע זעצט זיך אויפ׳ן בעט) אַי! גאָטעניו פאָטער, וויפיעל מאָל איך האָב שוין צו דיר געטענה׳ט, ביזט געווען אזוי לייטזעליג און האָסט מיר גע־געבען א קינד, וואָס וואָלט דיך געארט, אז עס וואָלט געווען א אינ־געל? עס איז דען פאר דיר זעהר פיעל מעהר טרחה דערביי?... דו ווייסט דאָך, יאָ, אז די חכמים זאָגען: אוי למי שבניו נקבות, אז אָך און אַז וועה איז צו דעם, וואָס זיינע קינדער זיינען נקבות... (זעצט זיך צום טיש).

קרוינע: וואָס האָסט דו זיך גענומען אזוי צו נקבות? אָט הפנים און אז מען האָט א זוהן און ער לויפט אוועק אין דער אוראַלניע אוציליששע און אנשטאַט קדיש זאָגט ער נאָכ׳ן טאַטען האַספּאַדי פּאָ־מילוי... און פון מאָטעל ווערט ער פּלוצים מיקאַלאי, איז דאָס א בע־

סערער נחת? (לייגט זיך אַריין אין בעט) אז גאָט וויל האָט מען נחת אי פון נקבות, אי פון זכרים, און אַז גאָט חלילה וויל שטראָפֿען, איז מיט זכרים ניט גוט און מיט נקבות שלעכט... אַי! לישועתך קויתי ד׳, קויתי ד׳ לישועתך, ד׳ לישועתך קויתי.... (זאָגט עס דריי מאָל און שלאָפֿט איין).

ר׳ זיסעל: (גערט צום בעט אויף די שפּיץ פֿינגער) מיט א ווייב איז יאָ ווי די חכמים זאָגען: או חברותא או מיתותא... אָדער מע דאַרף לעבען מיט איהר בחברותא, אדער עס דאַרף קומען די מיתותא... (זעצט זיך צוריק צום טיש און שמעקט טאַבאַק). איך וואָלט גענומען א ספר געלערענט ביז טאָג, אָבער... איהר וועט גלויבען... שש! קרוינע הערט ניט, מעג איך זאָגען, איך בין אליין די לעצטע צייט צו פֿודזשעט ווי א אידינע... (קוקט צושראָקען אויף דער שאַפֿע ספרים) מיר ווייזט זיך אויס, פֿון דער שאַפֿע מיט ספרים קוקט אַרויס דער גראָבער רוד קען פֿון דער גמרא חולין און איך זעה, רחמנא לצלן, מיט בלוט געשריבען אויף אלע דפים: הכל שוחטין... אלע מעגען קוילען... געוואלד, רבונא דעלמא כולה, וואס טשעפּעסט דו זיך צו מיר? היכא תמצא... דאכט זיך, ר׳ זיסעל האָט געהאַט אזא גוטען חשבון, ביזט דו גאָטעניו פֿאָטער געקומען און האָסט מיר אלע חשבונות צוקאַלאַמוטשעט. פֿאר וואס? איך טענה צו דיר, טאַטע פֿאָטער, און דו דאַרפֿסט אויף מיר ניט ברוגז ווערען דערפֿאר... די חכמים זאָגען, אין אדם נתפש על צערו... ווען א איד האָט צער, דאַרף מען איהם ניט כאַפּען ביים ווארט... גערעכטער גאָט, כאַפּ מיך ניט... דו מיינסט אין דער אמת׳ן, אַז עס איז א גרויסער קונץ כאַפּען אזא גרויסען העלד ווי איך, זיסעל קרוינעס, און מיך פֿאַבאַרענען?... נו, יא, איך ווייס, מסתמא דאַרף זיין אזוי... די חכמים זאָגען, כל מה דעביד רחמנא לטב הוא דעביד, וואס גאָט דער רחמן טהוט, איז צו גוטען... מע זעהט דאָך... רבונא דעלמא כולה, אפשר איז דאָס אן אומכבוד פאר׳ן מת, רחמנא לצלן, וואס איך טענה? א שטייגער, וואס טהו איך... אז... אז... (קוקט אויפ׳ן טהיר דערשראָקען) א שטייגער די טהיר עפענט זיך... און ער... איהר זעהט פֿון מיר א בריה׳קייט? עס האָט מיך שוין א וואַרף געטהאָן אין שוויים.... ניין! ניין! גאָט איז מיט אייך, וועל איך זאגען, יא, איך וועל זאָגען, וואס דען מיינט איהר, איך וועל מורא האָבען? צלאָל, איך האָב געבעטען ביי אייך מחילה, וואס ווילט

איהר נאָך? מיר זיינען קליינע מענשעלעך... איך בעט אייך, פאָלגט מיך, זאָלט איהר געזונד און שטארק זיין, און געהט צו אייער רוה.... נעהט צו אייער מקום מנוחה!... (א גערויש ביים פענסטער) אַי! וועד איז דאָס? קרוינע! זאָלסט דו געזונד זיין... קרוינע לעבען!...

קרוינע: (כאַפּט זיך אויף) ר׳ זיסעל, נאָט איז מיט דיר, האָסט זיך דערשראָקען... איך האָב דיר לאַנג געזאָגט אז מען דאַרף מגיה זיין די מזוזה, אפשר איז אָבגעשפּרונגען אַן אות.

אלקנה: (ביים פענסטער) רבי, איהר שלאָפט ניט? עפענט מיר, האָט קיין פאראיבעל ניט, די זאדוויזשקע. (ר׳ זיסעל געהט עפענען די טהיר).

קרוינע: שפּיי אָב, נאַר, עס איז ר׳ אלקנה (לעגט זיך צו־ריק) לישועתך קויתי ד׳, קויתי ד׳ לישועתך, ד׳ לישועתך קויתי (שלאָפט איין. זיסעל און אלקנה קומען).

אלקנה: איך זעה ביי אייך לייכט זיך א פייער, בין איך געקומען... איך קען ניט שלאָפען, איך האָב, האָט קיין פאראיבעל ניט, א בעזסאָניצע... עס האָט מיך אזוי ווי פון דער פאנטעליגע אראָבגע־שלאָגען און... און האַדיע.

ר׳ זיסעל: זאָלט איהר געזונד און שטארק זיין... עס הייסט, איך האָב ניט מורא, אָבער איהר האָט מיך אביסעל איבער־געשראקען.

אלקנה: נישקשה, רבי, מיר וועלען אייך אָבגיסען א פּע־רעפּאָלאָק...

קרוינע: ר׳ אלקנה, האָט קיין פאראיבעל ניט, איך האָב זיך צוגעלעגט... איך האָב קיין כח ניט, איך בין זעהר מיעד... עה! ניטאָ דער כח וואס מיידעלוויז... קויתי ד׳ לישועתך...

אלקנה: נישקשה, רביצין, איהר קענט אייך שלאָפען דאָרט הינטערן פּרוכת... איהר ווייסט דאָך, איך בין א פּראָסטער שלש סעודות, און האָדיע (ער פעררויכערט אַ טרובקע, ר׳ זיסעל שמעקט טאַבאַקע. זיי שווייגען לאַנג).

ר׳ זיסעל: די חכמים זאָגען: אחים בהספדא, די וואָס קלאָגען זיינען מיינע ברידער... איהר זייט מיר איצט ווי א ברודער.

אלקנה: אין תוך גענומען, געה איך איצט אליין אום ווי א טשורבאן... זינט עס האָט זיך געטראָפען די קאַפּאַסטראָקע.

ר' זיסעל: רחמנא לצלן, וואס איז דאָס?

אלקנה: קאַפּאַסטראָקע, איז אן אונגליק, זינט יעמאָלט גנעה איך ווי מיט א כוואָראָבע אין הארצען... עס ברעכט מיר, האָט קיין פּאר־איבעל ניט, די פּאַיאַסניצע, און איבער די ליאזשקעס, אַקוראַט ווי גע־געבען מיט א בעריאָזעווען פּלאָקען.

ר' זיסעל: די חכמים זאָגען: „גברא דנשי קטלוהו לית דינא ולית דיינא", — א מענש וואס איז גע'הרג'עט געווארען פון ווייבער, האָט ניט קיין דין און קיין דיין.

אלקנה: אָ, אז מען האָט צו שטארק ליעב, האָט קיין פּאַראי־בעל ניט, האַלושקעס, מוז מען זיך סוף כל סוף דערווערגען מיט א האַלושקע און האָדיע... אָבער דאָך, אין תוך גענומען, איך בין שוין אזוי צוגעוועהנט, אז אָהן א האָספּאָדין איז עפּעס קאָלעמוטנע אויפ'ן הארצען, און האָדיע. עס איז קיין קלייניגקייט, אזוי פיעל יאָהרען צו־זאמען, אפילו א קאָטשערע מיט א ראַהאַטיש ביים זאַפּאַטשעק ווערען אויך זאַ פּאַני בראַטאַ, און איך האָב, האָט קיין פּאַראַיבעל ניט, שוין ביי איהם געדיענט די וואָטאָריטעלנע סלוזשבע...

ר' זיסעל: די חכמים זאָגען: א מענש וואס האָט גסות רוח... זאָל ער מיר מוחל זיין טויזענד מחילות... ער איז געווען... (קוקט זיך אָרום דערשראָקען) מען דארף נישט רעדען...

אלקנה: אין תוך גענומען, אזוי איז דער זאַקאָן פון דער וועלט.... איינער איז שטיל, האָט קיין פאַריבעל ניט, ווי א שצעניאַ, איז ער אָבער א כאַליאַסטראַ, א קאַזיאַוועקע, האָט א מאָזניצע ניט א קאָפּ. דער אָבער וואָס האָט שכל אין דעם של ראש, האָט ער אָבער צו א ברייטען של יד, ער כאַפּט מיט דער גאַנצער זשמעניע, קריכט דעם אנדערען אויף די מאַזאָליעס און זאָגט אָלעמען זאָס! ע, ע! עס איז געווען, האָט קיין פאַריבעל ניט, גוטע צייטען אויך, און איצט איז א כוואָראָבע, און האָדיע... (שפּארט אונטער דעם קאָפּ און פערטראַכט זיך.)

ר' זיסעל: איהר געדענקט, ר' אלקנה, צום ערשטען מאָל... איך האָב זיך געזעצט שרייבען איהם, עליו השלום, א בריעף... יאָ! יאָ! עס איז געווען גוטע צייטען אויך. איך געדענק ווי היינט, איך האָב געמאכט ביים „ל" א געלונגענעם אויסגעצייכענטען צוק ארויף, ארויף העט, און האָב אנידערגעלעגט א שעהנעם, א פיינעם „לכבוד".

קרוינע: (פון שלאָף) און די דייטשקע זיינע, די גובער־נאַנטקע, וועט זיצען שבעה און זאָגען רבנן קדיש.

ר׳ זיסעל: פון שלאָף נעבעך... יאָ, א יומא דפגרא איז עס געווען, א גאַנצע מליצה האָב איך איהם מחבר געווען... לכבוד ידידי הרב המופלג, המושלם, המפורסם, המהולל, הארז הגדול, תפארת ישראל, נזר היצחק, כתר יהודה, הפטיש המפוצץ סלעים של תורה, השר הממונה על שבע חכמות העולם, צנא מלא ספרא, אספקלריא המאירה... ניין! מיר דאכט זיך, איך האָב ניט געשריבען אספקלריא... איהר געדענקט ניט, ר׳ אלקנה? (ר׳ אלקנה איז איינגעשלאָפען געווארען זיצענדיג מיט דער טרובקע אין מויל) ער איז אויך איינגעשלאָפען געווארען... זאָל ער זיך כאַפּען א דרעמעל... די חכמים זאָגען אין כתובות: אמר רב הונא, רב הונא האָט געזאָגט, דער לשון פון חכמים איז א ברכה, דער לשון פון חכמים איז עשירות, דער לשון פון חכמים איז א רפואה... אזוי ווי פון א רפואה איז ער אנטשלאָפען געווארען... און איך אליין וועל נעהמען א ספר מיט א גאַנצען סך דברי חכמים, וועל איך אויך אפשר אנטשלאָפען ווערען. דאָ איז דאָך א גאַנצע שאַפע מיט ספרים, דאָס הייסט, א גאַנצע שאפע מיט שלאָף־פּראָשקעס. (קוקט זיך אָרום, לויפט דערשראָקען צו דער שאַפע און כאַפּט ארויס אָ ספר און קומט צוריק צום טיש) וואס איז דאָס? רבונא דעלמא כולה, דוקא די גמרא חולין?... איך האָב געבעטען קרוינע׳ן, זי זאָל די גמרא אוועקטראָגען צו ר׳ זבולנ׳ען, געה פערלאָז זיך אויף א אידענע... אַי, אַי, רחמנא לצלן, דוקא די גמרא חולין... דער שטן שפּיעלט זיך מיט מיר אין זשמורקעס, ער מישט מיר אויף די שחיטה, די שחיטה, וועה איז מיר... הא? וואס איז דאָס אונטער׳ן בעט?... זעהט נאָר, מיר ווייזט אוים, אימיצער פיקט דאָר־טען?...

קרוינע: (שלעפעריג) די הוהן פיקט פּהאָסע.

ר׳ זיסעל: רבונא דעלמא כולה, אויף מיין ווארט, אזוי ווי א ווינטעל בלאָזט איבער׳ן שטוב, און די לאָמפּ הויבט אָן אויסגעהן... דאכט זיך, געגוג דאָ פעטראָמאָליום, זאָלט איהר געזונד און שטארק זיין, ווען מען איז דערשראָקען, איז מען במחילה, ווי זאָגען די חכמים, ע... (וויל גרעסער מאַכען דאָס פייער, דער לאָמפּ פערלעשט זיך, ער בלייבט אין דער פינסטער). הא! ווער האָט עס פערלאָשען? קרוינע, וואו זיינען די סירנאַקלעך? אַי, עס ריהרט זיך, ר׳ אלקנה, גוואלד! (קרוינע

כאַפּט זיך אויף און דערשרעקט די הוהן) אונטער'ן בעט איז עפּעס... עפּעס איז אונטער'ן בעט! ד' מחסי ומצודתי!... מצודתי... מצודתי... (לויפט, פערטשעפּעט זיך אָן א בײנקעל און פאַלט).

ק ר ו י נ ע : (לויפט אראב פון בעט און כאַפּט איהם): גאָט איז מיט דיר, זיסעל!

ר' ז י ס ע ל : (נאָך ערגער דערשראָקען) ער האַלט מיך! ער האַלט מיך! גוואלד! ראַטעוועט! געה צו דיין רוה! (וויל זיך אַרויסרייסען).

א ל ק נ ה : (וועלכער האָט דערוייל אָנגעריבען אַ סירניקעל) א מאַנסביל האָט זיך דערשראָקען פאַר אַ קורקע! רבי! עס איז אַ קורקע... און האָדיע!...

ר' ז י ס ע ל : שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד! (רייסט זיך צום טהיר, טויט ערשראָקען. קרוינע און אלקנה האַלטען איהם).

(פאָרהאַנג.)

די טיפּען גאַלעריע

דראַמאַטישע סצענע אין איין אַקט

פון יעקב גאָרדין

דיעזער איין־אַקטער, לויט אונזער מיינונג, איז פאַר פיעלע אורזאַכען זעהר וויכטיג אין דער געשיכטע פונ׳ם אידישען טעאַטער. דעריבער לוינט זיך דאָ צו מאַכען עטליכע בעמערקונגען. אין נאָוועמבער 1901 האָבען אַ גרופּע פון יעב גאָרדין׳ס פריינד און פערעהרער פעראַנשטאַלטעט אַ גאַלאַ־פאָר־שטעלונג אין טהאַליאַ טהעאַטער, צו פייערען דעם צעהנטען יובילעאום פון זיין טהעטיגקייט אויף דעם פעלד פון אידישער דראַמאַ. אָנהויבענדיג מיט „סיביריא“, אין 1891, האָט ער פאָרבערייטעט און ענטוויקעלט זיין שאַפונגס־קראַפט, אַרויספיהרענדיג אין דער צייט אויף דער אידישער ביהנע אַזעלכע דראַמען ווי מירעלע אפרת, גאָט מענש און טייוועל, אידישער קעניג ליער, די שחיטה, ווילדער מענש, די שבועה און פיעלע אַנדערע, וועלכע פערנעהמען זייערע פערדיענטע פלעצער אין אידישען טעאַטער. אין דער יום־טוב פאָר־שטעלונג האָבען זיך בעטייליגט אַלע בעוואוסטע אידישע אַרטיסטען, וועלכע האָבען אויפגעפיהרט פערשיעדענע אַקטען פון זיינע פיעסען. אַ סאָוועניער־בוך איז דאַן אַרויסגעגעבען געוואָרען, אונטער דעם נאָמען: „צו יעקב גאָר־דין׳ס צעהן־יעהריגען יובילעאום“, וועלכער האָט ענטהאַלטען פיעלע אינטע־רעסאַנטע אַרטיקלען פון מ. קאַץ, י. ענטין, דר. קאַספּע, דר. זאָלאָטאַראָף, מ. לעאָנטיעף און אַנדערע. ספּעציעל פאַר דעם בוך האָט מ. ווינטשעווסקי געשרי־בען זיין גוט־בעוואוסטען „פּראָלאָג צו מירעלע אפרת“. צום סוף פון דער פאָרשטעלונג האָבען אַלע אַרטיסטען אויפגעפיהרט דיזען איין־אַקטער „די טיפּען־גאַלעריע“, וועלכעס איז ספּעציעל געשריבען געוואָרען פון דעם פער־פאַסער פאַר דער געלעגענהייט. — א. רזש. ג.

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער איינאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אדאַפטירען עס אָהן די ערלויבניס פ.,
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פערזאָנען:

(און די אַרטיסטען וואָס האָבען אַנטייל גענומען ביי דער ערשטער אויפפיהרונג).

דער צערעמאָניע מייסטער — — — — — — — לעאָן בלאַנק
יאַנטעל שנאָרער, פון „משיח׳ס צייטען“ - בערנ. בערנשטיין
סאָפיע פינגערהוט, פון „סאפהאָ“ — מאד. בערטהא קאַליש
שיינדעלע, פון „דער שווארצער איד“ — מאד. מ. ווילענסקי
אַקסעל, פון „די שבועה“ — — — — — מאָרים מאָשקאָוויץ
ראָניע די פּאַטשטאַרקע, פון „די שבועה“—מאַד. קעני ליפּצין
צלאל ראַפּאָפּאָרט, פון „די שחיטה“ — — דייוויד קעסלער
נחומ׳צע, פון „מירעלע אפרת“ — — סעמיועל טאָרנבערג
חנה דבורה, פון „מירעלע אפרת“ — — — מאדאם מאַננע
אלקנה, פון „די שחיטה“ — — — מאָררים מאָשקאָוויץ
אסתר׳קע, פון „די שבועה“ — — — — מאַד. קעני ליפּצין
מאַניטשקע, פון „סאַפאָ“ — — — — — —מאדאם דאַניע
מאדאם פינגערהוט, פון „סאפהאָ“ — — מאַד. נאַדאָלסקי
מאַטהיאַס פינגערהוט, פון „סאפהאָ“ — זיגמונד מאָגולעסקאָ
שמאי, פון „קעניג ליער“ — — — בערנארד בערנשטיין
ר׳ דוד׳ל משה׳לעס, פון „קעניג ליער“ — — יעקב פּ. אדלער
שלמה, פון „שלמה שארלאטאַן“ — — — דייוויד קעסלער
מירעלע, פון „מירעלע אפרת“ — — — מאַד. קעני ליפּצין

צערעמאָניע מייסטער: פריינדע און פערעהרער פון דעם, וועמענס יום טוב איז היינט! אויב עס גיבט נאָך אַזעלכע אונגלויביגע, וועלכע צווייפלען, אַז די טיפּען און פּערזאָנען, וואָס אונזער דיכטער פיהרט ארויס אויף דער ביהנע פונ׳ם אידישען טהעאַטער, זיינען ווירקליכע פּערזאָנען, גענומען פון לעבען, — וועלען זיי זיך היינט מוזען אין דעם איבערצייגען... צו די אַלע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געדיכטעט פון יעקב גאָרדין׳ס פּעדער, האָבען מיר געשיקט איינ־לאַדונגען צום יובילעאום, און זיי וועלען אַלע דאָ ערשיינען, ניט אין

דער דראַמאַ, נאָר אַזוי ווי זיי זיינען אין לעבען... ליידער ניט אַלע טיפּען, כאַראַקטערען און פּערזענליכקייטען קענען ערשיינען אין טהאַ־ליע טהעאַטער, אָבער עס וועט זיין ניט וועניג, אויב מיר וועלען זאָגען, דאָס טהאַליע טהעאַטער האָט געהאַט די עהרע, און וועט איצט האָבען דעם פּערגעניגען אייך פּאָרצושטעלען: סאַפּהאָ, שיינדעלע פון׳ם שוואַרצען אידען, חנה דבורה פון מירעלע, מאַניטשקע פון סאַפּהאָ, שלמה׳לע שאַרלאַטאַן און צלאל ראַפּאַפּאָרט, יאָנטעל שנאָרער און שמאי פון קעניג ליער, אלקנה פון דער שחיטה, דוד׳ל משה׳לעס, דער אידישער קעניג ליער, אקסעל דער פּאָטשטאַר, נחומצע חנה דבורה׳ס פון מירעלע, און מאַטהיאַס פינגערהוט פון סאַפּהאָ, און מיט זיי אונזערע געסט אסתר׳קע פון דער שחיטה, ראָניע די פּאָטשטאַרקע און מירעלע אפרת... פריינדע, פיעלע פון יעקב גאָרדין׳ס טיפּען־גאַלעריע, וועלכע איז גע־שאַפען געוואָרען אין צעהן יאָהר, וועלען דאָ פעהלען, אָבער איהר זעהט, אַז די טיפּען, וועלכע טהאַליע טהעאַטער שטעלט אייך היינט פאָר, גיט דעם טהעאַטער גענוג רעכט צו זיין שטאָלץ מיט דעם היינטיגען יובי־לעאום, אויף די ברעטער פון אונזער ביהנע איז אויפגעפיהרט געוואָרען סאַפּהאָ, מירעלע אפרת און גאָט מענש און טייוועל!... (מען קלאַפּט אין טהיר) הערריין! (יאָנטעל שנאָרער ערשיינט) הערר יאָנטעל שנאָרער פון משיח׳ס צייטען!...

יאָנטעל: שלום עליכם אַ איד, עליכם שלום, איהר האָט מיך געשיקט רופען, האַ? וואָס דאַרפט איהר מיך? איהר דאַרפט בשמים פאַר אַ הדס? וואַקס אויף הבדלה, ירבות פאַר הושענות, רצועות פאַר מלקות, ציציות צו אַן ארבע כנפות, אַ סגולה צום זכרון, אַ תרופה פון אַן עין־הרע, האַ?...

צער. מייסטער: ניין! דער וואָס האָט אייך אהער געבראַכט וויל בעהויפּטען, אַז די אַלע זאַכען דאַרף מען שוין ניט.

יאָנטעל: וואָס־זשע וויל ער פון מיר?

צער. מייסטער: היינט איז זיין יובילעאום.

יאָנטעל: האַ? וואָס איז דאָס אַזעלכעס? עס איז דאָך גאָר אַ מכה שלא כתובה בתורה...

צער. מייסטער: עס איז אַ יום־טוב... דער יום־טוב פון אַ דיכטער...

יאָנטעל: וואָס דאַרף דאָס אַ איד? אַזאַ חוצפה, מטריח זיין

אַן עהרליכען אידען צוליעב וועמען... ע! וואָס־זשע, ער איז אַ גרוי־סער גביר?

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: ניין!

י אַ נ ט ע ל: אַ תקיף מיט נאַטשאַלסטוואָ?

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: ניין!

י אַ נ ט ע ל: פע! אַזאַ נאַרישקייט זאָל אידען ליגען אין זינען. (געהט ביז׳ן טהיר, קעהרט זיך אום) וואָס־זשע, וועט מען דאָ היינט טיי־לען געלד דעם עולם?

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: ניין!

י אַ נ ט ע ל: וואס עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט די נאַכט און יענע נאַכט... ווען איז אַזאַ זאַך ביי אידען געהערט געוואָרען? אַ יובילעאום גאָר! נו! (בייז אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: פאַר דער חברה שמעקט גאָר ניט יעקב גאָרדינ׳ס יובילעאום (מען קלאַפּט) העריין! (סאַפהאָ קומט מיט אַ בוקעט בלומען).

ס אַ פ ה אָ: איך בין סאַפיע פינגערהוט, דער דיכטער האָט מיך ארויסגעפיהרט אויף דער ביהנע אונטער׳ן נאָמען סאַפהאָ... מיט פרייד און פערגעניגען ערשיין איך דאָ איצט אויסצודריקען מיין דאַנק־באַרקייט, אלס מענש, אַלס פרוי, אַלס סאַפהאָ, דעם וועלכען האָט גע־שילדערט פאַר אייך אונזערע ליידען און שמערצען, אונזער קאַמפף פאַר׳ן גליק און פאַר מענשליכע רעכטע, אונזער ערנידערונג אין פאַמי־ליען לעבען און אונזער שטרעבונגען צו פרייהייט! ניט נאָר אַלס סאַפהאָ, נאָר איך זעלבסט, אַלס פרוי פון מיין נאָמען און פון דעם נאָ־מען פון אַלע פרויען, דערלאַנג איצט אַ בוקעט בלומען דעם, וועלכען האָט געפיהלט אונזערע ליידען, האָט געזעהן אונזערע טרערען, פער־שטאַנען אונזערע געפיהלען און טריי געשילדערט אונזער פערהעלט־ניסע אין דער פאַמיליע און אין דער געזעלשאַפט... און איצט... מיך וועט זעהר פרעהען, אויב איך וועל זיינע פריינדע דאָ קענען אַמוזירען מיט דאָס ליעד, די ווערטער פון וועלכע ער האָט אַליין פערפאַסט פאַר זיין סאַפהאָ (זינגט, אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: ווי הויך אַן אויטאָר זאָל זיך ניט זעצען, דער שוישפּיעלער איז קיין שוישפּיעלער, וועלכער קען צו איהם ניט דערלאַנגען (דערלאַנגט די בלומען. מען קלאַפּט) העריין! (שווינדעלע

קומט מיט אַ קוקלע) שיינדעלע פונ׳ם שווארצען אידען!

שיינדעלע: איהר ווייסט, נאָך וואָס אונזער מאיר, מאיר יאָזעפאָוויטש איז בעשאַפען געוואָרען? אַלע לאַכען פון אַזעלכע אונגליקליכע ווי איך בין, זיי מאַכען זיך לוסטיג, ווען זיי זעהן אונז, און מאיר איז געקומען צו לערנען אייך, אַז אויך מיר האָבען אַ נשמה און אַ הארץ... מיר קענען אויך ליעבען און פיהלען. מען טאָר ניט זיין שלעכט צו אונז. מען דאַרף אויף אונז רחמנות האָבען ווי אויף קליינע קינדער... און דאָס איז מיין קינד... איהר לאַכט וואָס איך שפּיעל זיך מיט אַ ליאַלקע? און ער, צוליעב וועמען איך בין דאָ, איך מיין, מאיר יאָזעפאָוויטש, ער זאָגט, אַז דאָס לעבען אין מיר די געפיהלען פון אַ מוטער... און וואָס וואָלט געוועהן מיט אייך, אַז מיר זאָלען ניט ליעב האָבען שפּיעלען אין ליאַלקעס? (זינגט דאָס וויעג־ליעד פון שוואַרצען איד, און געהט לאַנגזאַם אָב).

צער. מייסטער: עס וועט זיין שעהן, ווען מאיר יאָזעפאָוויטש אַליין (מען קלאַפּט) הערײַן! (אַקסעל קומט מיט אַ בייטש) אָה, אַקסעל!

אקסעל: יאָ, ברוך הבא, איך בין דאָ. אַקסעל דער מומע ראָניעס! איך טרייב אָן די פערד ווי פריהער... איך בין אַ איד, ניט קיין גרויסער למדן־וו׳ניק און וואָס פאַר אַ איד בין איך? מ׳שטיינס געזאָגט, מיך נעהמען צוזאַמען מיט אידישקייט, איז אַקוראַט ווי טונקען אַ חזיר אין חרוסת... און דאָך אַ שוויינעדיגער, ניט קיין למדן און בין ניט ערגער פאַר די וואָס האָבען געשטודירט אין דער „ישימה“. איך קען ניט די זאַקאָנעס מיט די דינים, ווי די גרויסע געלערנטע, ווי למשל, אַ שוחט, אָבער איך פיהל וואָס עס איז גוט, וואָס עס איז שעהן... מיך אַרט ניט, מיינס זאָל אַריבערגעהן, אַבי דעם אַנדערען זאָל ניט וועה טהאָן, כ׳האָב הנאה פון אַ שעהנע נאַכט מיט דער לבנה און שטערען... און אַז איך קוק אויף די וואַסערען פונ׳ם טייך בוג, וואָס לויפען ווייט, ווייט ביז׳ן מיקאָלאַיעווסקי מעלימאַן, ווייס איך, די וואַסערען זיינען געלאָפען לאַנג פאַר אונז און וועלען לויפען אַזוי, אַז מיר וועלען שוין ניט זיין דאָ... אָבער דאָס אַלעס דערצעהל איך קיינעם ניט. און ווי אַזוי דער וואָס האָט אייך פון מיר דערצעהלט האָט עס געטראָפען, איז מיר אַ גרויסער מחודש... אָבער וועה איז מיר! וואָס רעד איך דאָ אַזוי לאַנג? איך האָב דאָך געבראַכט צופיהרען אַהער אויף מיין פורגאַנטשיק די כאַזאַיקע... אויף מיר וואַרט דאָרטען די מומע ראָניע... (לויפט אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : איוביש, איהר מאַן, זאָל ניט שטאַר־בען, וואָלט ער אויך געווים געקומען. (ראַניע קומט ווי אין דריטען אַקט).

ר אַ נ י ע : גאָט העלף אייך, איך בין אויך געקומען דאַ מיט אייך זיך משמח זיין... אַ גוטע אויג האָט געדאַרפט האָבען דער, וואָס האָט מיך אָבגעזוכט ערגיץ ווייט אין אַ ווינקעל פון נאָווא ראָסיע, און האָט מיך געבראַכט אַהער... יאָ ! גליקליך איז דער מענש, וואָס האָט אַזעלכע אויגען, וואָס זעהען. אָם מיינסטען זיינען די מענשען אַזעל־כע, וואָס האָבען אויגען און זעהען ניט, האָבען אויערען און הערען ניט, האָבען אַ נאָז און שמעקען ניט — אַזוי, ליימענע גולמ׳ס... אָבער ער האָט מיך געפונען, און האָט מיר געהייסען קומען אַהער, בין איך גע־קומען...

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : אַ ברירה האָט איהר געהאַט, מומע ראַ־ניע, ער ברענגט אַהער אויך גאָט, מענש און טייוועל !

ר אַ נ י ע : יאָ, איך בין געקומען... איך וויים, ניט אַלעמען בין איך געפעלען, דאָס איז דערפאַר, וואָס מען פערשטעהט מיך ניט... באַידוזשע ! איך בין ניט קיין שלעכטע פרוי, איך האָב ניט געזינדיגט... איז דען אַ זינד, אַז מען וויל כאָטש אַ ביסעלע גליקליך זיין ? איך האָב ניט געלייענט קיין קניזשקעס מיט קיין ביכלעך און האָב געוואוסט, ווער עס ארבייט אַליין און רייסט ניט קיין פרעמדען ביסען פון מויל, מעג ער זיין אַ זכר אָדער אַ נקבה, דער האָט אַ רעכט צו לעבען, און ווער עס האָט אַ רעכט צו לעבען, דער האָט אַ רעכט צו זיין גליקליך, און ווער עס וויל זיין גליקליך, דאַרף זיין פריי אַליין זיין גליק צו גע־פינען... איך האָב ניט געטראָפען ? דאָס איז מיין זאַך... איך האָב אַליין דערפאַר טהייער בעצאָהלט... די הלאַוונע דילע, דער עיקר איז, די ווייבער זאָלען זיך ניט שרעקען צו זוכען צע דורנע ! אַז מען וועט זוכען גליק, וועט מען געפינען ! אין סעמיינע לעבען דאַרף מען ניט באַלד שפרינגען פון די האַלאָבליעס, מען מעג אביסעל טרעפען, אָבער אַז מען זעהט, אַז עס איז שלעכט, לאָזט אייך ניט טרעטען מיט די פיס, מאַכט אַ סוף... ראַניע די פּאַדריאַטשקע מיינט, אַז אַ שבועה איז אַ גרויסע, הייליגע זאַך, אָבער דער מענש, וואָס האָט געגעבען די שבועה, איז גרעסער פאַר דער שבועה. ניט די שבועה האָט געמאַכט דעם מענשען, אַ מענש, איהר ווייסט דאָך, אַ מענש האָט געמאַכט די שבועה. (אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: דער מענש, דער מענש, דאָס איז וואָס ער וויל שטענדיג בעהויפּטען. (מען קלאַפּט) העריין! (צלאל ראַפּאָפּאָרט קומט).

צ ל א ל: (שטאָלץ) איהר דאַרפט מיך ניט פאַרשטעלען, מען ווייסט, ווער צלאל ראַפּאָפּאָרט איז! (זעצט זיך) איך בין אַן עהרליכער איד, אַ כשר'ער איד, אַ איד אַ למדן, אַ בעל יחוס, אַ תלמיד חכם, און איך האָב פיינט, אז מען זאָגט מיר מוסר, און מען וויל מיך לערנען ווי צו לעבען אויף דער וועלט (נעהמט אַ סיגאַר) עי! ווער איז דאָרט? גיט מיר אַ סירעניקעל! אַ גראָבען יונג, אַ שמאַרעוואָז, אַ בעל־מלאכה, דאַרף מען זאָגען מוסר, אָבער ניט צלאל ראַפּאָפּאָרט'ען!... פּע! איך האָב גלאַט פיינט די מענשען, וואָס מישען זיך אין פרעמדע געשעפ־טען... יעדער פאַר זיך אַליין דאַרף וויסען, אז מען געהט שווימען, אָדער מען שווימט אריבער, אָדער מען ווערט דערטרונקען, אַ שעהנע כפּרה!... ער קען ניט ליידען קיין נבלות! מיינע ווייבער ליגען אין דר'ערד, מיינע קינדער ווערען פערשוואַרצט, מיינע משרתים ווערען פער'חושך'ט, איך האָב אַ דייטשקע, אַ חאַזאַיקע — דאָס איז מיין זאַך, איך בין אַן עהרליכער איד און וועל זיך מיט גאָט אַליין בערע־בענען... (שטעהט אויף) דו! וואָס ביזט דו ביי דעם, וואָס האָט אָנגע־שריעבען פון מיר אַ גאַנצע קאָמעדיע דאָרטען? ווי רופט מען איהם... יענקיל גאָרדין? ער איז מסתמא אַ קבצן, האַ? זאָג איהם, אז עס איז אַ חלול השם ווייזען פאַר דער וועלט די חסרונות און די חטאים פון אַן עהרליכען אידען, ער זאָל זיין אַ אידען פריינד, וואָלט ער גענדאַרפט זאָגען נאָר איין זאַך: כלנו נבונים, כלנו חכמים, כלנו צדיקים, כלנו גדולים... אזא עוכר ישראל! ביי מיר אין דער היים וואָלט ער ניט גע'טענה'ט קיין סך! חסרונות גאָר ביי אַזעלכע אידען ווי איך? ער איז אַ אידען־פיינד און אַלע דאַ, וואָס זיינען זיך משמח מיט זיין שמחה, זיינען קיינע עהרליכע אידען... פּע! אַזעלכע אמת'ע, פיינע אידען ווי איך, צלאל ראַפּאָפּאָרט, וועל קיינמאָל ניט אַנערקענען אזא אידען־פיינד ווי יענקיל גאָרדין! קיינמאָל ניט! (אָב בייז).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: זיי אַליין מיינען דאָס ניט, זיי זאָ־גען דאָס נאָר... וואָרום זיי ווייסען, אז אַ מענשען־פריינד קען ניט זיין קיין אידען־פיינד... (נוחמצע אריין).

נ ח ו מ צ ע: דאַ איז דאָס? נו, וואָס איז די נפקא מינה?

מיין פלוניתטע האָט ניט געוואָלט איך זאָל געהן אהער. זי איז דאָך ר׳ מנחם מענדעלע׳ס אן אייניקעל, זכר צדיק לברכה. אָבער איך מיין, וואָס איז די נפקא מינה? איך האָב מיך פיינט צו מישען אין פאָליטיקע און וויל זיך מיט קיינעם ניט חלילה פערקריגען... די אַלע אונזערע קלויזניקעס דארפען טאַקע ניט וויסען, אז איך בין דאָ געוועזן... אָבער דאָ זאָל מען וויסען, אז איך בין יאָ דאָ. בין איך אי אהין, אי אהער... וואס איז די נפקא מינה?... הא, אָי וועה, מיר דאכט זיך חנה־דבורה געהט... האָט אייך אַ גוטען יום־טוב און שאַ! ניטאָ! נימאַ טאַטין, נימאַ טרובקאַ! (לויפט אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : עס איז אַפילו אַ גרויסע נפקא מינה, נאָר וואָס קען העלפען דער טענה׳ן (חנה־דבורה אַריין).

ח נ ה ־ ד ב ו ר ה : מיינער איז דאָ ניטאָ? אונז מיט אונזער יחוס פאסט דאָ ניט צו זיין... מיר זיינען טאַקע געפאַלענע בעלי־בתים, אָבער אונזער יחוס... ניט דערלעבען זאָל... הא? ער איז דאָ? אי! זאָלט איהר געזונט זיין... וואָס דארף מען זיך קריעגען? אַ גוטע וואָך אייך, אַ יום־טוב׳דיגע וואָך אייך... (אַפאַרט) גראַף פאָטאָצקי מיט זיינע אדיוטאַנטען... (לויט) איך זאָג שטענדיג, אדרבה פערקעהרט... וואָס איך, חלילה, ווינש אייך, זאָל מיר... ניט אָנקומען... עס מאכט זיך מען צוואוּוערטעלט זיך, איז דאָס ניט איך, עס איז ער, עס איז זי, עס איז איך וויים ווער, אָבער ניט איך... האָט אייך אַ גוטינקען, זיסענקען, פרעהליכען יום־טוב! (געהט) פאָטאָצקי מיט זיינע אדיוטאַנטען... (אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : דאכט זיך וואָס ארט זיי? פערגינען ניט... אה! ברוך הבא! (אלקנה קומט).

א ל ק נ ה : מיין מיינונג איז, זאָג יאָ, און האָדיע! אין תוך גענומען, איז דאָך זעהר גוט, וואָס מען פערעט צו אונזערע בעלי־בתים צום וואנד... מיר זיינען דאָך די אַלטע פערד, קליאַטשעס, וואָס דארפען שלעפען די יארמאָ. און זיי, אַ כוואראָבע זאָל אויף זיי קומען, זיי לעבען אַ גוטען טאָג: טרינקען, פרעסען, האָבען זיך אַ נקבה ווי אַ זאַזוליע און עס איז ביי זיי שמור וזכור, און האָדיע... אין תוך גענומען אין צלאַל׳קע פלאַקער דער תקיף און אייך, אונזער פריינד און בעשיצער, איז זעהר שווער צו מאכען אונז פאר שטיקלעך מענשען...

אָבער נישקשה. הזורעים בדמעה, ברינה יקצרו... דער וואָס פער־זייהט וואָס ער שניידט, דער זינגט מיט געזאַנג. (אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: דאַכט זיך אַלעס איז ביי זיי אין תוך גענומען, אָבער ווי עס קומט צו עפּעס איז האַדיע... ארײַן! אָה, אַ גאַסט, אסתר׳קע! (אסתר׳קע קומט ווי אין ערשטען אַקט).

א ס ת ר ׳ ק ע: דאָ געפינט זיך דער מאַן, וואָס האָט געשריעבען מיין „שחיטה". איך בין איהם געקומען דאַנקען, וואָס ער האָט דער־צעהלט מיין אונגליק פאַר דער גאַנצער וועלט... הכל שוחטין, אַלע קוילען, און אַזעלכע שטילע אונגליקליכע ווי איך ווערען געקוילעט... גוטע, פרומע עלטערען קוילען זייערע קינדער צוליעב געלד!... גליק, ליעבע און פריינדשאַפט ווערען געקוילעט צוליעב געלד!... צלאַל׳ס קינדער זיינען געקוילעט, ר׳ אלקנה איז אַ געקוילעטער, באַטראַקעס, אָרעמע ארבייטער, ווערען געקוילעט, דער שוואַכער שמואל־יאָסעל ווערט געקוילעט פון דעם שטאַרקען. עס איז אַ שחיטה... די גאַנצע וועלט איז אַ שחיטה!... יאָ, הכל שוחטין ושחיטתן כשרה... אַזעלכע שטילע, ליידענדע, אונגליקליכע ווי איך, איז דאָ זעהר פיעל... זיי אַליין קענען זיך ניט העלפען. מען דאַרף דערצעהלען פון זיי מיט האַרצ־רייסענדע ווערטער, מיט יאָמער, מיט שרעק און פערצווייפלונג; דער־צעהלען פון זיי אַזוי לאַנג, ביז די שרעקליכע שחיטה וועט פערטריבען ווערען פון אונזער לעבען!... מיט וואָס זאָל איך די אָרעמע אסתר׳קע דאַנקען? זאָגאַר מיין דאַנקבאַרקייט קען איך און פיעלע אַנדערע אונ־טערדריקטע און ליידענדע אויסדריקען נאָר מיט אַ טרעהר... אָבער איך ווייס, דיעזע טרעהר איז ביי אייך טהייערער פון אַ ברילייאַנט, און די קרוין, וועלכע וועט אַמאָל שיינען אויף אייער קאָפּ, וועט זיין בעלויכטען נאָר פון אַזעלכע ברילייאַנטען! (אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: ביליגע ברילייאַטען, וואָס קאָסטען טהייערער פון אַלעס אין דער וועלט. (מאַניטשקע קומט, ווי אין דריטען אַקט) אָה, מאַניטשקע פון „סאפהאָ"!

מ אַ נ י ט ש ק ע: יאָ, איך בין מאַניטשקע די גערעצליכע פרוי. איך בין איצט ניט געקומען שלעפּען מיין מאַן מיט געוואַלד אַהיים... איך ווייס שוין איצט, אַז אַ געזעצליכע ווייב דאַרף זיך זיצען אין דער היים און אַזוי פיהרען זיך, אַז דער מאַן זאָל זיך ניט גלוסטען פון דער היים אַוועקגעהן. איך האָב פריהער געמיינט, אַז אַ געזעצליכע אָדער

א געזעצליכער קען צווינגען מיט געוואלד מען זאל ליעב האבען, און אז געזעצען זיינען דערויף נאר, אז מען זאל זיי אבהיטען שטארק, ווען אלע זעהן, און מען זאל זיי ברעכען אין דער שטיל... איך בין ניט שולדיג. אזוי מיינט מיין טאטע, מיין מאמע, די אלע מענשען, וואס איך זעה דא... אי! עס האט מיך זעהר שטארק פערדראסען, ווען איך האב מיך דערוואוסט, אז איהר לאכט פון מיר... אבער איצט בין איך אייך געקומען דאנקען, ווארים וואס מעהר איהר וועט פון מיר לאכען, דעסטא ווענינער וועלען מיר פון אייך וויינען... (שטיל) וואו איז ערגעץ מיין מאן? (לויט) א גוטע נאכט... איהר זעהט? א געזעצליכע און געה אליין אהיים (געהט).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : יא, אהיים געהט די געזעצליכע אליין... אבער פון דער היים?...

מ א נ י ט ש ק ע : הא? איהר מיינט אפשר דעם שעהנעם פריקאזשטשיק מיט די שווארצע אויגען? עס איז א ליגען (אב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : אה, מאדאם מאטהיום פינגערהוט! (זי קומט אריין ווי אין ערשטען אקט).

מ א ד א ם פ י נ ג ע ר ה ו ט : יא, דאס בין איך... וואס בין איך געקומען אהער? א קאפ! טפו זאל עס ווערען. שוין פערגע־סען... איהר דארפט אייך ניט וואונדערען... די ביטערע אומשטענ־דיען און די שלעכטע מענשען האבען אונז געבראכט דערצו, אז מיר דאר־פען גאר קיין קאפ ניט... מיר אליין זיינען גאר קיין מענשען ניט. מיר דארפען נאר זארגען און לעבען, און ארבייטען שווער, און האליען פאר אנדערע... אט למשל... ע... וואס האב איך געוואלט זאגען? א קאפ, טפו זאל עס ווערען!... אי, מיר האבען ניט קיין אייגענעם ווילען... קיין פערלאנג... אנדערע ווילען פראנטירען, דארפען מיר זיי וואשען און פרעסען ווייסע זשילעטען און קאראוואטען... אנדערע ווילען פרע־סען, דארפען מיר זיי... קאכען און באקען... אי! בין איך געקומען... זאגט מיר, איך בעט אייך, איהר געדענקט ניט נאך וואס בין איך גע־קומען? שוין ווידער פערגעסען... א קאפ! טפו זאל עס ווערען! (אב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : מען דארף זיין א בעלן צו מאכען א טיפ פון „טפו זאל עס ווערען". (מען קלאפט) אריין! אה, מוסיו מאטהיום פינגערהוט (פינגערהוט ווי אין ערשטען אקט).

פ י נ ג ע ר ה ו ט : האבע די עהרע... קיינער ניטאָ גאָר? הא, ווי קומט עס? און איך האָב מיך פאַרבעריייטעט דאָ פיעלע געסט צו טרעפען, מאַכען אַ קערטיל פּיליכט, פערברייינגען די צייט מיט פיינע לייט, ווי איך האָב ליעב... אַ גלעזעלע וויין מיט אַ שטיקעלע לימ־בורגער, אזוי... אלאַ גאַריבאַלדי דע פּאַמפּאַדור. (זוכט אין די קעשע־נעס) שטעלט אייך פאַר אויפ'ן טראַמוואַי... אַרויסגעשלעפּט אָדער פער־לוירען... אַ קלייניגקייט. איך טראָג מיט זיך קיינמאָל ניט קיין גרויסע סומע. פּיליכט האָט איהר עטוואָס קליין־געלד? איך שיק אייך באַלד מיט מאַדאַם מאַטהיוס פינגערהוט... ניטאָ? הם! ווי קומט עס? (בייז) אלזאָ, וואָס האָט מען מיך גערופען אהער?

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : ווייזען דער וועלט אַ פּאַראַזיט.

פ י נ ג ע ר ה ו ט : איהר רופט עס אזוי, און איך רוף עס איי־דעלמאַן!... אַרבייטען קען יעדער גאַרנישט... יעדער גראָבער מענש. ניט אַרבייטען אָבער, דאָס קען נאָר אַן איידעלמאַן. מיך קען גאַנץ אָדעס!... ע, איהר האָט אַ גוטען פּאַפּיראָס? הם, ווי קומט עס? אלזאָ, איהר האָט מיך אהער פערנאַרט מיר צו זאָגען מוסר... איך האָב פיינט מאָראל, אידעאַל, קוואַרטאַל! איך בין אַ געבילדעטער מענש און איך האָב זיך ליעב אַמוזירען, הנאה האָבען, לעבען אַ גוטען טאָג... ע, הערט נאָר. איך קען דאָך ניט געהן צופוס צוריק. גיט מיר פינף קאָפּעקעס פאַר'ן טראַמוואַי! ניין?! (בייז) וואַרט אויס. איך וועל אייך אַמאָל טרעפען אין טראַקטיר ביי דזשערעמע... איך וועל אייך מאַכען מיט'ן קי פון ביליאַרד אלאַ גאַריבאַלדי דע פּאַמפּאַדור... (אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : אַ געבילדעטער מענש! פיעלע מיינען ווי באַלד זיי טראָגען אַ ווייסען קאָלנער, זיינען זיי שוין געבילדעטע מענשען... אָה, שמאי! (שמאי קומט ווי אין צווייטען אַקט).

ש מ א י : אַ דאגה איז מיר... אמאָל איז שמאי געווען אַ גאַנ־צער שמאי, און זעהט וואָס איז איצט פון מיר געבליבען? אַ דאגה איז מיר... אמאָל ווען ר' דוד'ל משה'לעס איז געווען דער בעל־בית, האָב איך געשטאָפּט די קישקע מיט אַ פולען מויל... האָב איך זיך שבת ביים טיש געשעהמט פאַר ר' דוד'לען אַ גוטען עס טהאָן, פלאַג איך זיך נאָר מאַכען, אַז איך בענטש, און פלעג מיך דערנאָך אַריינהאַ־פּען אין קיך און פלעג אָן עס טהאָן, אַז ביז מיטוואָך פלעג איך גרעב־צען מיט קוגעל און מיט טשאָלענט... און איצט? אַי! אַ דאגה איז

מיר... וואס איז שמאי? איך בין דען אליין פאר זיך עפעס א מענש? איך בין דאך נאר א חלק פון ר׳ דוד׳ל משה׳לעס... למשל, וואס בין איך? א האנד זיינע אדער א פוס? מיר דאכט זיך, איך בין ר׳ דוד׳ל׳ס מאגען. דערפאר האב איך שטענדיג אזא לאפעטיט צום עסען... א דאגה איז מיר... אי, די טעלע! זי וויל איך זאל עסען ווי א פויגעלע און ארבייטען ווי א פערד! נו, א דאגה איז מיר... ארץ-ישראל האט אבגעשפיעלט מיט מיר א שעהנע חתונה... שמאי אליין, שמאי דארף האקען האלץ און שלעפען וואסער... זאל איך קרענקען, ווי איך וועל איבעראיאהר שרייען לשנה הבאה בירושלים... ניין! איך וועל שרייען לשנה הבאה במצרים, במצרים, במצרים! (אב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר : מצרים גאר! ער האט נאך אפנים ניט געהערט פון אמעריקא, ווייסט ער ניט, אז עס איז א קיי. פיין! ווער איז דארט? אה, ר׳ דוד׳ל משה׳לעס! זייט-זשע מוחל... (קעניג ליער קומט ווי אין דריטען אקט).

ר׳ ד ו ד ׳ ל : איז שמאי דא? וואו איז מיין שמאי? פינ־סטערע געדאנקען קומען מיר אויפ׳ן זין, ווען איך בלייב אליין אומ־געבען פון דער דונקעלהייט... א פינסטערע וועלט, און קליינינקע ברואימלעך שטויסען זיך אום אין דער פינסטער. א גרויסער העלד איז דער מענש!... אזוי ווי אין א פרעמדער אכסניה לעבט ער דא אב זיינע קורצע יאהרען... ווי טהייער ער זאל ניט צאהלען, ער בלייבט אלץ אין דער אכסניה ווי א פרעמדער אורח, אן איינגעבעטענער. מען גיט איהם ניט דאס, וואס ער פאדערט, און, און... יעדע מינוט קען מען איהם ארויסווארפען... זיין אייגענע היים איז קיין היים ניט... זיינע אייגענע קינדער זיינען קיין קינדער ניט. זיינע פריינד קיין פריינד ניט... פרעמד אלעס! פרעמד, אונזיכער און פאלש... אי! איך בין גליקליך, וואס איך בין בלינד געווארען און קען ניט זעהן די פאלשע פערמאסקירטע פנימ׳ער פון די מענשען... איך וואלט אבער נאך גליקליכער געווען, איך זאל טויב ווערען און ניט הערען זייערע פערגיפטעטע רייד, זייערע פערפעסטעטע שטימען... ווען דער מענש מיינט ער איז ניט ווייניגער פון א קעניג, איז ער ניט מעהר ווי א בעטלער... און ווען ער איז א בעטלער, מיט וואס איז ער ווענעגער פון א קעניג? כא! כא! כא! כא! דער לעהרער יאפע רופט מיך דער

אידישער קעניג ליער... כבוד! רעספּעקט פאר דעם נייעם אַלטען בעטלער! שענקט אַ נדבה דעם אידישען קעניג ליער! (אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: (פיהרט איהם). שטאָלצער, סטאָר־זיניגער, נאָבעלער אידישער קעניג ליער... דו ביזט אַ אידישער טיפּ... דער איד וויינט מיט דיר און שטאָלצירט מיט דיר. (מען קלאַפּט) אריין! (שלמה שאַרלאַטאַן) אַ נייער טיפּ!...

ש ל מ ה: יאָ! אַ נייער מענש אין אַלטע שטיוועל... פאַר־דאָן מוסיו... אויף דער וועלט איז ניטאָ קיין נייעס... מען האָט שוין אַלעס געזעהן, אַלעס געהערט... שלמה שאַרלאַטאַן איז פּונקט אַזאַ בשר ודם, ווי יעדע צוויי פוסיגע בהמה... אַלעס געזעהן! אַלעס געהערט!... דער אונטערשיעד איז נאָר, אַז אַנדערער דאַרף אַ סך און איך... וואָס דאַרף איך און וואָס האָב איך? אַז אַנדערער גזל'ט און רויבט, און איך בעט אָדער איך מאַך זיך נאַריש... ער לאַכט פון מיר און איך קריג אויף אַ טרונק בראָנפען... ווילסט איך זאָל דיר מאַכען אַ קונץ? פּאָקוס־פּאָקוס!... קוק אַהער. איינס, צוויי, דריי, אַללאַ מאַשיר!... אַז אַנדערער האָט די גאַנצע וועלט אין דער פּיאַטע און שלמה שאַרלאַטאַן האָט זיין פּיאַטע אין דער גאַנצער וועלט... אַלעס געזעהן! אַלעס געהערט! איך בין געוועזן אין מאָסקווא, פּעטערסבורג, עסטרייך, לאָנדאָן. איך בין געוועזן אַ פּלאַקער, אַ טהוער, אַ ליפעראַנט, אַ די־רעקטאָר פון אַ אידישען טהעאַטער, אַן אַקטיאָר, אַ סופליאָר, אַ שטי־וועל־פּוצער, אַ טעלער־לעקער, אַ רעסטאָראַן־שנאָרער און איך בין דאָך געבליבען אַ שכור און אַ בעטלער. (זינגט שטיל) איך בין געוועזן גרויס, א. ז. וו. ברודער, צו ווערען אַ שאַרלאַטאַן האָבען שלמה'ן אַלע גע־האָלפען; צו ווערען אָבער אויס שאַרלאַטאַן וויל קיינער ניט העל־פען... מאַכען אַ גוטען ברודער פאַר אַ נאַר — דאָס טהוען אַלע מיט פערגעניגען; מאַכען אָבער דעם נאַר צוריק פאַר אַ חכם — דאָס ווילען זיי ניט... לאַכען פון מיר איז דאָ אַ סך בעלנים, און וויינען מיט מיר וויל קיינער ניט... אַי! מיינסט ווען איך זאָל עפענען מיין פערוועהטיגט הארץ... כע! כע! ווילסט? וועל איך דיר פאַר פינף קאָפּיקעס טאַנצען אויף איין פוס פון וואַנד ביז'ן טהיר, און פון טהיר ביז'ן וואַנד? פינף מאָל פאַר אַ פּיאַטאַקעל. אַ מציאה!... ווילסט ניט? איז ניט געצימבעלט... לינקס אום, טראַ־טאַ־טאַ־טאַ! טראַ־טאַ־טאַ־טאַ! (אָב).

צ ע ר . מ י י ס ט ע ר : איך וואָלט אייך אויך געקענט זאָגען שוין אַלעס געזעהן און אַלעס געהערט, אָבער אונז שטעהט נאָך פאָר צו זעהען און צו הערען אונזער מירעלע אפרת... קומט אריין, מירעלע! (מירעלע קומט אריין ווי אין פערטען אקט).

מ י ר ע ל ע : איך האָב היינט געקויפט אַ זייגער מיט אַ קייט פאַר מיין אייניקעל שלמה'לע... ער ווערט בר־מצוה... אַי! זיי האָבען אפשר פערגעסען די אַלטע מאַמע, איך אָבער קען זיי ניט פערגעסען... מען מעג זיין ברוגז, אָבער אַ שונא זיין דאַרף מען ניט... אַ שונא זיין קען נאָר אַ שלעכטער מענש... געוויס, עס איז אַ גרויסער וועהטאָג אויף דער עלטער זיין פערוואָגעלט ביי פרעמדע און ניט קענען לעבען צוזאַמען מיט קינדער פאַר וועלכע דו האָסט אַזוי פיעל געליטען און קריעה געריסען... אַי! (זעצט זיך און זיפצט) אָבער אַז עס ווערט מיר זעהר שווער, געפין איך אין זיך אַ מיטעל. איך בין דאָך אַ אידענע, ווייס איך, אַז מען וויינט זיך גוט אויס ווערט גרינגער אויפ'ן הארצען. נו, נעהם איך מיר מיין אַלטען תהלים, זעץ זיך ערגעץ אין אַ ווינקעלע, קיינער זאָל מיינע טרעהרען ניט זעהן און זאָג זיך מיר מיין אַלטען קאַפּיטעלע תהלים: למנצח על שושנים מזמור לדוד, הושיעני ד' כי באו מים עד נפש און ז. וו. (וויינט. בעהערשט זיך) דאָך ווינש איך זיי חלילה קיין שלעכטס. וואָס אַ מאַמע קען טהאָן פאַר קינדער, קענען אפנים קינדער ניט טהאָן פאַר אַ מאַמע'ן... די תורה האָט ניט אומזיסט געפונען פאַר נויטיג צו זאָגען: כבד את אביך ואמך — קינדער, אכטעט אייער פאָטער און מוטער... פאַרוואָס האָט די תורה ניט געזאָגט: פאָטער און מוטער, ליעבט אייערע קינדער? אַ מוטער ליעבט און ליידעט און אָפּפערט אָהן דער תורה, וואָרים זי איז אַ מוטער, און קינדער דאַרפען נאָך האָבען די עשרת הדברות און... דאָס העלפט אויך ניט...

מען האָט מיך געפרעגט, וואָרום האָב איך ערלויבט פון מיין לעבען מאַכען פאַרשטעלונגען? אַ קאַליקע, אַ פאַרטאַטש דאַרף מען ניט ערלויבען, אָבער וויבאַלד ניט אַ קאַליקע, פאַרוואָס ניט? זאָלען יונגעלייט זעהען די צרות פון דער אַלטער מאַמע, זאָלען עלטערען זעהען ווי אַן אַנדער מאַמע איז זיך מקריב, זאָלען מענשען זעהען וויפיעל צרות און אונגליקען עס קומען ארויס דערפון, וואָס יעדערער וויל לעבען פאַר זיך אַליין... איך ווייס, עס איז ניטאָ קיין מענש, וואָס

וויינט ניט מיט מירעלע אפרת; עס איז ניטאָ קיין אויג, וואָס גיסט ניט קיין טרעהרען צוזאַמען מיט מיר... דיעזע טרעהרען זיינען גוטע, גרינגע, ריינע טרעהרען. זיי מאַכען ווייכער דאָס פערשטיינערטע הארץ און דערוואָרעמען די פערקיהלטע געפיהלען... אַי! אַט ווי אַלט און שוואַך איך בין, וואָלט איך געוועזן בערייט נאָך צרות ליידען פאַר מיינע קינדער... (שטאָלץ) צרות יאָ, אָבער ניט ערנידערונגען... וועה־טאָגען יאָ, אָבער ניט בעליידיגונגען... ניט האָבען קיין דעה ביי זיך אין שטוב יאָ, אָבער ניט צום נאַר געמאַכט ווערען. ניין! וואָרים עס איז בעסער צו זיין אַ דיענסט אין אַ פרעמדער הויז, איידער צו זיין אַ נאַר ביי זיך אין דער היים! (בייז אָב).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: ערקלעהרען אייך דאָס, וואָס איהר האָט געזעהען, איז גאַנץ איבריג. איך קען אייך נאָר זאָגען אינ'ם נאָמען פון די אַלע טיפּען, אין דעם נאָמען פון דעם, וועלכער האָט דיעזע טיפּען געשאַפען, און אין מיין נאָמען: האָט אַ גוטע נאַכט!

(פ אָ ר ה א נ ג).

דער קריזיס

אַ קאָמעדיע אין צוויי אַקטען

פון יעקב גאָרדין

דיעזע קאָמעדיע אין צוויי אַקטען, געשריבען געוואָרען דעם 22טען נאָוועמבער פון דעם יאָהר 1898, איז געבויט געוואָרען אויף צוויי אונפערגעסליכע און היסטאָרישע פּאַסירונגען פון יענעם יאָהר: ערשטענס, די גרויסע וועלט־אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ; צווייטענס, דער שרעקליכער עקאָנאָמישער קריזיס און פּאַניק, מיט די נאָכפאָלגענדע הונגער און נויט־ליידען צווישען די אַרבייטער קלאַסען פון דעם גאַנצען לאַנד. די קאָמעדיע איז צום ערשטען מאָל געשפּילט געוואָרען צו דער בענעפיט פאָרשטעלונג פאַר דער דאַמאָלסדיגער סאָציאַליסטישער ציימונג „דאָס אבענבלאַט" און איז דערנאָך אָפטמאָל אויפגעפיהרט געוואָרען פון מיטגליעדער פון פערשיעדענע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען.

דער הויפּט געדאַנק פון דיעזען דראַמאַטישען ווערק איז אָבגעשפּיגעלט אין פאָלגענדע ווערטער פון יעקב פערלין, איינער פון די כאַראַקטערען פון „דעם קריזיס".

„עס איז דאָ אונגעהויערע גרויסע רייכטהימער. ווער געהערען זיי? מיר, אַרבייטער, וועלכע האָבען דאָס אַלעס בעשאַפען, צוזאַמענגעקליבען, געבראַכט... מיר האָבען גאָרנישט דערפון, אין דער צייט ווען אין שיקאַגאָ וואונדערט זיך די וועלט איבער די גרויסע ווערק וועלכע מיר האָבען מיט אונזערע הענד, מיט אונזער שווערע אַרבייט אויפגעשטעלט... אין דער אייגענער צייט איז אַ קריזיס אין גאַנץ אַמעריקאַ, און די גרויסע ווערקער פון די וועלט־אויסשטעלונג שטאַרבען פון הונגער, געהען אויס פון נויט און יסורים"...

Copyright 1916 and 1917

by

JACOB M. GORDIN ESTATE

NOTE: This play in its present form is intended for the reading public only. All rights, including production or performance, translating or adapting, are reserved.

דיעזער אײנאַקטער איז בעאַבזיכטיגט בלויז פאַר דעם לעזע־פּובליקום.
צו אויפפיהרען, איבערזעצען אָדער אדאַפּטירען עס אָהן די ערלויבניס פון
יעקב גאָרדין׳ס יורשים, איז פערבאָטען.

פּערזאָנען:

יעקב פּערלין, אַן ארבייטער, 35 יאָהר אַלט.
רבקה, זיין פרוי, 35 יאָהר אַלט.
זייערע דריי קינדער.
איזאַק ווינקעלמאַן, זייער באָרדער, 20 יאָהר אַלט.
משה לאַקש, זייער שכן, אַן ארבייטער, 30 יאָהר אַלט.
פרומקע, זיין פרוי, 30 יאָהר אַלט.
צוויי יונגע לייט, באָרדערס ביי פּערלינען.
צוויי יונגע מיידלעך, באָרדערקעס ביי פּערלינ'ען.
א גראָסערער.
א בוטשער.
א קאָלעקטאָר.
א הויזקיפּערשע.
צוויי מיטגליעדער פון רעליעף קאָמיטעט.
גענאָסען,
שכנים, א. ז. וו.

די האַנדלונג קומט פאָר אויף דער איסט סייד פון ניו יאָרק, אין דעם יאָהר 1893.

ערשטער אקט.

(אין אָרימער דיינינג־רום. רבקה און פרומקע זיצען און אַרבייטען.)

רבקה: שא! ווער גיעהט עס? ווי איך דערהער נאָר טריט אויף די טרעפּ, ווערט אין מיר פערקיהלט מיין בלוט. א גאַנצען טאָג לויפען זיי אום הײנט נאָך געלד... דער בוטשער איז געווים געוועז פינף מאָל.... דער גראָסערער, דער קאָלעקטאָר, די הויזקיפּער־שע... פון דער געז־קאָמפּאַני... אַי! טאָמער קומט מיין יעקב היינט אָהן געלד — איז כאָטש נעהם און וואַרף זיך אראָפּ פון ברוקלין־ברידזש אין וואסער אריין...

פּ ר ו מ ק ע : איהר זענט דאָך סאָציאַליסטען, פאר וואס מאַכט איהר ניט איבער די וועלט? מיין משה לאָקש וויים ניט פון קיין חכמות און דענקט ניט ווי די וועלט איבערצומאַכען — האָט ער שטענדיג ארבייט... אמאָל פערדינט ער מעהר, אמאָל וועניגער, איהר אָבער זענט חכמים — האָט איהר טאַקע מכות אויפ׳ן פּוד... וואָס מעהר חכם מען איז ליגט מען מעהר אין דר׳ערד... דאָס איז שוין אן אַלטער כלל.

ר ב ק ה : מיין יעקב זאָגט, אז עס וואָלט געווען וועניגער לאָקשען, וואָלט מען טאַקע אַלץ געקענט איבערמאַכען... (מען קלאַפּט) שאַ! ווער געהט עס? קאָם־אין! (אויפטריט הויזקיפּערשע, מיט אַ פּאַרטיך, אַ טיך אויפ׳ן קאָפּ, מיט אַ בעזים אין דער האַנד.)

ה ו י ז ק י פּ ע ר ש ע : מיסעס פּערלין, דער לענדלאָרד האָט געזאָגט, אז ער וועט אייך אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס, אויב איהר וועט ניט בעצאָהלען היינט קיין רענט...

ר ב ק ה : וואַרפען זאָל איהם אַ דריי־יאָהריגע קדחת!... וואָס ציטערט ער אַזוי? — ציטערען זאָלען איהם הענט און פיס, מיר וועלען איהם בעצאָהלען!... אַי! אַ איד אַ לענדלאָרד איז טויזענד מאָל אַ גרעסערער חזיר פון אַ גוי׳עשען...

ה ו י ז ק י פּ ע ר ש ע : ווען בעצאָהלט איהר?

ר ב ק ה : היינט! מיין מאַן וועט ברייננגען געלט, פון מיינע באָרדערס קומט עטליכע טאָלער... איך וועל בעצאָהלען!

ה ו י ז ק י פּ ע ר ש ע : און איך בעט אייך, מיסעס פּערלין, אייערע קינדער זאָלען ניט שפּרינגען און ניט טאַנצען אויף די טרעפּ, זאָלען ניט אויסטרעטען דעם קאַרפּעט, זאָלען ניט שרייען און ניט שטיפען אין האָל, זאָלען ניט אומלויפען אַהין און אַהער, זאָלען ניט פּישטשען, זאָלען ניט קוויטשען... זאָלען ניט טאַפּען מיט די פיס אויפ׳ן פּלאָאָר, און זאָלען זיך ניט רייבען ביי די ווענט...

ר ב ק ה : ניט שפּיעלען זיך, ניט שפּרינגען, ניט לאַכען, ניט לויפען — וואָס־זשע ווילט איהר, איך זאָל זיי האַלטען צוגעבונדען?... איהר מיינט, אָרימע קינדער זיינען קיין קינדער ניט?

ה ו י ז ק י פּ ע ר ש ע : זיי זיינען נאָך גערעכט! ווער הייסט אייך קינדלען?... זייט איהר קבצנים — זאָל אייך ניט ליגען אין זינען קיין נאַרישקייטען!... (אָפּ.)

פ ר ו מ ק ע : וואס דען מיינט איהר, זי איז ניט גערעכט?... א קבצן טאָר ניט זיין קיין בעל־עבירה.

ר ב ק ה : יא, אייך איז גרינג צו זאָגען, ווייל איהר זייט א בעזדיטניצע!... (מען קלאַפּט.) קאם־אין! (דער גראָסערער און דער בוטשער קומען אַריין.)

ב ו ט ש ע ר : (א גראָבער יונג) מיסים פערלים און מיסים לאָקש, איך דאַרף געלד...

פ ר ו מ ק ע : נישקשה, דער רוח וועט אייך ניט נעהמען אז איהר וועט צואווארטען....

ב ו ט ש ע ר : וואָס מיינט איהר, ביי מיר האָט זיך דער רב געקעלבט? אדער די אָקסען און די בהמות, וואס מיר קוילען, האָדע־ווען זיך אוים ביי מיר אין בעד־רום?... מיר פערעט אוים די אויגען פון קאָפּ פאר א קאָפּיקע! ביי אייך איז היינט פיידע — גיט געלד!

ר ב ק ה : מיר וועלען אייך געבען היינט געלד... מיר וועלען געבען... געוואלד! שרייט ניט!...

ג ר אָ ס ע ר ע ר : און מיין ביל, מיסים? הערינג פאר געלד געהט איהר קויפען צו יוקעל דעם גאַליציאנער...

רבקה: אמת! ער גיט מיר צוויי גרויסע הערינג פאר 5 סענט,ביידע מיט מילך...

ג ר אָ ס ע ר ע ר : גוט! גוט! בעצאָהלט מיר פריהער וואָס עס קומט!... איך יאָג מיך ניט נאָך אַזעלכע קאַסטאָמערס... אַזעלכע קאַסטאָמער געהען ביי אונז אויפ'ן טרוּ...

ר ב ק ה : קומט שפּעטער... מיר וועלען אייך זעהן בעצאָה־לען...

ב ו ט ש ע ר : וואס דען? פלייש וואָלגערט זיך אין די גאַ־סען? ביזט א קבצן און ווילסט פלייש? (אָפּ.)

ג ר אָ ס ע ר ע ר : ניט פאר קיין קבצן איז בעשאַפען געווארען גראָסערים אויף דער וועלט... יעם! ביזטו במחילה א קבצן — לעג די ציינען אויף דער פּאָליצע! (אָפּ.)

ר ב ק ה : אָי! מען דארף זיין שטאַרקער פון אייזען מען זאָל איבערטראָגען אזא לעבען... (מען קלאַפּט) דער רוח טראָגט ווידער עמיצען. קאם־אין! (קאָלעקטאָר קומט אַריין.)

ק אָ ל ע ק ט אָ ר : העללאָ! העללאָ! איהר האָט שוין לאנג

די אויגען אויסגעקוקט וואַרטענדיג אויפ'ן קאַלעקטאָר... וואָרום קומט ניט דער קאַלעקטאָר? וואו איז דער קאַלעקטאָר? און דער קאַלע־טאָר איז דאָ... ווי גערעט'ס, מיינע טייערע דאַמען?

פ ר ו מ ע : עס געהט ניט!...

ק אַ ל ע ק ט אָ ר : לעבען זאָלט איהר, וואָס הייסט — ס'געהט ניט?...

פ ר ו מ ק ע : עס געהט ניט — ניט פון אָרט!... איהר האָט געזאָגט, איהר פערקויפט אונז אַזעלכע טייערע גוטע וואַנד־זייגערס — און זיי ווילען ניט געהן...

ר ב ק ה : ביי מיין זייגער קען מען אויך ניט פועל'ן אַ גאַנג פון דאַנעט אהין פאר קיין געלד ניט...

ק אַ ל ע ק ט אָ ר : דאָס איז אַ קלייניגקייט. דאָס קען מען פיקסען. אָבער צו קוואָדערס וועט איהר מיר דאָך געבען? ביי אייך איז היינט „פעי־דעי."

פ ר ו מ ק ע : אונזערע ארבייטער זיינען נאָך ניט געקומען מיט זייערע פעידעס.

ק אַ ל ע ק ט אָ ר : דאָס מאַכט ניט אויס... איך וועל אריינ־קומען אַ ביסעל שפּעטער... אַ קוואָדער איז ניט פיעל... איין קוואַ־דער'ל... איך וועל קומען שפּעטער... מיי רעגאַרדס, ליידיס! איין קוואָדער'ל... (אָפּ.)

פ ר ו מ ק ע : אָט איז דיר סאָציאַליסטען!... אַז קבצנים זיינט איהר ווי אַלע, אַרויסוואַרפען קען אייך דער לענדלאָרד ווי אַלעמען, קיין פלייש אָהן געלד גיט אייך ניט דער בוטשער — היינט נאָך וואָס דאַרפט איהר דאָס? מיין משה לאָקש האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט פּרובען און ווערען אַ סאָציאַליסט — אָבער איך דער־לאָז איהם ניט טהאָן אַזאַ נאַרישקייט!

ר ב ק ה : איך זאָג אייך, עס איז אַן עק פון די פּיאַטעס! איז ביי אונז מיט איין לאָקש ווענינער!.. נישקשה, עס וועט קומען אַ צייט, ווען יעדער מיסטער לאָקש וועט קומען צום שכל, און וועט אויך ניט ווילען מעהר קיין לאָקש זיין... שאַ! ווער געהט עס ווידער? (פּערלין קומט פערזאָרגט) אַי! אַ שלאַק האָט מיך דערשלאָגען!

פ ע ר ל י ן : נו, רבקה, מעגסט מיר אָפּגעבען דעם גרעסטען מזל־טוב!... איך בין שוין קיין ארבייטער מעהר!... אויס ארבייטער!

ר ב ק ה: ווער איז מיר! וואָס האָט צו דיר דיין באָס פאַר וואָס האָט ער עס דיר ענטזאָגט?...

פ ע ר ל י ן: ניט איך אליין — אַלע ארבייטער ווערען ארויס־געוואָרפען פון די פעקטאָרים און שעפער — עס איז יעצט א קריזיס!... דו פערשטעהסט? א קריזיס איז, ווען דער דין הייסט, אַז דער קבצן זאָל געשוואָלען ווערען פון הונגער. מיר האָבען יעצט אַן אָפּיציעלען פּערמיט, אַז מיר מעגען אַלע שטאַרבען ווען מיר ווילען פערלאַנגען... דאָס הייסט: קריזיס!...

פ ר ו מ ק ע: וואָס? קריזיס? א שפּאָגעל נייע קרענק... דאָס טרעפען זיך נאָר ביי אייך אזעלכע גליקען מיט אזעלכע נסים... מיין משה לייענט ניט אייערע ביכלעך, ווייסט ניט וואָס עס הייסט קרי־זיס, און האָט געווים ניט אָנגעוואָרען זיין פּלאַץ... אָט וועט איהר זעהן!

ר ב ק ה: אָבער האָט ער דיר בעצאָהלט וואָס עס קומט? מיר זיצען דאָך אָהן א גראָשען...

פ ע ר ל י ן: ניין! אז עס איז א קריזיס, צאָהלען זיי ניט!...

ר ב ק ה: ווער איז מיר, וואָס האָבען זיי צו אונז, די גזלנים, די מערדער?...

פ ע ר ל י ן: כל־זמן מיר שווייגען, כל־זמן מיר טראָגען שטי־לערהייד אויף זיך זייער יאָך, האָבען זיי גאָר ניט צו אונז, אזוי ווי זיי האָבען גאָר ניט צו דער מאשינע, וואָס ארבייט ביי זיי אין פעק־טאָרי: דאַרפען זיי די מאשינע זאָל ארבייטען — ארבייט זי, דאַר־פען זיי ניט — סטאָפּען זיי איהר. זיי זיינען מענשען און מיר זייך נען נאָר רעדער, ציליגדערס, ווינטען, רעהרען פון זייערע מאשינען. וואָס פאַר א האָס קען מען האָבען צו א מאשינע?.. אָט, ווען די מאַ־שין סטאָפּט אקוראַט דאַן, ווען זיי ווילען זי זאָל ארבייטען, ווען די מאשין הויבט אָן צו סקריפּען און רייסען — דאַן ווערען זיי ברוגז... נאָך ערגער פאַר זיי איז, ווען די מאשינע, הויבט אָן פּלוצלונג רעדען ווי א מענש... הויבט אָן צו פאָדערען, טענה'ן פרעגען קשיות!... אָבער, לײדער, דאָס טרעפט זיך זעהר זעלטען... שאַ! אָט געהט ווינקעל־מאַן. אפשר האָט ער געבראַכט א פּאָר דאָלאַר. (ווינקעלמאַן קומט.) אַי! עס איז ניט פרעהליך: זיין נאָז האָט זיך אויסגעצויגען אויף דריי ארשין!

וו י נ ק ע ל מ א ן : מען פיהרט אונז יאָהרענווייז לאַנג פאַר'ן נאָז — ווילט איהר, אַז די נאָז זאָל זיך ניט אויסציהען?... עקס־טרא! עקסטרא! איך האָב שוין ווידער ניט קיין געלד און ניט קיין פּלאַץ! אָבער איהר דאַרפט אויף מיר חלילה קיין פּאַראיבעל ניט האָבען: דאָס האָט דער קריזיס געמאַכט... איהר פערשטעהט? קרי־זיס! קריזיס! איך האָב זיי אין דר'ערד מיט זייער קרי־זיס! מומע פרומקע, שפּיעלט אַ וויוואט! אייער געמאַהל, מיסטער מאָזעס לאַקש, געהט!... (משה לאַקש קומט) ר' איד, ווי געהען אייערע געשעפטען?

ל אַ ק ש : (בייז) געשעפטען? קריזיס!

פ ר ו מ ק ע : האָסט געבראַכט געלד?

ל אַ ק ש : געלד? קריזיס!...

פ ר ו מ ק ע : וואָס מאַכסטו זיך משוגע? אומגעלומפּערטער גולם וואָס דו ביזט, וואו זיינען דיינע ווידזשעס?

ל אַ ק ש : ווידזשעס? קריזיס! (אַלע לאַכען) מען האָט מיר געהייסען קומען מיט אַ צוריסענעם זאק מאָרגען נאָכ'ן קאַלטען קוגעל! אַז עס איז אַ קריזיס, נעהמט מען ניט, מען גיט ניט און מען צאָהלט ניט!

פ ר ו מ ק ע : (וויינענדיג) וואָס הייסט דאָס, פרעג איך דיר? דו ליימענער גולם!... דו גלייכסט זיך אויך צו אַלע מענשען?

ל אַ ק ש : (שטאַרק בייז) קריזיס! (נעהענטער צו איהר) קריזיס! (נאָך נעהענטער) קריזיס זאָג איך דיר!... דו ביזט טויב געוואָרען? פער'שרפ'עט זאָלסטו ווערען!...

פ ר ו מ ק ע : קריזיס! וויפיעל יאָהרען מיר האָבען געלעבט, האָבען מיר קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ צרה... דאָס איז אַ סאָ־ציאַליסטישער וואָרט! ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען... זיי האָבען דאָס אויסגעטראַכט אויף אונזער קאָפּ!...

ל אַ ק ש : וואָס דען, זי איז ניט גערעכט? ווער האָט אויס־געטראַכט יוניאָנס מיט שמוניאָנס? די סאָציאַליסטען! ווער האָט אויסגעטראַכט סטרייקס מיט סקעבס? זיי, די משומדים! ווער האָט אויסגעטראַכט די אַרבייטער־בעגעבונג...

וו י נ ק ע ל מ א ן : פּעטער! פּעטער! ניט בעגעבונג — בעוועגונג!

ל אַ ק ש: לאָז זיין בענעבונג, בעשוועבונג, בעגרעבונג!... אַ דאנק מיר, בין איך ניט קיין פּראָפעסאָר... ווער האָט אויסגעטראכט דעם סמיטניק־סיסטעם...

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן: פּעטער, שאַ! פאר אזא עברי וועלען מיר אייך ארויסווארפען אויפ׳ן סמיטניק!

ל אַ ק ש: איך הער דאנקען גאָט אַלע טאָג פון וואס איהר טענה׳ט דאָ! היינט האָט איהר געבראכט אויף אונזער קאָפּ אַ קריזיס... אז עס איז ניט געווען קיין סאציאַליסטען, האָבען מיר פון קיין צרות ניט געוואוסט...

פּ ע ר ל י ן: יאָ, מיסטער לאַקש, איהר האָט רעכט!... אז עס איז ניט געווען קיין סאציאַליסטען, האָט איהר פון קיין צרות ניט געוואוסט!... געוויס! געוויס! עס איז ניט דערפאר, ווייל די צרות זיינען ניט געווען... די צרות זיינען לאנג דאָ אויף אונזער קאָפּ... דער שטארקער דריקט אונטער זיך שוין לאנג דעם שוואכען, דער רייכער האָט שטענדיג בערויבט און בע׳גנב׳עט דעם אָרימען, דער טויגעניכטס האָט שטענדיג געהאַט שקלאַפען, וועלכע האָבען פאר איהם געארבייט... הונגער! נויט! עקספּלואטאציאָן! אונרעכט, רויבעריי, ביטערע טרעהרען, אונגעהייער שווערע ארבייט! — דאָס איז שוין לאנג דאָ... איהר האָט אָבער ניט פערשטאנען, אז דאָס איז אַ צרה... איהר האָט געמיינט, אז אנדערש קען עס ניט זיין! איהר האָט מקבל געווען באהבה די שמיץ פון דער קנוטע און די קלעפּ פון אייערע מערדער... זיינען געקומען די סאָציאַליסטען און האָבען אייך ערקלערט — אז איהר זייט מענשען מיט אַלע גלייך, און דאָס קיין מיוחסים זיינען ניטאָ. פון צרות און פון גליק און פרייד קומט יעדען אַ גלייכען חלק!... אַ, איהר לאַקשען, וואָס איהר זייט!

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן: (ענטציקט פון זיין רעדע) זאָג, זאָג נאָך.

ר ב ק ה: נאָר ניט אויפגערעגט!...

פּ ע ר ל י ן: עס איז דאָ וויסענשאַפט, חכמה, קונסט — וועמען געהערט עס? ווער געניסט דערפון? מיר ארבייטער האָבען ניט דערפון... מיר זיינען אזעלכע גראָבע און אונוויסענדע שקלאַפען... עס זיינען דאָ אונגעהייער גרויסע רייכטימער — וועמען געהערען זיי? מיר, ארבייטער, וועלכע האָבען עס אַלס בעשאַפען, צוזאמענגעקליבען, געבראכט... מיר האָבען גאָר ניט דערפון... אין דער צייט ווען אין

שיקאַגאָ וואונדערט זיך די וועלט איבער די גרויסע ווערק, וועלכע מיר האָבען מיט אונזערע הענד, מיט אונזער שווערער ארבייט פאַרגעשטעלט — אין דער איינעגער צייט איז א קריזיס אין גאַנץ אמעריקא, און די גרויסע ווערקער פון דער וועלט־אויסשטעלונג שטאַרבען פון הונגער, געהען אוים פון נויט און יסורים... יא! די סאָציאַליסטען ערקלע־רען אייך, אז עס זיינען דאָ צרות, זיי הייסען אייך פאָדערען פאר זיך א גלייכען חלק פון אלע גייסטיגע און מאַטעריעלע רייכטימער, וועל־כע עקזיסטירען אויף דער וועלט. פראָגרעס איז קיין פראָגרעס, ווען ער געהערט ניט דעם גאַנצען פאָלק! דאָס רייכטום איז קיין רייכ־טום, ווען ער געהערט ניט צו אלע גלייך!...

פ ר ו מ ק ע : רעדט אייך דאָרט, וואס איהר ווילט. אָבער נאָך וואס דארפט איהר די צונעמען — סאָציאַליסטען, קאָמונים־טען, ארטיסטען? און אָהן אַלעמען זוייס מען דען ניט, אז קיינער וויל ניט זיין קיין קבצן? אדער מיין משה לאָקש, אז ער וויל ראַ־זירען זיין באָרד, אָדער לאַכען פון רב־הכולל, קען ער דאָס ניט אויס־פיהרען?

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : עה! איהר האָט גוט פערשטאַנען, וואס מען האָט אייך געזאָגט. ווייסט איהר וואָס? איך וויל עסען. (צו פרומקע) מוהמע פרומקע, מיר טשעפען אייך ניט, טשעפעט אונז ניט. טשעפעט אייך אָפּ פון אונז!

ר ב ק ה : וואס זאָל איך אייך געבען עסען? ניטאָ קיין געלט, ניטאָ קיין קרעדיט.

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : זייט רוהיג, איך וועל קריגען אלץ. זאָלען אלע כשר'ע, פרומע אידען ניט דערלעבען הערען שופר של משיח, אויב איך וועל אייך ניט ברייננען באלד א גאַנצען פאָמפּעניק מיט צוויי הערינג. גיט דעם פיטשער, איך וועל ברייננען א פיינטעלע ביער אויך. איך הער דעם קריזים ווי דעם קאַטער. און די מאַדאַם מיט דעם הערר לאָקש וועלען מיר נאָך ווייזען אָט אזא נאָז. (ער נעהמט דעם פיטשער, אָפּ.)

פ ר ו מ ק ע : געה עסען, משוגע'נער לאָקש, געה. (זי געהט מיט איהם אָפּ אין איהר צימער.)

(צוויי יונגע לייט און צוויי מיידלאך קומען אריין.)

פ ע ר ל י ן: אָה, אָט גײען אונזערע באָרדערס און באָרדער־קעס. װאָס הערט זיך? קריזיס?!

א ל ע: קריזיס!

פ ע ר ל י ן: איהר זײט געקומען גראַדע צו דער צײט. באַלד װעט בײ אונז זײן א גרויסאַרטיגער מאָהלצײט, אויב װינקעלמאַן װעט ניט בלײבען קײן ליגנער.

װ י נ ק ע ל מ א ן: (קומט) װער עס װיל לײגען — ניט יענעם צװײ פײגען... זעהט, װאָסערע טײערע מאכלים איך האָב אײך געבראַכט: ציבעלעס, פּאָמפּעניק, הערינג!... ניט אבי װאָסערע גע־קױלעטע... ביער!... נו, דאַרף ניט בײ די קאַפּיטאַליסטען די אױ־גען אַרױס אױף אונז קוקענדיג?... שנײד א צדיק!

ר ב ק ה: נו, זעצט זיך צום טיש! עסען!... (אַלע זעצען זיך צום טיש עסען.)

פ ע ר ל י ן: און װאו זײנען די קינדער?

ר ב ק ה: איך װעל פאר זײ איבערלאָזען!... עסט! עסט! (אַלע עסען און רעדען הויך. רבקה גײט אָפּ, קומט באַלד צוריק מיט א קלײן קינד. לאַקש קומט מיט א ליולקע, נאָך איהם פרומקע.)

ל אַ ק ש: איך װעל אײך זאָגען דעם אמת, איהר מײנט, איך װאָלט מיך ניט געפּרובט און ניט צוגעשריבען אין אײער אָפּטשעסט־װאָ? ! מײן אשת־חיל לאָזט ניט... זי זאָגט, אז איך װעל װערען א גנאַסע, װעלען זיך פון מיר אי גאָט אי לײט אָפּזאָגען... איהר הערט? אפילו גאָט! איך װײס ניט, װאָס האָט גאָט צו די סאָציאַליסטען?

װ י נ ק ע ל מ א ן: עס איז דערפאַר, װײל גאָט האָט ליעב צו אַרבײטען מיט סקעבס... פאַר שװערע אַרבײט צאָהלט ער מיט צרות, כאָליערע, הונגער, פּאַקען און מאָזלען... און פאָדערט נאָך, אז מען זאָל נאָך לױבען און דאַנקען זײן ליעבען נאָמען... (אַלע לאַכען.)

פ ר ו מ ק ע: אַי! האָט איהר א טריפה'נעם צונג — ניט געדאַכט זאָלט איהר װערען!...

פ ע ר ל י ן: אז מען עסט זיך זאַט אָן, װערט ליכטיגער אין די אױגען... (ער נעהמט דאָס קינד פון רבקה'ן און װאַרפט עס שפּילענ־דיג) האָפּ! האָפּ! װאָן, טו, טרי! װאָן, טו, טרי!... כאַ־כאַ־כאַ!

ר ב ק ה: פאַװאָליע, דו װעסט נאָך חלילה הרג'ענען דאָס קינד!

ל אָ ק ש : (רויכערט זיין פּייפּ) א דאגה איך, וועט זיין ווע־ניגער מיט א קבצן.

פּ ע ר ל י ן : אזוי מיינט איהר! איך מיין אָבער, אז זיי וועלען שוין קיין קבצנים ניט זיין; זיי וועלען לעבען א גליקליכערען, א בע־סערען לעבען... מיר זיינען אלטע פערדאַרבענע שקלאַפען... פּיעלע פון אונז פערשטעהען נאָך ניט, אז א פערד לעבט בעסער פון אונז: מען היט איהם אָפּ און מען גיט איהם עסען אויך דאן, ווען עס ניטאָ קיין ארבייט. פערד הונגערען ניט, ווען עס איז א קריזיס... און אונז טרייבט מען ארויס פון די שטאַלען, פון די שעפּער, און מען זאָגט אונז: דזשענטעלמען, געהט און פּגר'ט!... פּיעלע פון אונז זיינען דאָך הא, וואס ווילען נאָך ניט לעבען ווי מענשען, זיי זיינען נאָך ניט קלוג גענוג, אז זיי זאָלען וועלען לעבען ווי גוטע פערד!... (ער צייגט אויפ'ן קינד) ניין! זיי וואקסען פריי! פון קליינווייז־אויף לערענט מען זיי צו פערשטעהן זייער לאַגע... זיי וועלען שוין קיין פערד ניט זיין — ניין! זיי וועלען פאָדערען, אז מענשען זאָלען לעבען ווי מענ־שען!

ל אָ ק ש : נאָך וועטשערע, אז עס איז גוט אויפ'ן הארצען און מען האָט ניט קיין צייהן־וועהטאָג — איז א גאַנץ וואוילע זאַך קינ־דער... אויף מיין וואָרט... אויף מיין ווארט... מען קען פערגעסען אָן קריזיס און אַלע צרות...

פּ ר ו מ ק ע : נו, פאר וואס־זשע האָסטו ניט? אז עס גע־פעלט דיר?

ל אָ ק ש : איך זאָל גאָר האָבען, ניט דו? ... אָי, וועה! דאָס איז נאָך ערגער פון א קריזיס... ווי איך בין א איד...

ר ב ק ה : ווייס איך, וואס רעדט איהר נאַרישקייטען!...

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : איך בין איצט אויפגעלעגט ווי גאָט אין פראַנקרייך!... ווילט איהר מיך פאָלגען? זאָלען מיר ווייזען דעם קריזיס, אז מיר הערען איהם ווי דעם קאָטער. איהר ווייסט וואָס? לאָמיר בעסער זינגען דאָס ליעד פון די רוסישע סאָציאַליסטען... אָי, איז דאָס א שעהנע ליעד...

פּ ע ר ל י ן : זינגען גאָר, אין מיטען דערינען?!

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : וואָס דען — ווייגע? ניט דערהארען זאָ־לען דאָס אונזערע פיינד, וועלכע זיינען דאָרט אויבען.

אַ ל ע : יאָ, יאָ! טאַקע זינגען! טאַקע זינגען! מיר ווײַ־סען אָבער ניט די ווערטער...

פּ ע ר ל י ן : איך וועל אײַך פֿאָרלעזען... רבֿקה, נעהם דאָס קינד! (זי נעמט דאָס קינד. ער דעקלאַמירט):

אונזער צוואה צו אײַך, געדענקט, ברידער, גאַנץ גוט;
פֿערגעסט ניט, וואָס מיר ווילען אײַך בעטען!
אַז איהר וועט זעהען די ערד פֿערגאָסען מיט בלוט:
די פֿרײַהייט פֿון בירגער צוטרעטען —
זינגט הויך, ווערט ניט מיעד,
דעם פֿאָלק׳ס, אונזער ליעד:

(כאָר זינגט):

עי דובינושקאַ אוכנעם! עי זעליאָנאַיאַ סאַמאַ פּאָידיעט! א. ז. וו.

זינגט אַלע דאָס ליעד און געדענקט אײַער פֿליכט,
פֿערגעסט ניט אויף אַלע בלוטזויגער!
און דעם דעספּאָט אַליין, רופֿט גלײַך צום געריכט,
לערנט איהם גוט אונזער שטײַנער!...
זינגט הויך, ווערט ניט מיעד,
דעם פֿאָלק׳ס, אונזער ליעד:

(כאָהר זינגט):

עי דובינושקאַ אוכנעם! עי זעליאָנאַיאַ סאַמאַ פּאָידיעט! א. ז. וו.

אין גריבער, אין שאַכטעס, טיעף אין דער ערד,
קרעכצען און וויינען די ברידער...
זיי אַרבייטען שווער, ווי אָקסען, ווי פֿערד,
און האָפֿען ניט פֿריי ווערען ווידער.
זינגט הויך, ווערט ניט מיעד,
דעם פֿאָלק׳ס, אונזער ליעד:

יעקב גאָרדין

(כאָהר זינגט):

עי דובינושקאַ אוכנעם! עי זעליאָנאיאַ סאַמאַ פּאָידיעט! א. ז. וו.

נעהמט ראַבע פאַר אונז! בעטען זיי אַלע אייך,
וואַרפט די טיראַנען אַרונטער!
וואַרפט די הערשער אַראָב! זאָלען אַלע זיין גלייך!
זאָלען אַלע זיין גליקליך און מונטער!
זינגט הויך, ווערט ניט מיעד,
דעם פאָלק'ס אונזער ליעד:

(כאָהר זינגט):

עי דובינושקאַ אוכנעם! עי זעליאָנאיאַ סאַמאַ פּאָידיעט! א. ז. וו.

(עס הערט זיך אַ געררויש. רבקה גיט אַ קוק אין טיר.)

רבקה: אַי, וועה! אַט געהט אַ גאַנצער כאָר מיט זינגער: דער בוטשער, דער גראָסערער, די הויזקיפּערשע... זיי וועלען אייך אַבזינגען זמירות!...

פרומקע: דער רוח טראָגט זיי אַהער!

לאַקש: אַט איז דיר אַ זעליאָנאיאַ סאַמאַ פּאָידיעט!...

פערלין: רבקה, איך וועל זיך בעהאַלטען.. זאָג זיי, אַז איך בין ניטאָ אין דער היים...

לאַקש: אַ סאָציאַליסט זאָל אַזוי מורא האָבען פאַר הינט!

פערלין: איך וועל זיי ניט קענען קוקען גלייך אין די אויגען... אַי! ווען איך זאָל זיי קענען אַ שמיים טהאָן דאָס געלט אין פּנים אריין!... (בוטשער, גראָסער און הויזקיפּערשע געהען אריין.)

בוטשער: וואָס דאַרפט איהר וואַרפען דאָס געלט אין פּיסק אריין? ניט אַהער, איך וועל דאָס אריינקאָנאָפּאַטשען אין פּאַקעט אריין!... ארוים מיט מינץ!

הויזקיפּערשע: איהר זעהט בעסער, וויפיעל מענשען עס וואוינען אין דריי קליינע צימערלעך... וואו שלאָפט איהר? איינע ביי די אנדערע אויף די קעפּ?...

ל אָ ק ש: צי אויף די קעפּ, צי... צי... ניט אויף די קעפּ, דאָס איז ניט אייער באַבע׳ס עסק...

ה ו י ז ק י פּ ע ר ש ע: ניט מיין עסק? (בייז) רעגט!

ג ר אָ ס ע ר ע ר: איהר זייט דאָך שוין יוקעל דעם גאַליציאַנער׳ס קאָסטאָמערס, בעצאָהלט וואָס עס קומט... ביי אייך איז דאָך שמחה וששון!.. צוויי הערינג מיט מילך פאר א ניקעל! ארוים מיט געלט...

פּ ע ר ל י ן: מיינע פריינדע! איהר וועט מוזען נאָך אביסעל צואוואַרטען!... מיר האָבען נאָך ניט ערהאַלטען אונזערע ווייזשעס... עס איז איצט א קריזיס... מיר זיינען געבליבען אָהן ארבייט!... איך בעט אייך, מיינט ניט אז איך וועל אייך בעטריגען.. דער קריזיס איז געקומען אזוי אונגעריכט...

ה ו י ז ק י פּ ע ר ש ע: אז עס איז ניטאָ קיין געלט, גיט מען זיך אן עצה... עס איז דאָ פּאָן־שאָפּס...

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן: וואָס זאָלען מיר טראָגען אין פּאָן־שאָפּס? אונזער קבצן? איז ער אן אייגענער...

ב ו ט ש ע ר: וואָסער קריזיס, וואָסער בער, וואָסער בוידעם? האָסט געגעסען ראָסעל־פליייש — בעצאָהל געלט!

ג ר אָ ס ע ר ע ר: יוקעל דער גאַליציאַנער וועט אייך וואַרטען. איך קען ניט!... בעצאָהלט מיר, וואָס עס קומט...

ה ו י ז ק י פּ ע ר ש ע: מאָרגען ליעגט איהר אויף דער גאס מיט אַלע אייערע פּעטריכעס...

פּ ע ר ל י ן: איך בעט אייך... אויף מיין עהרען־וואָרט! יעדערער פון אייך וועט קריגען בעצאָהלט ביז איין גראָשען...

ב ו ט ש ע ר: אייער עהרען־וואָרט איז ניט קיין אָקס... איך קען איהם ניט קוילען און מאַכען פליייש...

ג ר אָ ס ע ר ע ר: א חכם פון דער מה נשתנה... ער צאָהלט חובות מיט אן עהרען־וואָרט!...

ר ב ק ה: וואָס דאַרפט איהר איהם נאָך בעליידיגען?... וועה! וועה! בעסער ניט געבוירען ווערען, איידער זיין אן אָרימאַן! (וויינט).

פּ ע ר ל י ן: איך בעט אייך, מאַכט ניט קיין סקאַנדאַלען. קיין געשרייען ביי מיר אין הויז... איך ווייס, איהר זייט אויך ניט קיינע קאפּיטאַליסטען... דערום קענט איהר בעסער פערשטעהן מיין

לאַנג... איך האָב איצט ניט קיין געלט... אָבער זעהט, איך האָב נאָך אַ געזונטע פּאָר הענט!... איך וועל נאָך קענען ארבייטען און פערדיענען...

גראָסערער: איהר וועט מיר ניט פּעררעדען די ציינהן מיט אַלטע באָבע-מעשיות! איך בין ניט מחויב לויפען צו יעדען קבצן טויזענד מאָל נאָך מיין געלט!

בוטשער: סעי! מאַך ניט קיין נארישע אַנשטעלען! האָסט געטרעסקעט מיין פּלייש, מיין לונג, מיין לעבער... גיב געלט!

פּערלין: וואס ווילט איהר פון מיר? וואס זאָל איך אייך געבען? מיין נשמה? מיין הארץ זאָל איך אייך שניידען? וואָס מיינט איהר, מיין געדולד האָט קיין גרעניץ ניט? איהר מיינט, אַז ווייל איך בין אַן אָרימאַן, מעגט איהר מיך בעליידיגען?... פּאָרט פון דאַנען! איך וועל אייך ווייזען!...

רבקה: (זי לאָזט איהם ניט) מען דאַרף ניט! מען דאַרף ניט! איך בעט דיך יעקב!...

פרומקע: (צו לאָקש'ן און ווינקעלמאַנען) וואָס קוקט איהר זיי אין די ציינהן אריין? טרייבט זיי פון דאַנען צו אַלע שווארצע יאָהר!..

לאָקש: עי, חברה! איהר ווייסט, וואס דער פסוק זאָגט מכה קריזים? דער פסוק זאָגט: מען נעהמט ניט, מען גיט ניט און מען צאָהלט ניט! קיש! קיש! קיש! (ער טרייבט זיי).

ווינקעלמאַן: (טרייבט זיי און זינגט) עי זעליאָנאַיאַ סאָמאַ פּאָידיעט! סאָמאַ פּאָידיעט!

פרומקע: (טרייבט זיי מיט'ן בעזים) קריזים! קריזים! קריזים! קריזים! (זיי טרייבען זיי ארויס.)

(פאָרהאַנג.)

צווייטער אקט.

(דאָס אייגענע צימער, די קינדער שלאָפען אויף דער ערד, רבקה זיצט און נעהט, שטאַרק פערענדערט).

ר ב ק ה: וואָס פאַר אַ ביטערע, פינסטערע צייט דאָס איז! מיר האָבען דאָך אַלע יאָהר אויף זיך סלעק מיט שלעק מיט צרות, אָבער אַזאַ שרעקליכען נויט האָבען מיר נאָך ניט געליטען. מיין יעקב איז צו שטאַלץ, ער זאָל בעטען הילף, און קיין ארבייט קען ער ניט קריגען. די קינדער הונגערען. ער געהט אום אָהן אַ קאָפּ! אָי! אָט דאָס איז דעם ארבייטער'ס לעבען... מען לעבט, אום מען זאָל ניט שטאַרבען פון נויט און הונגער, און מען שטאַרבט, אום אויפצוהערען ליידען הונגער און נויט. אָט אַזוי מוטשעט מען זיך אָב דאָס ביסעל יאָהרען. ווער פון אונז וויים פון פרייד, פון פערגעניגען, פון צופריע־דענהייט? (פרומקע קומט פון דער גאַס). פרומקע, וואו לויפט איהר אום אַ גאַנצען טאָג?

פ ר ו מ ק ע: וואָס האָב איך צו טהאָן אין דער היים? קוקען אויף מיין לאָקש? איך געה צו מיינע לאַנדסלייט. ביי אייניגע טרינק איך אַ גלעזעלע טהע, ביי אַנדערע פערבייס איך... בלייבען דערוויי' די עטליכע קאָפּיקעס אין קעשענע. מיין משה לאָקש איז נאָך ניט געקומען?

ר ב ק ה: וואו איז ער דען?

פ ר ו מ ק ע: איך האָב איהם געשיקט, ער זאָל אויך עפּעס טהאָן. איך האָב געהערט, אַז עס האָבען זיך פערזאַמעלט פיעלע מענשען און אידען, וועלכע ווילען מאַכען אַן עק פון דעם קריזיס. וואָס־זשע וועט ער אויסזיצען אין דער היים? אַלע געהען מלחמה האַלטען מיט'ן קריזיס — לאָז ער אויך געהן. אפשר וועט מען טאַקע טיילען געלד דערנאָך. פאַרוואָס זאָלען מיר בלייבען אין דרויסען?... קראַנק איז ער, שונא ישראל, טהאָן וואָס אַלע טהוען?

ר ב ק ה: עס וועט אייך העלפען, ווי אַ טויטען באַנקעס. שאַ, ווער געהט עס? (משה לאָקש קומט מיט אונטערגעשלאָגענע אויגען, דער

סורטוק אונטען צוריסען ביז'ן האלז) אַט געהט ער שוין פון דער מלחמה... אַ שעהנער „רעצאָלוועגער" !...

פ ר ו מ ק ע : וואָס איז דאָס ? אַ קלאָג צו דיינע יאָהרען...

ל אַ ק ש : וואָס איז דאָס ? דאָס איז אַ קריזים... דו האָסט מיך געשיקט מלחמה האלטען מיט'ן קריזים, האָט דער קריזים מלחמה געהאַלטען מיט מיר...

פ ר ו מ ק ע : אוי ! ניט געראַכט זאָלסטו ווערען ! ווער האָט דאָס דיר אזוי צופליקט ?...

ל אַ ק ש : דו ווייסט ניט ווער ? איך וועל דיר דערצעהלען ווער. מיר זיינען אַלע געקומען אויפ'ן מיטינג. עס זיינען געוועזן אזוי פיעל מענשען, אז עס איז געווען פינסטער אין די אויגען און ניט גוט אויפ'ן הארצען. אַלע האָבען געברענט און געפלאַקערט און געשריען — האָב איך מיך אויך צופלאַקערט ווי אַן אויוועז... דאַן האָט זיך געשטעלט דער אָראַטאָר און געזאָגט : ברידער ! ווילט איהר מאַכען אַ תל פון דעם קריזים מיט איין קנאַק ? יאָ ! האָב איך געזאָגט. נאַראָנים ווער לאָזט אייך ניט ? — האָט דער אָראַטאָר געזאָגט. — ווילט איהר ברויט ? געהט אין די בעקערים און נעהמט. דאַרפט איהר הויזען ? יאָ ! האָב איך אַ געשריי געטהאָן. נו, געהט אין אַ קלאָדינג סטאָר און נעהמט הויזען — האָט דער אָראַטאָר געזאָגט. — אַי ! קוים האָט נאָר דער אָראַטאָר ארויסגעלאָזט פון זיין מויל : הויזען... זיינען אריינגעשפרונגען דריי מלאכי הבלה... און אַי, אַי !...

פ ר ו מ ק ע : וואָס פאַר אַ מלאכי הבלה ?... מאַצאַפּורע דו !

ל אַ ק ש : בהמה, דו ווייסט ניט ? דריי פעטע פּאָליסלייט האָבען זיך אריינגעשטופּט אין מיטען דער קאָשע אריין און האָבען אָנגעהויבען קנעטען, ווי אַ אידעטע קנעט טייג אין אַ דייזשע... דו מיינסט, איך האָב זיך דערשראָקען ? ניין ! איך בין געבליבען ביי מיין זינען... האָב אַלס פערשטאַנען... איך האָב גוט פערשטאַנען, אז מען דאַרף מאַכען אַ ויברח... אַי !... איינער פון די טייוולען האָט מיר אָבער אַ זעץ געטהאָן גלייך אין... אין קריזים אריין און איך בין געפאַלען. נו, דאָ האָט מען מיר אריינגעלעגט וויפיעל עס איז אריין... אַי ! אַלץ איבער דיר, איבער דיר ! דו מרשעת, משלחת... דו מכשפה לא תחיה !... אַי, אַ מפּלה זאָל אויף דיר קומען !...

פ ר ו מ ק ע : שאַ, שאַ ! וואָס נעהמסטו זיך אזוי איבער ?

בן־יחיד מיינער... עס איז קיין גרויס אונגליק ניט! דאנק גאָט, זיי האָבען צוריסען דעם סורטוק אזוי, אז מען קען איהם פערריכטען... און די קלעפּ וועלען זיך גיך פערהיילען... ניש־קשה, אויף אַ הונד איז קיין פערפאַלענער קלאָפּ ניטאָ. (פּערלין געהט שטיל אריין).

ל אָ ק ש: (האלט זיך ביי די זייטען) אָי, אַ קריזיס! אָי, די קרי־זישעם!... אָי!

פּ ע ר ל י ן: וואָס איז? איהר זייט אויך געווען צווישען די אידישע וואָיאַקעס? (רבקה לויפט צו איהם צו).

ל אָ ק ש: זי! זי, די ימח־שמה'ניצע, האָט מיך אריינגעוואָר־פען צום טייוועל אין די לאָפּעס אריין. זאָל קומען אַ פּגירה אויף יעדען מאַנסביל, וואָס פאָלגט זיין ווייב!

פּ ע ר ל י ן: (מיט אַ טרויעריגען שמייכעל) אָי, לייכטזיניגע מענ־שען! איהר ווילט מיט אַ שטרוי איבערהאַקען אייזערנע קייטען... ניין, ניין! די קייטען זיינען נאָך צו שטארק!... רבקה, וואו זיינען אונזערע קינדער?

ר ב ק ה: די קינדער? זיי שלאָפען. יעקב, דו ווילסט געוויס עסען?

פּ ע ר ל י ן: איך? וואָס זאָרגסט זיך פאר מיר, נאַרעלע? איך האָב פערביסען... האָסטו עפּעס געגעסען? זיינען די קינדער ניט הונגעריג?

ר ב ק ה: איך?... יאָ... איך האָב געגעסען. האָב ניט קיין יסורים. די קינדער... זיי זיינען אויך ניט הונגעריג. וואָס ביזטו אזוי בלאַס?

פּ ע ר ל י ן: (פערטראַכט) יאָ! מיט אַ שטרוי איבערהאַקען די שטאַרקע אייזערנע קייטען, וועלכע האָבען זיך איינגעגעסען אין אונזער פלייש... וועלכע האַלטען אונז אָב און צווינגען מאַכען קליינע טריט־לעך. כאַ, כאַ, כאַ! נאַראָנים, איהר פערשטעהט אַליין ניט, ווי שוואַך איהר זייט נאָך און ווי שרעקליך שטאַרק איז אייער פיינד... (ער ציטערט) וואָס זיינען מיר? וואָס קענען מיר טהאָן? ווער קען אונז העלפען, אז מיר אַרבייטער אַליין ווילען זיך ניט פעראייניגען? אַז מיר אַליין פערשטעהען נאָך ניט אונזער לעבען, אונזערע אינטע־רעסען, אונזערע רעכטע? עלענד, צרות, אַרמוט, הונגער, בזיונות, נויט — דאָס איז אונזער אורטייל!... (טרעהרען שטיקען איהם) ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג נאָך?

ר ב ק ה : וועה איז מיר, יעקב! וואָס איז מיט דיר? דו פיהלסט ניט גוט?

פ ע ר ל י ן : זיי רוהיג מיין טהייערע! איך בין נאָר שרעקליך מיעד. פון פאַרטאָג אָן האָב איך געוואַנדערט איבער די גאַסען פון ניו יאָרק און ברוקלין. וואו איך האָב נאָר געזעהן א שאָפּ, א פעקטאָרי, בין איך געגאַנגען בעטען ארבייט, וואָס עס איז פאַר א ארבייט, פאַר וואָסער עס איז בעלוינונג. ניטאָ! ערגיץ ניטאָ קיין ארבייט! די וועלט דאַכט זיך איז אזוי גרויס און דאָך איז ניטאָ וואו צו פערדיע־נען א שטיקעל שוואַרץ ברויט... וואָס־זשע איז? די גאַנצע וועלט איז פּלוצלונג אזוי אָרעם געוואָרען? דער קריזיס האָט מיט איין קלאַפּ פערניכטעט אַלע מיטלען צו לעבען? ניין! אין די ביער־סאַלונען זעה איך מענשען מיט גראָבע בייכער און מיט פרישע פּנים׳ער. זיי לאַכען און טרייבען שפּאַס. אין די רייכע רעסטאָראַנען זעה איך רייך־געקליידעטע מענשען. מען זיצט און מען עסט די טהייערסטע מאכלים. מען זויפט דעם בעסטען וויין. קערעדזשעס פאָהרען אום אהין און אהער. רייך־געקליידעטע הערען און דאַמען. זיי ריידען אזוי פרעהליך, אזוי לעבהאַפט! מוזיק שפּיעלט ווי שטענדיג אויף די בולוואַרען. די טהעאַטערע זיינען פול מיט יום־טוב׳דיגע בעזוכער. מען לעבט א גוּ־טען טאָג; נאָר מיר, נאָר מיר ארבייטער פיהלען אויף אונזערע פּליי־צעס דעם גאַנצען לאַסט פון דעם שרעקליכען קריזיס! נאָר מיר! אָה! ווען איך געה אין מיטען טראָטואַר און בעגעגען א פעטען בור־זשוא, וועלכער איז אָנגעשטאָפּט ווי א חזיר, און דער פּנים איז ביי איהם רויט ווי בלוט; ווען איך זעה, ווי אויף זיין געזיכט איז צוגאָסען א זעלבסט צופריעדענהייט און זיינע טרפה׳נע ליפּען שמייכלען מיט א איראָנישען געלעכטער; ווען איך זעה, ווי ער רייניגט זיינע צייהן מיט א טוטפּיק, נאָך דעם גוטען דינער, וואָס ער האָט ערשט געפרעסען, און זיינע אויגען בלישטשען מיט א גנב׳ישען פייערעל... אָה! דאַן דאַרף איך האָבען אָן אייזערנעם ווילען, איך זאָל קענען הערשען איבער זיך... די אויגען גיסען זיך אָן ביי מיר מיט בלוט און דאָס האַרץ קאָכט... הרג׳ענען! הרג׳ענען ווילט זיך מיר דעם בלוט־זויגער! צורייסען אויף שטיקער! דערוואַרגען דעם שלעכטען קערל, וועלכער מאַכט חוזק פון מיר, וועלכער לאַכט פון מיין אונגליק, פון מיין הונ־גער, פון מיין נויט! ער האָט געפרעסען ער האָט געזויפען! און

מיין ווייב, מיין אָרימע קראַנקע פרוי, מיינע קליינע אונשולדיגע עופ'עלעך געהן אוים פון הונגער! (אַלע וויינען. צוויי מיטגליעדער פון רעליעף - קאָמיטע קומען).

א י י נ ע ר פ ו ן ז י י : גוד איווגינג! (זיי קוקען זיך אום).

פ ר ו מ ק ע : גוד איווגינג! וועמען דאַרפט איהר?

א י י נ ע ר פ ו ן ז י י : דאַכט זיך מיר האָבען געטראָפען אהער. דאָס איז 3179 לודלאָוו סטריט... טאָפּ פלאָר...

פ ר ו מ ק ע : יאָ, דאָ איז טאָפּ פלאָר. וואָס וועט איהר זאָגען?

א י י נ ע ר פ ו ן ז י י : מיר האָבען ערהאַלטען א נאַכריכט, אַז דאָ געפינט זיך א פאַמיליע אין א שלעכטער לאַגע... מען זאָגט נאָך, אַז דאָס איז אונזערער א געגאָסע...

פ ר ו מ ק ע : נו, איז וואָס־זשע ווילט איהר? דער קריזיס האָט דאַנק גאָט אַלעמען געמאַכט פאַר קורנאָסע...

א י י נ ע ר פ ו ן ז י י : מיר זיינען פון דער רעליעף־קאָמיטע. מיר זיינען פערפליכטעט אונטערשטיצען מיט ווי ווייט מעגליך.

ר ב ק ה : אָה! דאָס האָט מען אייך געוויס צו אונז...

פ ע ר ל י ן : שש! איך ווייס ניט וועמען איהר מיינט... עס איז געוויס ניט דאָ. די אַדרעסע איז ניט ריכטיג. (ער געהט אַרויס. רבקה נאָך איהם).

א י י נ ע ר : ווער־זשע קען דאָס זיין? איהר ווייסט ניט? דאַכט זיך די אַדרעסע איז ריכטיג.

פ ר ו מ ק ע : דאָס האָט מען אייך אויף אונז אָנגעוויזען. מיר זייפען דאָס...

א י י נ ע ר : הערסט? היינט וואָס מאַכט איהר פוילע שטיק? היינטיגע צייטען איז ניטאָ וואָס צו שעהעמען זיך. געהט טראָגט אריין דריי לאַבען ברויט. ווילט איהר אפשר געריוכערטע פלייש אָדער קאָלבאַס אָדער סאַטשיצעס? (צווייטער אָב).

פ ר ו מ ק ע : געוויס, געוויס! וואָס דען... זייט איהר גיבערס, טאָ גיט אַז מען זאָל האָבען וואָס צו זעהען...

ל אָ ק ש : ווי מיינט איהר, פעטער, דער קריזיס האָט אַן עק?

פ ר ו מ ק ע : איך וועל דיר שפּעטער ענטפערען אויף דיין קלאָץ־קשיה (דער צווייטער קומט מיט ברויט, קאָלבאַס און סאַטשיצעס).

א י י נ ע ר : אָט האָט איהר ברויט.

פ ר ו מ ק ע : אָט דאָס איז אייער ברויט ? שוואַרץ ברויט און אַלט־געבאַקקנע. איך זאָג אייך, איהר וועט מיך גליקליך מאַכען מיט אָט די דריי הארטע שטיינער!...

א י י נ ע ר : שש! אָט וועל איך אייך ברענגען פון וואַגען וויס ברויט. בייזערען זיך דאַרף מען ניט. (אָב מיט'ן ברויט).

פ ר ו מ ק ע : אָט דאָס איז ביי אייך אזא קאָלבאַס? וועה איז מיר! דאָס איז דאָך גאָר א פערדארטע קישקע אָנגעשטאָפּט מיט בית־עולם ערד... עס איז שוין גוטע יאָהרען, אז מען וויל פון סאָציאַ־ליסטען דערוואַרטען זיך עפּעס... זעה נאָר, לאָקש, א סאָציאַליסטישער קאָלבאַס... (ער לאַכט).

צ ו ו י י ט ע ר : אז אייך געפעלט ניט דער סאָציאַליסטישער קאָלבאַס, וועל איך אייך ברענגען א געסמוקטען צונג. נאָר ניט געביי־זערט זיך. (אָב מיט'ן קאָלבאַס. אנטקעגען קומט דער ערשטער מיט וויס ברויט).

ע ר ש ט ער : אָט האָט איהר וויס ברויט. עסט געזונטערהייט און בייזערט זיך ניט.

פ ר ו מ ק ע : און קיין אנדערע סאַטשיצעס האָט איהר ניט?

ע ר ש ט ע ר : ניין! אז די געפעלען אייך ניט וועל איך זיי צוריקנעהמען.

פ ר ו מ ק ע : א ברירה האָט מען?... מיר זיינען דאָך שוין געוועהנט געוואָרען דערצו, אז מען זאָל אונז בע'גנב'ענען און בע־ראַבעווען! (דער צווייטער קומט מיט א גערויכערטען צונג).

צ ו ו י י ט ע ר : אָט האָט איהר א צונג. נאָר ניט געשריען און ניט געבייזערט זיך. וואס עס איז מעגליך צו טהאָן טהוען מיר.

פ ר ו מ ק ע : נו, און קיין געלד גיט איהר עפּעס גאָר ניט?

ע ר ש ט ע ר : געלד? איהר וועט דערלאַנגען אַן אַפּליקיישאָן, וועט מען אייך אפשר מיט עטליכע סענט אויך אונטערהעלפען.

פ ר ו מ ק ע : עטליכע סענט! דאָס איז די גוטע הילף... נו, זאָגט אליין, דאַרף מען ניט אויסלאָזען צו אייערע קעפּ אַלע פינסטערע ביטערע חלומות?...

ע ר ש ט ע ר : נו, איהר וועט אפשר וועלען אונז בעדאַנקען מיט א קאַטשעלקע אָדער מיט א קאַטשערע? קומט, גענאָסע. (ביידע אָב).

פ ר ו מ ק ע : וואס דען? מיר האָבען דאָס ניט פערדיענט? אך! אזא ביטערע עבירה, וואס איך בין איצט ניט קראנק: איך וואָלט געקענט האָבען א דאָקטאָר און מעדיצין אויך אומזיסט... מען זאָגט, אז זיי גיבען ווײן פאר קראנקע און טשיקענס... ווען נאָך קען זיך טרעפען אזא גליק? משה! משה, דו ווערסט מאָרגען מוזען גע־הען זאָגען, אז זיי זאָלען מיר שיקען א דאָקטאָר...

ל אָ ק ש : מיט וואס פאר א חלאת קרענקסטו?

פ ר ו מ ק ע : נו, און דאָס וואָס איך בין א בעזדיטיכע איז קיין חולאת ניט? קראנק איז די רעליף־קאָמיטע מיך אויסהיילען... האָסטו געהערט אביסעל?! וואס בין איך ניט אזא אידינע ווי אלע ווייבער? פאר וואס זאָלען די סאציאליסטען אויספיהרען, אז איך זאָל בלײבען אן אייביגע בעזדיטקניצע? (זי טראגט אָלעס צו זיך אין צימער און קעהרט זיך אום).

ל אָ ק ש : פאר וואס נעהמסטו איננאנצען? לאָז איבער פאר זיי אביסעל.

פ ר ו מ ק ע : היינט איז שוין שפעט צו עסען. און מאָרגען וועל איך זיי אויך געבען... אין אזא צייט דארף מען לעבען מיט תכלית... טהו אָן אן אנדער דזשעקעט און קום. מיר'ן ארייננעהן צו ברוך־פייוועש'ן.

ל אָ ק ש : (טהוט אָן אן אַנדער דזשעקעט) קום צו פייוועש'ן, קום צו טאָדרעס'ן, קום צו זרח'ן. אויף דערויף איז דאָך א קריזיס, מען זאָל ארומגעהן פראווען וויזיטען. אַי, אַי! ווי ווער — מיינע זייד־טען וועלען געוויס גוט געדענקען דעם קריזיס.

פ ר ו מ ק ע : (פערשליסט די טיר פון איהר צימער) קום, קום, דו קלוגער לאָקש מיינער! (ביידע אָב. די קינדער קומען אריין).

א י י נ ע ר פ ו ן ד י ק י נ ד ע ר : מאמא, מאמא! (רבקה געהט ארויס).

ר ב ק ה : שש! שטיל, קינדער, שרייט ניט. דער פאָפּא איז אנדרעמעלט געווארען.

ק י נ ד ע ר : עס ווילט זיך עסען! עסען!

ר ב ק ה : שש! שרייט ניט! לאָז דער טאטע ניט הערען, אז איהר זייט הונגעריג. ער האָט אזוי אויך שרעקליכע יסורים. איהר ווייסט וואס? ווערט אנטשלאָפען און פערגעסט, אז איהר זייט הונ־

גערינ. און מאָרגען אין דער פריה וועל איך אייך געבען פּוטער מיט בולקע, וועל איך קאָכען קאַפּע און א גוטען סופּ מיט פלייש. שלאָפט מיינע טייערע, זייט רוהיג, שטיל. אייער פּאַפּעלע איז נעביך מיעד. שלאָפט... (זי דעקט זיי צו, זעצט זיך לעבען זיי און קלאַפּט דעם קלע־נערען מיט'ן האַנד). אָי, אָי! שלאָפט־זשע, שלאָפט־זשע שעפּעלעך! שלאָפט־זשע זיסע קינדערלעך מיינע! (זי וויינט שטארק, אָבער שטיל).

פּ ע ר ל י ן : (קומט אריין) רבקה! אָרימע, אונגליקליכע מו־טער!

ר ב ק ה : (ווישט אָב די טרערען) דו שלאָפסט ניט? וועה איז מיר! (ער הויבט זי אויף).

פּ ע ר ל י ן : ניין, איך שלאָף ניט! ווייל מיין הארץ שלאָפט נאָך ניט אין מיר... איך קען ניט רוהיג זיין, ווייל אונרוהיגע גע־דאנקען שפּאַלטען מיר מיין מוח... רבקה, וואס דאַרפען מיר נארען איינער די אנדערע? דער הונגער־טויט געהט... מיר שטארבען ביס־לעכווייז אַלע טאָג... מיין רבקה! מיין גוטע, שטילע טויב! מיין טייערסטער פריינד! מיין לעבען! דו ווילסט פערמאַסקירען אונזער נויט? איך זעה, איך פיהל, איך פערשטעה אלעס! (טרערען שטי־קען איהם) מיינע קינדער האָבען ניט וואס צו עסען, דו געהסט אויס פון הונגער.

ר ב ק ה : יעקב, יעקב מיינער!... (זי פאַלט אין זיינע אָרעמס און וויינט).

פּ ע ר ל י ן : דו שווייגסט און אפשר אין הארצען ביזטו בייז אויף מיר, וואס איך געה ניט בעטלען, שנאָרען?... וואס איך בעט ניט קיין הילף?...

ר ב ק ה : איך אויף דיר בייז? טייערער! איך ווייס, אז דו האָסט א טייער הארץ, און וואס דו טהוסט — טהוסטו ווי אן איי־דעלמאַן...

פּ ע ר ל י ן : יא! איך ליעב אייך, איך בין בערייט פאר אייך אָפּפערען מיין לעבען, אבער בעטלען? איך האָב זיך עטליכע מאָל בעשלאָסען דאָס טהאָן, אָבער איך קען ניט. און אז איך זאָל מיך שוין יאָ ערנידריגען און געהן בעטען — וואס קענען זיי מיר העל־פען? מיט א נדבה קען מען ניט פערבעסערען די לאגע פון אן אונגליקליכען ארבייטער. מען קען אביסעל אָבציהען זיין טויט,

מען קען נאָך זיינע צרות לענגער און זיינע יסורים מעהרער מאַכען...
רבקה מיינע! צי דען אזא לעבען האָב איך דיר צוגעזאָגט, ווען
איך האָב דיך גענומען? ווען דו ביזט געווען ליכטיג ווי די זון, בליה־
ענד ווי א שעהנע בלום, פריש ווי א פריהמאָרגען אין מאַי מאָנאַט?
וואס איז פון דיר געוואָרען? וואס האָט געמאַכט פון דיר דאָס בי־
טערע לעבען? ניין, ניין! איך האָב ניט קיין קראַפט מעהר איבער־
צוטראָגען! איך האָב שוין ניט קיין געדולד מעהר צו ליידען!

ר ב ק ה: פאַל ביי זיך ניט אראָב! שטאַרק זיך נאָך אבי־
סעלע! מיר טאָרען זיך ניט פערצווייפלען! מיר ווייסען, אז שטענ־
דיג קען אזוי ניט בלייבען! יעקב! איך האָב שרעקליכע קאָפּ־שמער־
צען....

פ ע ר ל י ן: איך וויים! דאָס איז דער הונגער... דער הונגער!
דיזע קאָפּ־שמערצען זיינען מיר בעקאַנט... אונגליק, אונגליק!

ר ב ק ה: ניין, איך פיהל ניט גוט... מיינע קרעפטען פער־
לאָזען מיך... פיהר מיך אוועק אין מיין צימער.

פ ע ר ל י ן: אי! פאַר וואס בין איך אזוי שוואַך און אונ־
מעכטיג, קען זיך ניט העלפען, קען אייך אַלע ניט מאַכען גליקליך?
פאַר וואס קען איך ניט אוועקראַמען פון אונזער וועג אַלעם וואס פער־
ביטערט? (ער פיהרט זי) העלפען קען איך אייך ניט, אָבער מאַ־
כען אַן ענדע פון אונזערע פיין און קוואַלען — דאָס קען איך... גע־
נוג! גענוג ליידען! גענוג וואַרטען! איך קען ניט מעהר! איך וויל
ניט מעהר! (ער פיהרט זי אַרויס, ווייזט הערט זיך ווי אַ כאָר זינגט
מאַרסעליעזע, ער קעהרט זיך אום).

פ ע ר ל י ן: זי שלאָפט! די קינדער שלאָפען! וואס פאַר
אַ ביטערער שווערער שלאָף... האַ? מען זינגט די מאַרסעליעזע...
דאָס געהען אונזערע פון יוניאַן סקווער... זיי געהען! און וועלען
געהן פאָרווערטס אויך ווען אייניגע וועלען פאַלען... איך געה ניט
ווייטער... היינט! באַלד ענדיג איך מיינע חשבונות... בעסער ענ־
דיגען מיט אמאָל ווי דער מוטשען זיך לאַנגע יאָהרען־ווייז... אַן ענ־
דע! איך האָב אייך ליעב און וויל ניט איהר זאָלט זיך נאָך מיין
טויט פּלאָגען... צוזאַמען וועלען מיר געהן שלאָפען דעם עוויגען שלאָף...
(ער דעקט אָב די קינדער) מיינע קינדער! מיינע יונגע טייבעלעך,
פיינע אונשולדיגע ענגלען! (ער וויינט) יאַ! יאַ! איך גלויב, אז עס

וועט אמאָל קומען א גליקליכע צייט! איך האָף, אז ניט לאַנג נאָך וועלען מיינע ברידער קעמפפען... אָבער איך בין קיין קעמפפער מעהר.. ד'ער פיינד האָט מיך פערוואונדעט... איך פאַל... איך שטאַרב... זיי שטאַרבען מיט מיר.. (ער מאַכט גוט צו די טהיר, די פענסטער, פער־שטאָפּט מיט פּאַפּיער און טיכלעך אַלע שפּאַלטען) איך וועל עפענען אַלע רעהרען... איך וועל ארויסלאָזען דעם גאז, און מיר וועלען אַלע אנט־שלאָפען ווערען מיט א שטילען, עוויגען שלאָף! האָב איך דאָס רעכט אייך צו טויטען? אָ! איהר געהערט נאָר אונז ווען איהר זייט קליין... איהר זייט אונזער טרייסט, כל זמן אייערע פיסעלעך קענען נאָך ניט שטעהען ביים ווערקשטאַט און אייערע הענטעלעך קענען נאָך ניט קלאַפּען מיט'ן האַמער... אָבער פון וועמעס וועגען האָדעווען מיר אייך אויס? אונזערע זיהן נעהמען זיי אָב ווי באלד זיי קענען ניצליך זיין און ארבייטען... אונזערע טעכטער מאַכען זיי אָדער פאַר שקלאַ־פינען, אדער פאר מעטרעסען... ניין! ניין! מיינע קינדער נעהם איך מיט זיך, איך וועל זיי ניט לאָזען אליין זיך דאָ פּלאָגען!... איך וועל ניט דערלאָזען מען זאָל אייך דאָ שעכטען ווי קרבנות אויף דעם מזבח פון קאַפּיטאַליזמוס. דאָס איינציגע וואס איך קען טהאָן — ניט לאָזען אייך מוטשען זיך אויף דער וועלט... (וויינט) יאַ, איהר וועט אַנטשלאָפען ווערען, אום מעהר ניט אויפצושטעהן צו דער אַרבייט, אנטשלאָפען ווערען, אום מעהר ניט ליידען קיין הונגער, קיין נויט, קיין צרות!... (ער לעשט דעם גאַז און עפענט די רעהרען) גיך! וועט זיין א סוף... רבקה, מיין אונגליקליכע מאַרטירערין, פערצייהע מיר... דיינע צרות ענדיגען זיך.... קינדער! (ער שטיקט זיך און וויינט) קינדער מיינע! אדיע! אדיע!... (ער זעצט זיך און לייגט זיין קאָפּ אויפ'ן טיש, ווייט זינגט מען די מאַרסעליעזע, אַלץ נעהענטער און נעהענטער, ביז עס ווערט שטיל) זיי געהען! אליין! אָהן מיר! וואס טויג א סאָלדאַט, וואס האָט קיין קראַפט צו שטרייטען?... וואס טויג א קעמפ־פער ווען ער האָט מעהר קיין ענערגיע און קיין געדולד! טויט! טויט קום גיכער... און מאַך אן ענדע פון אונזער שווער לעבען... גרויסע שווארצע און גרינע קרייזען פליהען אום אין דער לופטען... דער קאָפּ ווערט שווער... די אויגען פערציהען זיך מיט א נעבעל... דער טויט קומט... אן ענדע... ענדע... (ער ווערט אנשוויגען, עס הערט זיך ווידער די מאַרסעליעזע נעהענטער... פיעל מענשען געהען. א גערויש, מען קלאַפּט אין טהיר).

ר ו י נ ק ע ל מ א ן : (אונטער'ן טהיר) פערלין! פערלין! גענאַ־סען! (ער קלאפּט).

ר ב ק ה : (מיט אַ שוואַך קול) יאקאָב! יאקאָב, מען קלאַפּט.. יאַ־קאָב!... (זי געהט אַרויס, שאָקעלט זיך, מען קלאפּט) יאקאָב!... (זי פאַלט אין מיטען צימער).

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : עפענט! וואס איז דאָס עפּעס?... עס שמעקט געז געפעהרליך... (ער קלאפּט שטארק) עפענט!...

פ ע ר ל י ן : ווער קלאַפּט... (ער וויל אויפשטעהן און פאַלט).

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : ברעכט אויף די טהיר... גיכער! ברידער! (זיי רייסען אויף די טהיר און לויפען אריין, פיעל מענשען) פו! עפענט די פענסטער, די טהירען, פול מיט געז! אַ! וואס איז דאָס? פערלין! אונגליקליכער!... זיין פרוי! זיי לעבען! זיי לעבען נאָך.. נאָך אַ דאָקטאָר! נאָך אַ דאָקטאָר געשווינד! (מען עפענט אלע טהירען, מען מינטערט זיי) פערלין! ווי האָט איהר געקענט טהאָן אזא זאַך! ווי...

פ ע ר ל י ן : איך האָב ניט געהאַט קיין מוטה מעהר..

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : נו, און אויף אונז, אויף אייערע ברי־דער, אייערע פריינד, האָט איהר פערגעסען?

פ ע ר ל י ן : פערצייהט מיר... איך האָב מיך פערצווייפעלט... איבער מיין פרוי, מיינע קינדער.. זיי האָבען געוואָלט עסען, האָב איך זיי געגעבען געז...

אַ ל ע : זיי לעבען! זיי לעבען! אָט איז אַ דאָקטאָר! (דער דאָקטאָר מיט זיין מעדיצין, פרומקע און לאַקש לויפען אריין).

פ ר ו מ ק ע : וועה איז מיר, וואס האָט זיך דאָ געטראָפען?

ל אַ ק ש : וואס איז? אַ נייער קריזיס?

ו ו י נ ק ע ל מ א ן : זיי האָבען ניט געהאַט וואס צו עסען... האָבען זיי גענומען געז...

ל אַ ק ש : וואָסערע מאָדנע מענשען זיי זיינען? איך וויים! איך זאָל זיין הונגעריג וואָלט איך מיט געוואַלד ארויסגעריסען ביי יע־נעם פון די צייהן! און זיי האָבען די גאנצע צייט געלייקענט!

פ ר ו מ ק ע : עס איז דען ניטאָ חלילה וואס צו עסען? (זי לויפט אין איהר צימער).

ל אַ ק ש : שלעפּ נאָר אהער דעם סאָציאַליסטישען קאָלבאַס... דו אשת חיל!

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן : אַך ווי גליקליך מיר זיינען! מיר זיינען גראַדע געקומען צו דער צייט... אַך! וואָס פאַר אַ מיטינג עס איז געוועזן ביי אונז! ווי בעגייסטערט אַלע זיינען געוועזן! מיר האָבען פערגעסען אויף אַלע אונזערע צרות... און ער, פערלין, אונזער לעבעדיגער יונג... אונזער פייערדיגער קעמפפער האָט גאָר אראַבגעלאָזען די נאָז!

פ ע ר ל י ן : פערצייהט מיר! פערצייהט מיר טהייערע ברידער, איך ווייס אַליין ניט פון וואַנען אַזעלכע שוואַרצע געדאַנקען... (ער, זיין פרוי און קינדער געהען אָב אין צווייטען צימער).

א י י נ ע ר : ברידער! מיר האָבען שוין לאַנג געדאַרפט קומען איהם צו הילף! אַרוים מיט געלד ווער עס קען. (ער נעהמט זיין הוט).

א י י נ ע ר : מעהר האָב איך ניט! (אַלע גיבען אין גאַנצען).

צ ו ו י י ט ע ר : איך האָב קיין געלד, היער איז מיין אוהר (גיט).

ד ר י ט ע ר : נאַט אייך מיין רינג, איך דאַרף עס אויף כפרות. (גיט).

פ י ע ר ט ע ר : (וואַרפט פון זיך אַראָפּ זיין פּאַלטאָ) וואָס דאַרף איך זומער אַן אָווערקאָוט? שלעפּט דאָס אַלעס אין פּאָון שאָפּ!

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן : אַ! אַ! עס איז דאָ אויף אַ מאָנאַט וואָס צו לעבען און דאַרטען וועלען מיר זעהן... מתים! אהער געהט, לעבעדיגע מתים! (פערלין און זיין פרוי קומען) שטאָלצער קבצן! אייערע ברידער וועלען שוין זעהן זאָרגען פאַר אייך. (פרומקע טראָגט אַריין אַלעס וואָס זי האָט פריהער גענומען).

פ ר ו מ ק ע : שטאַרבען גאָר! אַז ניט דערהאַרען זאָלען דאָס אונזערע שונאים!

ל אַ ק ש : דו זעה בעסער וואָס קבצנים טהוען איינע פאַר די אַנדערע!

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן : אַך, ווי גליקליך איך בין! וואָס איך בין געקומען גראַדע יעצט... אָבער דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, עס האָט מיך געצווינגען. מיר זיינען געוועזן אַזוי אויפגעלעגט. אַלע בעגייסטערט. די מוזיק האָט געשפּיעלט און מיר האָבען געזונגען די מאַרסעליעזע. נאָר פערלין איז ניטאָ! קומט ברידער, זאָג איך, נאָמיר

לויפען פריהער, נאָמיר געהן צו פערלין! און פערלין האָט גאָר גע־וואָלט טהאָן אזא נארישקייט!

ל אָ ק ש: מיין נאָמען איז משה לאָקש, און אַלע רופען מיך לאָקש, פונדעסטוועגען וואָלט איך קיינמאָל אזא לאָקשעריי ניט גע־טהאָן.

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן: אָבער גענוג! גענוג רעדען דערפון! עס איז פערביי און עס וועט זיך ניט טרעפען מעהר! (ער קושט פערלין'ען) מיין טהייערער ברודער! ווי איך בין א איד מיר ווילט זיך וויינען פון פרייד! (וויינט) אָבער ניט געוויינט! די ערשטע זאך וואס אזא פי־לאָזאָף ווי איך קען דענקען איז — עסען... פערבייסען איז דאָ וואס, און מיר זיינען אַלע הונגעריג... א שמחה איז ביי אונז, און ביער יועל איך אויך באלד ברייגגען (ער און נאָך איינער לויפען ארויס).

פ ע ר ל י ן: (נעהמט ארום רבקה'ן) פערצייהע מיר, מיין טהיי־ערע רבקה! איך האָב געוואָלט בעגעהן אזא פערברעכען געגען דיר, געגען מיינע קינדער... מיינע ברידער.. (זיי פאלען איינע די אַנדערע אין די ארעמס און וויינען. פרומקע וויינט אויך. ווינקעלמאַן מיט א יונגען מאַן קומען מיט ביער און גלעזער).

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן: גענוג געוויינט! גענוג! פריטיק ברודער טרינקט ביער... (אַלע טרינקען און פערבייסען).

פ ר ו מ ק ע: מאָדנע מענשען, די סאָציאַליסטען... אָבער איך האָב זיי ליעב! שוועסטער מיינע! (זי קושט רבקה'ן און וויינט).

ל אָ ק ש: לחיים ברודער! (ער טרינקט) ניש־קשה, זאָרגט זיך נישט! איהר וועט דארפען רענט אָדער וואס? זאָגט לאָקשען... ביי לאָקשען קענט איהר שטענדיג קריגען א פּאָר דאָלאר! קריזיס! קריזיס! די פּאָליסמענס האָבען מיר שוין גוט פערטייטשט וואָס הייסט קריזיס!

פ ר ו מ ק ע: שווייג, איך וויל אויך זיין א גוטע!..

אַ ל ע: בראַוואָ! בראַוואָ! (לאָקש פּאַלט פערלין'ען אויפ'ן האלז און וויינט, אַלע זינגען די מאַרסעליעזע).

ו ו י נ ק ע ל מ אַ ן: (שרייט) פרעהליכער! לעבעדיגער! וואס שווייגט איהר דאָרט! אַלע! אַלע זינגט! (אַלע זינגען).

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)